STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11877

# HOREVE VELTEN

Abraham Simchah Sachs

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ISBN:0-657-11877-X 00-860

דעם יונגן פריינד
[illegible]
א. ש. זאַקס

א. ש. זאַקס

# חרוב׳ע וועלטען

צווייטע אויפלאגע.

ליטעראַרישער פערלאג
256 איסט בראַדוויי, נויאָרק.
49

Copyright, 1917.
By A. Sh. Sachs, New York.

## צו דער צווייטער אויפלאגע.

די ערשטע אויפלאגע, וואס איז בעשטאנען פון שעהנע עטליכע טויזענד, איז זיך פערנאנדערגענאנגען אין געגנויע אכט חדשים. דאס בעווייזט, אז די „חרוב'ע וועלטען" האבען געפונען א ווארעמען אב־קלאנג אין הארצען פון'ם אידישען פאלק.

בעת מיר שרייבען די דאזיגע צייל'ען, זענען די ידיעות, וואס קו־מען אן פון די שלאכטפעלדער, וואו עס ווערט בעשטימט דער גורל פון פעלקער און נאציאנען, ניט קיין גאנץ פרעהליכע פאר אונז אידען. מיט די ענדערונגען פון דער אייראפעאישער פאליטישער קארטע, ווערט דאס אידישע לעבען צוריסען, צוברעקעלט, צופיצעלט. און ווער ווייס, אויב אט די אבגעזונדערטע טיילען וועלען מיט דער צייט צוריק קענען צוזאמענוואקסען אין איין גאנצען ארגאניזם?

זאלען מיר לכל הפחות געדענקען דאס ריינע, דאס שעהנע, דאס פינטעלע איד פון אונזערע טאטעס און מאמעס...

א חוץ איינינע דרוקפעהלערן, וואס ווערען דא אויסגעבעסערט בלייבט די צווייטע אויפלאגע ניט פערענדערט פון דער ערשטער.

א. ש. זאקס.

פויאק, פעברואר 1918.

# אינהאלט:

## I

## זיטען און מנהגים.


זייט

די צושטערטע אידישע היים — — — — — — 7
דער חדר — — — — — — — — — 10
קינדערשע חברות מיט גרויסע צוועקען — — — 19
דער סיום — — — — — — — — 26
דער שטערטעלשער פאטריאטיזם — — — — 36
אידישע טעכטער — — — — — — — 41
„דער פאליטישער קאמף" אין די אידישע שטעדטלעך
פון ליטא און זאמוט — — — — — — — — 48
פאסקווילען און אויסגעטראכטע לידער — — — 55
גמילת חסד — — — — — — — — 60
הסגת גבול — — — — — — — — 67
אן אורח לכבוד שבת — — — — — — 72
עכוב הקריאה — — — — — — — — 78
די קלפי — — — — — — — — 84
מען טאר ניט אויסזאגען פון חדר — — — — 90


## II

## ליטווישע אידען.


א מעשה וועגען רבי ישראל סאלאנטער — — 99
דער קעלמער מגיד — — — — — — 105
דער ליטווישער למדן — — — — — — 111

III

## שמחות און אבילות.


פסח — — — — — — — — — 119
שבועות — — — — — — — — 128
די „ניין טעג“ — — — — — — — 135
שבת חזון — — — — — — — — 140
תשעה באב — — — — — — — — 146
שבת נחמו — — — — — — — — 154
אלול צייט — — — — — — — — 161
די סקארבאווע יומים־נוראים'דיגע נגונים — — 168
די ערשטע סליחות — — — — — — 173
ראש השנה — — — — — — — 179
שבת שובה — — — — — — — — 185
ערב יום כפור — — — — — — — 190
נעילה — — — — — — — — — 198
סוכות — — — — — — — — — 205
הושענה רבה — — — — — — — 212
שמחת תורה — — — — — — — — 218
הערבסט — — — — — — — — — 226
חנוכה — — — — — — — — — 231
חמשה עשר בשבט — — — — — — — 240
פורים — — — — — — — — — 245

# זיטען און מנהגים.

# די צושטערטע אידישע היים

(אַנשטאַט אַ פאָרוואָרט)

ווי אַ מבול האָט די מלחמה דערטרונקען אין שטראָמען בלוט און טרעהרען הונדערטע טויזענדע אידישע פאַמיליען, וועלכע זיינען פון דור דורות געווען איינגעפונדעוועט אין די שטעדט און שטעדטלעך פון זאמוט און ליטאַ.

ווי בוימער ארויסגעריסען מיט זייערע וואָרצלען פון דעם באָדען, וואו זיי האָבען געוואקסען און געצויגען זייער יניקה, אזוי איז אויך דאָס אי־דיש לעבען איינגאנצען אָבגעשניטען געוואָרען פון דעם לאנד, מיט וועל־כען עס איז געווען פערבונדען הונדערטער יאהרען.

אָבער ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די טראַגעדיע פון יעדען יחיד בעז־זונדער, ווען ער איז געצוואונגען אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען צו נעהמען זיין פאמיליע און לויפען ניט וויסענדיג אליין וואוהין, איבערלאָזענדיג זיין האָב און גוטס, זיינע שווער פערהאָרעוועטע בעבעכעס אויפ'ן יושר פון קאָזאַק — איז די טראַגעדיע פון אידישען כלל נאָך שרעקליכער און שוידערליכער.

אַ יחיד קען סוף־כל־סוף געפינען אַ שטיקעל פּלאַץ, וואו צו עקזיס־טירען און זיך איינצולעבען. דער כלל אָבער קען ניט אריבערטראָגען זיי־נע טראַדיציעס און מנהגים אויף אַן אנדער באָדען: ר ב י ישראל קען אויך לעבען אין רוסלאנד, אין דייטשלאנד, אין אמעריקא און ערגעץ אנדערש וואו; כ ל ל ישראל אָבער קען קיינמאָל צוריק געווינען דאָס, וואָס ער האָט געלאָזען אין זיין אַלטער היים.

די פעדים, וואָס האָבען פערבונדען די פערשידענע פרטים אין איין

כלל, די פערשידענע טיילען אין איין גאנצע, זיינען צוריסען געווארען. מעגליך, אז ביי אנדערע בעדינגונגען, אויף אן אנדער באָ־דען, וועלען זיין אנדערע פעדים, עס וועט פון דעם תהו־ובהו זיך אויס־קריסטאליזירען א נייעס לעבען, אויף די חורבות וועלען אויפגעשטעלט ווערען נייע אידישע געביידען, אָבער דאָס פריהערדיגע איז פערניכטעט, אוועק מיט'ן רויך און פייער און וועט שוין קיינמאָל קיין תקומה ניט האָבען.

אויף מאנכע איינגעוואָרצעלטע געוואוינהייטען, וועלכע זיינען אויס־געראָט געוואָרען, וועט קיינער קיין טרעהר ניט פערגיסען. מען וועט זיי בעגלייטען מיט דער ברכה „ברוך שפטרני“, אָבער אויף פיעלע מדות און מנהגים, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין דעם אידישען לעבען פון ליטא און זאמוט, טהוט שטארק וועה דאָס הארץ. פיל זיטען פון דעם אלטמאָ־דישען אידישען לעבען זיינען עפּעס בעגאָסען מיט א בעזונדערען חן, מיט א בעזונדערער סימפּאַטיע, און קיין ציוויליזאציע און קולטור קען זיי ניט פערבייטען.

און טאקע איצט, ווען אלץ ווערט חרוב און מוחרב, ווען פון אלץ ווערט א תל, פאנגט זיך אָן שטארק צו בייגקען נאָך פיעלע זיטען, מיט וועל־כע דאָס אידיש לעבען אין ליטא האָט זיך אויסגעצייכענט. ווי א טיפער זיפץ רייסט זיך פון הארצען ארויס: חבל על דאבדין.

אונזער גאנצע ציוויליזאציע איז שטאָלץ מיט דעם דעמאָקראטי־שען גייסט, וואָס האָט דורכגעדרונגען אלע ווינקעלעך פון לעבען. מען איז שטאָלץ מיט די פאָלקס־אינסטיטוציעס, וואו יעדער מיטגליד האָט א דעה און א שטים. מען מאכט חוזק — מיט רעכט — פון די אלטע אָבגעלעבטע צייטען, ווען דער ווילען פון פאָלק איז פערגוואלטיגט גע־וואָרען. אָבער ווייסט איהר, אז די דעמאָקראטיע אין אונזער אידישען לעבען פון ליטא איז געווען ניט אינ'ם ערך העכער און עהרליכער, ווי די דעמאָקראטיע פון אפילו אונזערע העכסט ציוויליזירטע רעפּובליקען?

לאָכט ניט, היינטוועלטיגע, פון אלטע אידישע קהלות אין ליטא, לאָכט ניט פון דעם שמוציגען אלטען חדר און פון דעם ניט פערקאמטען בייזען רבי'ן. אונטער דעם ניט שטארק היגיענישען קאָפּ פון רבי'ן האָט

געארבייט א שטארקער דענקונגס אפאראט און אין דער אויסגעמאגערטער ברוסט האט געקלאפט א ווארעם הארץ, וואס האט געהאט אין זיך מעהר ליעבע צו די קליינע פוזאקעס ווי דער היינטמאדישער שטודירטער לעה־רער. איהר קענט טרייבען לצנות איבער דער רבי׳צינס ציעג, וואס האט געהאט בעזונדערע פריווילעגיעס אין שטעדטעל און פלעגט ניט זיין אזא מקפדת און עובר זיין די גרעניצען פון פריוואט אייגענטום — איהר מוזט אבער האבען רעספעקט און אכטונג פאר דער רבי׳צין גופא, וואס פלעגט טאג און נאכט זארגען פאר די עלענדע און געקריוודעטע. מיר קענען זיך אמאל לוסטיג מאכען איבער דעם אדער יענעם ראש הקהל, איבער דעם אדער יענעם פרנס חודש — מיר קענען אבער נאך א סך לערנען פון דעם דעמאקראטישען סיסטעם, וואס האט געהערשט אין דעם געזעלשאפט־ליכען לעבען פון אונזערע עלטערען און אור־עלטערען.

און ניט נאר פאר סענטימענטאלע ראמאנטיקער, וועלכע בייגקען און לעכצען נאך דאס אלטע און פערשוואונדענע, וואו זיי קענען אונגע־שטערט מאלען זייערע אידיליען, איז דאס כלל־לעבען אין דער ליטא אינטערעסאנט, נאר אפילו די ניכטערע רעאלע פאליטיקער קענען אויך אין פיעלע פרטים ארונטערנעהמען א מוסר־השכל פון די אלטמאדישע מנהגים.

אט די מנהגים און זיטען וועל איך פרובירען איבערגעבען פאר דעם ברייטען עולם.

# דער חדר

ענג און שמוציג איז געווען דער חדר, וואו מען האָט אונז געלערנט אלף בית, עברי, חומש און רש"י, תנך און גמרא. די לופט איז אין חדר געווען, ניט צו פערזינדיגען, דומפיג און דיק, די פּאָדלאָגעס בלאָטיג און אָנגעשפּיגען, די סטעלי — שוואַרץ. ווינטער פון דעם רויכערדיגען לאָמפּ און זומער פון די פּולקען פליעגען.

דער רבי, א איד א חלוש, וועלכער פלעגט זיך פערקייכען פון הוסטען און ניט קענען ציהען דעם אָטהעם, איז שטענדיג געווען פער'צרה'ט און פער'דאגה'ט איבער דער ביטערער חיונה. שכר־למוד איז געווען וועניג און ניט אין דער צייט און ווי קליין די הצטרכות פון א קליין־שטעדטעלדי־גען מלמד זאָלען ניט האָבען געווען, האָט עס ניט געקענט קלעקען. א שטענדיגער בעל־יסורים און מרי לב פלעגט דער מלמד כל המתו אויס־לאָזען צו זיינע תלמידים, צו די יונגע חדר־קינדער, וועלכע זיינען געגאַנ־גען אויפ'ן אכטען, ניינטען אָדער, העכסטען, צעהנטען יאָהר פון זייער לעבען.

אָנפאַנג זמן, איידער דער רבי האָט געשלאָסען א נאָהענטע בעקאַנט־שאַפט מיט'ן תלמיד און איז נאָך ניט געווען זיכער, אז ער וועט בלייבען ביי איהם אין חדר, פלעגט ער דעם אינגעל שאַנעווען און ניט פיהרען מיט איהם קיין גרויסע מחזקות. סוף זמן ווידער פלעגט דעם תלמיד'ס מערכה אויך זיין א בעסערע. דער מלמד האָט זיך נע'חנפ'עט צו איהם, ער זאָל ניט קאַליע מאַכען בין הזמנים, ווען ער וועט קומען צו זיין טאַטען בעטען, מען זאָל איהם אָבגעבען אויף נאָך א זמן.

אויך ניט אַלע טאָג אין וואָך זיינען געווען גלייך. אָנפאַנג וואָך, זונ־

טאָג, מאָנטאָג, פּלעגט דער רבי ניט זיין אַזוי אויפגערעגט, ער איז געווען אויסגערוהט פון שבת און איז געווען מיט די חדר־אינגלעך אויף א גוטען פוס, מעשה־גוטער ברודער. ער פלעגט אַפּט שפּאַסען מיט די יונגע פּופּ־ציקלעך, גלעטען זיי פאר די בעקלעך און דערצעהלען שעהנע מעשות.

וואָס שפּעטער אין דער וואָך, אלס זעלטענער פלעגט דער רבי זיין גוט אויפגעלעגט און אלץ ערגער פלעגט זיין דער מזל פון די קינדער.

אונז גופא פלעגט דאָס לערנען ווערען איבערדריסיג, אין חדר פלעגט זיך ניט איינזיצען, דער דרויסען האָט שטאַרק גערופען און געצויגען צו זיך און דער רבי ווידער, אָנגעמאַטערט און צורודערט, פלעגט זיך ניט קע־נען אָבהאַלטען און פלעגט אונז גאַנץ אָפּט מכבד זיין... ניט מיט א גלעט נור מיט א קניפּ.

דער ערגסטער טאָג אין חדר איז געווען דאָנערשטאָג. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל דער דלות האָט דעמאָלט געפייפט אין רבינ'ס הויז שטאַר־קער ווי אַלע טעג. א גאַנצע וואָך איז דער דלות נאָך ווי עס איז געווען צו דערליידען. ניט זייענדיג קיין גרויסער מפונק אין עסען, פלעגט דער רבי מיט זיין הויזגעזינד אָנשטאָפּען די מאָגענס מיט כל בל. „יאַיך מיט נישט“ איז געווען א גאַנץ געוועהנליכער אָנבייסען.

צרות איז געווען דאָנערשטאָג, דער טאָג, ווען די רביצין פלעגט דעם רבי'ן דערגעהן די יאָהרען מיט איהרע שאלות מכח שבת מאכען. דאָנערש־טאָג פלעגט ביי אונז אין חדר זיין אַן אמת'ער גיהנום. דער רבי פלעגט אַרומגעהן ווי א פערקאָכטער און מיר האָבען מורא געהאַט פאר איהם, ווי פאר'ן מלאך המות. די רביצין, שרה ריווע, האָט ביי איהם קיין אַנ־דער נאָמען ניט געהאַט ווי מרשעת, הגם ער האָט ביי זיך אין הארצען גע־וואוסט, אַז זי איז בטבע א גוטע און פרומע אידענע, און אַז זי איז נעבעך ניט שולדיג, וואָס אויף איהר שווערען מזל איז אויסגעקומען צו זיין זיינס ביני וועלוועל דעם מלמד'ס, ווייב.

ביי זיך אין הארצען האָט דער רבי געוואוסט, אַז ע ר איז דער שלים־מזל און ניט זי, אַז אויב ער וואָלט ניט נאָך דער חתונה, ווען ער איז נאָך געווען אַן איידים אויף קעסט, געוואָרען א מעהל־בייטלער און ניט אָנגעוואָרען זיין נדן ביים אַלטען מילנער, וואָלט זי, זיין ווייב, שרה

ריווע, גאָר ניט געווען אַזאַ ארורה און וואָלט זיך ניט געשאָלטען מיט טויטע קללות. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט, אַז ער איז דער לא יוצלח, האָט ער זיך אליין אינעווייניג געגעסען און איז געווען מלא רציחה. זיין כעס האָט אין איהם געברענט ווי אַ פייער און ער האָט איהם געמוזט מיט וואָס עס איז איינשטילען. פלעגט ער זיך צושרייען אויף שרה־ריווע'ן, אַז זי איז אַ גרויסע שווענדערקע און ווייס ניט ווי זיך צו בענעהן מיט זיינע בלוטיגע פערדיענסטען.

— מרשעת! — האָט ער זיך צוקאַכט און דערביי פלעגט דער הוסט איהם אָנפאַנגען צו שטיקען און מיט יעדען וואָרט פון זיין מויל איז ארויס אַ שטיק שלייען — מרשעת! פגע רע! וואו זאָל איך דיר נעהמען געלד? וואו? וואָס מיינסטו בין איך, שכנא צלאל'ס*) ראָטהשילד בין איך?

דאָס איז געווען דער ענטפער אויף דעם פאָרוואורף, וואָס די רביצין פלעגט איהם מאַכען, אַז אַלע ווייבער האָבען שוין אַלץ איינגעקויפט אויף שבת, אַז זיי האָבען שוין פיש און פלייש, און ביי איהר איז נאָך אפילו ניטאָ אַן אָנפאַנג פאַר מעהל אויף חלה.

— דעם מלך'ס אוצר איז איהר ווייניג, די שמאַיע! — פלעגט ער דערנאָך אונטערמומרמלען פאַר די חדר־אינגלעך. דערביי האָט דאָס בלוט פון זיינע אָדערען זיך אריינגעגאָסען אין זיינע אויגען און זיין איינגע־פאַלענע ברוסט האָט זיך אָנגעפאַנגען צו הויבען ארויף און אראָב. דער רבי האָט געוואוסט, אַז ער בעליידיגט זיין ווייב אומזיסט, אַז זי איז ווייט ניט קיין שמאַיע, אַז זי איז דוקא אַ מחבל איינצוקויפען מיט אַ פּאָר גיל־דען מעהרער, ווי אַנדערע ווייבער מיט אַ רענדיל. אָבער, וואָס זאָל זי טהאָן, אַז זי האָט נעבעך ניט די פּאָר גילדען.

מיר, די חדר־אינגלעך, האָבען ליעב געהאט די רביצין, וועלכע פלעגט זיך גאַנץ אָפּט אויסריידען פאַר אונז איהר הארץ. מיר האָבען

*) דער גביר פון שטעדטעל, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער פערמאָגט שווערע טויזענדער, וועלכע ער האָט אַמאָל געפונען אין אַ זאַסיק תבואה, וואָס ער האָט אָבגעקויפט פון אַ פויער.

שטארק רחמנות געהאט אויף איהר און זיינען געווען מלא רציחה אויפ'ן רבי'ן, פאר וואס ער איז איהר, די גוטע רביצין, ניט נוהג כבוד.

א חוץ, וואס דער רבי פלעגט זיין שלעכט אויפגעלייגט איז דאנערש־טאג געווען דער טאג, ווען מען האט געמוזט וויסען דעם לערנען פון דער גאנצער וואך. א סך טאטעס פלעגען שבת נאכ'ן שלאף פערהערען זייערע קינדער און דער רבי האט געמוזט אויפפאסען, אז די תלמידים זאלען ווי־סען יעדען אויסרייד אויף אויסוועניג און ניט פערהאקענען זיך.

זעלטען ווען א דאנערשטאג אין חדר פלעגט פערביי בשלום, אהן גע־שרייען, אהן שטורכעס און בוכצעס, אהן קאנטשיקעס און אהן געוויין.

— פויער! גוי גמור! יורקע! יאזע! פעטרא! — זיינען געווען די צונעמענישען, וואס דער רבי פלעגט דאנערשטאג מעהר ווי אנדערע טעג געבען די זיבען־אכט־ניין יעהריגע תלמידים.

דעם טאג דאנערשטאג האבען מיר געהאסט ווי דעם טויט. פון אנ־פאנג זמן האבען מיר שוין געקוקט אין לוח אויסצוגעפינען, וועלכע טעג עס פאלען אויס די ימים טובים און ירידען, ווען מען געהט פריי. מיר האבען געהאלטען פאר א בעזונדערען מזל, ווען אט די פרייע טעג פלעגען אויס־פאלען אום דאנערשטאג.

„א שלעכטער זמן!" — פלעגען מיר איינע די אנדערע זאגען, נאכ־דעם, ווי מיר האבען דורכגעבלעטערט דעם גאנצען לוח און ניט אויסגע־פונען קיין איין פרייען דאנערשטאג.

* * *

דער ענגער חדר איז ניט געווען דער איינציגער ארט, וואו מיר פלע־גען פערברייגען די טעג פון אונזערע קינדער־יאהרען.

בכלל האט עס געהייסען, אז די קינדער דארפען זיין איינגעשפארט פון דער פריה ביז ביינאכט אין חדר. אין אמת'ן האט די קליינוואַרג גע־האט געגוג פרישע לופט און צייט אויף פערשיעדענע שפיעלען.

אין חדר זיינען ניט געווען פערשיעדענע קלאסען, ווי אין א שוהל, להבדיל, נור כתות. א כתה וואס פרעפעלט, א כתה פאר עברי, און א כתה

פאר אנפאנג חומש. ביים תנ"ך מלמד האבען זיך די כתות אנגעפאנגען פון א העכערער מדרגה: פון א חומש כתה ביז א כתה פאר „אלו מציאות" — דער אנפאנג גמרא. ביים גמרא מלמד פלעגט נאר זיין א כתה פאר תנ"ך, א כתה פאר גמרא אהן תוספות און א כתה פאר גמרא מיט תוספות און מהרש"א. אזוי ווי דער חדר איז בעשטאנען פון איין אייינציגען צימער, האבען אלע כתות געמוזט זיך געפינען אין דעם דאזיגען צימער. ווען איין כתה פלעגט לערנען, פלעגט די צווייטע כתה דארפען חזר'ן. אט דאס חזר'ן איז געווען א נס מן השמים פאר דעם יונגען עולם.

ווען חברה קליינוואָרג האט דערשפירט, אז דער רבי קנייטשט שטארק דעם שטערן און איז פערטיעפט אין א שארפען ענין, פלעגט זי אנפאנגען צו חזר'ן אויף די אויבערשטע קולות און דער רבי פלעגט אין גאנצען צוטומעלט ווערען.

— קינדער — פלעגט דער רבי זאגען צו דער חברה — איהר האט שוין אבגע'חזר'ט? געהט א וויילע אין געהעפט און רוהט זיך אב, נאר טשעפעט אקארשט ניט מענדע דעם בעל־עגלה'ס קליאטשע.

עס פערשטעהט זיך, אז דער גאנצער עולם האט נור דערויף געווארט. ער האט זיך אין א הרף עין א לאז געטהאן צו דער טהיר און פערלאזען דעם חדר.

די קליינע פיזאקעס פלעגען זיך קליגען אויסצוגעפינען אנדערע וועגען, ווי אזוי צו דערגרייכען דעם בלויזען הימעל.

האט מען דערשפירט, אז א פאר שעהנע, ווייסע טויבען זיינען געקומען צופליהען אין געהעפט פיקען קערנער, אדער ווען עס האט זיך דורך די פענסטער פון'ם חדר אריינגעטראגען דאס שפיעלען פון לויערמאן, וועלכער האט שטענדיג געהאט מיט זיך דעם קוק־קאסטען, וואו מען האט געקענט זעהן דעם טייך סמבטיון, די הרי חושך, דעם טערק מיט די רויטע הויזען און אנדערע אזעלכע אנטיקען, אדער ווען מען האט זיך דערוואוסט, אז „די קאמעדיאנטען ברעכען זיך אויפ'ן גאס", האבען זיך די יונגע נשמה'לעך אנגעפאנגען צו רייסען אין דרויסען.

ווי טהוט מען אָבער? דעם „לערנען“ האָט מען נאָך ניט איבערגע־
חזר'ט און דער רבי האָט גראַד ניט צו טהאָן מיט שווערע ענינים?
איז מען געפאַלען אויף אַ המצאה:
איינער נאָך דעם אַנדערען פלעגט צוגעהן צום רבי'ן און דערצעהלען אַז ער דאַרף געהן אויף נקבים...
— אויף נקבים גדולים אָדער נקבים קטנים? — פלעגט דער רבי שטעלען צום דאַפּראָס.
— נקבים גדולים! — האָט יעדער בעזונדער געענטפערט.
גאַנץ אָפּט האָט דער רבי פערשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט און אַז חברה נאַרט איהם אָפּ. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען און האָט ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט געבען אַ הסכמה צו געהן דרויסען.
איז דער רבי געווען אין אַ צו שלעכטען געמיטה, פלעגט ער זיך שטאַרק דינגען מיט'ן תלמיד, און צווישען תלמיד און רבי'ן פלעגט פאָר־קומען פאָלגענדער געשפּרעך:
— רבי!!
— דהיינו, וואָס?
— איך וויל אויף נקבים!
— נקבים גדולים, אָדער נקבים קטנים?
— נקבים גדולים!
— ס'טייטש, דו ביזט דאָך אַצינדער געוועזן!
— איך וויל נאָך אַמאָל. — דערביי פלעגט זיך דער כיטרער איינגעלע האַלטען ביים בייכעל און זיך קאַרטשענען אַזוי ווי ער וואָלט אומגעקומען פון וועהטאָג.
— ליידסטו פון שלשול, ניט־דאָ־געדאַכט?
—אוי, אוי, אוי... איך ווייס ניט—האָט דער תלמיד שוין געענטפערט מיט אַ האַלב־וויינענדיגער שטים.
— וואָס האָסטו היינט געגעסען?
און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט דער רבי דערלאַנגט אַ

מאַך מיט דער האנד צום טהיר, וואָס עס האָט בעדייט א הסכמה ארויס־צוגעהן.

די „נקבים“ זיינען געווען א טייערער מיטעל, ווי זיך ארויסצוכאַפּען פון ענגען חדר אויפ'ן פרייען לופט.

זיינען די „נקבים“ פון דעם יונגען פּיזאַק געווען שטאַרק אין חשד ביים רבי'ן, פלעגט ער מיטשיקען א שומר, וועלכער זאָל אלעם געניי נאָכ־קוקען. אזוי אָבער ווי די אינגלעך פלעגען אלע מאָל זיין גוטע ברידער־צווישען זיך, און אין א יד־אחת קעגען רבי'ן, פלעגט דער „דאַקלאַד“ פון דער אונטערזוכונג זיין גינסטיג פאַר'ן תלמיד...

ניט אלע מאָל איז דער חדר געווען אן אָבקומעניש פאַר'ן יונגען דור.

דער חדר האָט געהאט מאנכע גוטע טעג, אזוינע טעג, ווען דער רבי מיט די תלמידים פלעגען זיך פערהאַלטען ווי חברים און די בעסטע פריינד. א חוץ ל"ג בעומר, ווען דער רבי פלעגט צוזאמען מיט די קינ־דער פּראַווען די סעודה של רבי שמעון בר יוחאי און מאנכמאָל אויך מאַ־כען א שפּאַציער אין וואלד צו טרינקען „שולע“; א חוץ ערב שבועות, ווען דער רבי מיט'ן גאַנצען חדר פלעגט אזוי שעהן זינגען אקדמות, איז א גוטער טאָג געווען פאַר אונז, ווען דער רבי פלעגט זיך דאַרפען אריבער־קרויסטענען אויף א נייע דירה.

דעם טאָג, ווען דער רבי פלעגט זיך דאַרפען קרויסטענען, האָבען מיר ערווארט מיט אונגעדולד. ערשטענס זיינען מיר דעם טאָג געווען פריי פון לערנען און צווייטענס האָבען מיר סתם געהאט א גוטע צייט.

על פּי דין האָבען מיר נור געדאַרפט איבערטראָגען פון דער אלטער דירה אין די ניי דירה די ספרים אליין. אין אמת'ן האָבען מיר געהאָלפען דעם רבי'ן און דער רבי'צין איינפּאקען און אריבערשלעפּען אלע זייערע בעבעכעס: די קישענס, די בעטען, די שטוהלען און דאָס גאַנצע ביסעל אָרעמקייט.

דעם וועג אריבערצוטראָגען די זאַכען האָבען מיר אויסגעקליבען ניט דעם קירצעסטען, נור דעם לענגסטען. מיר פלעגען, אזוי ווי דעמאָנסטרי־רען מיט דעם רבין'ס אָרימקייט איבער אלע גאַסען און מיט א כיון פער־

בייגעהן פאר די אנדערע חדרים, כדי יענע איינגלעך, מיט וועמען מיר האָ־
בען שטענדיג געפיהרט מלחמות, זאָלען צופוקעט ווערען פון קנאה.

די רביצין איז געווען זעהר רייך מיט וואַלגער־העלצער — געדענק
איך. זי האָט געהאַט מילכיגע, פליישיגע און פּארעווע. אזוינע, וועלכע
זי האָט געקראָגען בירושה פון איהר באָבען, פון איהר שוויגער, און פון
איהר מאַמען, און אזוינע, וועלכע זי האָט אליין צוגעקויפט. זי האָט
געהאַט אזוי פיעל וואַלגער־העלצער, אַז זיי האָבען געקלעקט פאר אונזער
גאַנצער כתה. דאָס מאָל, ווען מיר פלעגען אריבערטראָגען די וואַלגער־
העלצער, איז פאר אונז געווען דער פרעהליכסטער גאַנג.

מיר פלעגען זיך אויסשטעלען אין א רייהע ווי סאָלדאַטען, די היטע־
לעך אָנטהון אויף דער לינקער זייט, די וואַלגער־העלצער, אויף וועלכע
מיר האָבען אָנגעשפּילעט אונזערע שיכלעך און זעקלעך זיי זאָלען אויס־
זעהן ווי פּיקעס — אויף די פּלייצעס און מיר פלעגען מאַרשירען איבער
אַלע גאַסען מיט גרויס גאוה און דערביי זינגען:

קמץ אלף — אָ
קמץ בית — באָ
באָ — באָ
נאָ פּליעטשאָ,
ביע זשעלאיעם
ניטשאָ—וואָ!
אונז איז
כ—ראָ—שאָ!
כ—ראָ—שאָ!
כ—ראָ—שאָ!

דעם רבינ'ס קרויסטענען איז געווען א גרויסע פּאַסירונג
אין אונזער קינדיש וועלטעל און לאַנג, לאַנג נאָכדעם, פלעגען מיר ניט
אויפהערען צו ריידען וועגען דעם.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

# קינדערשע חברות מיט גרויסע צוועקען

פון היגיענישען שטאנדפונקט איז דאָס לעבען פון די אידישע קינדער אין זאמוט און ליטא ניט געווען בעזונדערס וואָס מקנא צו זיין. איינגעשפּארט א היבש ביסעל טעג פון פריה ביז נאכט, אין די ענגע פייכטע און קאלטע חדרים, האָט מען דערצו נאָך אָנגעשטאָפּט דעם איינגעלשען מוח מיט א שווערען באלאסט פון פּשט׳לעך און אויסריידען, וועלכע האָבען קיין נוצען ניט געבראכט.

היינט דער רבי׳ס קאנטשיק ? ער איז דאָך תמיד געהאנגען ווי דאַמאָקלס שווערד איבער די יונגע רוקענס פון די צארטע, יונגע קינדער.

עס זיינען אָבער געווען ספּעציעלע „קינדער טעג", ווי די מאָדערנע פּעדאגאָגיע וואָלט זיי געווים אָנגערופען. אין די דאָזיגע טעג איז דער יונגער דור בעפרייט געוואָרען פון אלע לאסטען און האָט זיך ניט נור שטארק משמח געווען אויף זיין אייגענעם שטייגער, נור ער איז אויך געווען דער העלד פון טאָג, דער צענטער פון אלעמענס אויפמערקזאמקייט.

דער עלטערער דור מיט זיינע פיהרער פלעגט אין אזוינע טעג אָבטרעטען מיט גרוים דרך ארץ די כבודים און פּריווילעגיעס צו די קליינע פיזאקעס, ארום וועלכע עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאנצע גייסטיגע לעבען פון שטעדטעל.

מיר וועלען זיך דאָ אָבשטעלען אויף די אינגעלשע חברות פּרחי שושנים, וואָס זיינען געווען פערשפּרייט אין כמעט אלע שטעדטלעך פון זאמוט, קורלאנד און ליטא.

שוין דער שעהנער פּאָעטישער נאָמען „פּרחי שושנים" (רויזען־בלומען) בעווייזט, אז די דאָזיגע חברה איז שטארק פערצויגען און גע־

צערטעלט געווארען ביים ברייטען עולם. אזא בעציהונג צו זיך האט די איננעלשע חברה כשר וישר פערדינט. איהרע אויפגאבען, וואס זי האט זיך געשטעלט, זיינען ווירקליך געווען שעהן און גרויס.

די חברה פרחי שושנים האט געלעבט מיט דעם צוועק אריינצוגעבען ספרים אין בית המדרש.

די גרעסטע טייל ש״ס׳ן און פוסקים, די חבורים פון די ראשונים און אחרונים זיינען אין די בתי מדרשים אריינגעגעבען געווארען אט דורך דער איננעלשער חברה.

ווען איהר וואלט אריינגעגאנגען אין א זאמוטער בית המדרש וואלטען אייך זיך גלייך געווארפען אין אויג גרויסע גמרא׳ס און אנדערע ספרים, איינגעבונדען אין לעדער. אויפ׳ן מיטעלפונקט פון רעכטען טאוועל איז אבגעדריקט א פיערעקיגע (אין דער פארמע פון א ווערפעל) קיכעל, וואו עס איז אויסגעקריצט מיט גאלדענע אותיות, „נדבת חברה פרחי שושנים שנת... לפ״ק.

די גאנצע חברה פרחי שושנים איז בעשטאנען פון לויטער יונגווארג. זי איז געווען אן אמת׳ע קינדערשע מלוכה. די מיטגלידער, די חברה־לייט גופא, די גבאים, די דעה זאגער, די פינאנציעלע סעקרעטארען, די בוכהאלטערס און אלע אנדערע בעלי התמנות זיינען געווען פון זאקעס ניט עלטער פון דרייצעהן—פיערצעהן יאהר. פיערצעהן יאהר איז געווען דער מאקסימום עלטער פון די מיטגלידער. קיין מינימום גרענעץ האט ניט עקזיסטירט. א נפש פון א טאג אלט האט שוין געקענט ווערען א חברה־מאן, און אויב איהר מיינט, אז די איינטאגיגע עופה׳לעך זיינען געווען די איננסטע חברה־לייט פון דער פרחי שושנים האט איהר, במחילה, א טעות. א סך מיטגלידער פון דער חברה זיינען נאך אויף דער וועלט ניט געווען, זיי זיינען נאך געווען בעהאלטען אין מוטערס לייב. די מוטערס פלעגען — מיט א כיון — פערשרייבען זייערע קומענדיגע קינדער אין דער „איננעלשער חברה״, כדי זיי זאלען מיט מזל געבוירען ווערען אינגלעך און ניט מיידלעך.

די חברה פרחי שושנים איז געווען שטארק ליבעראל און האט אריינגענומען אלם חברות בתולות אין דעם זעלבען עלטער ווי די זכרים. זיי

די חברות זיינען אבער ניט געווען גלייכבערעכטיגט מיט די חברים. זיי האבען ניט געהאט קיין וואהלרעכט און האבען, פערשטעהט זיך, אויך ניט געקענט ערוועהלט ווערען פאר געוויסע עמטער.

מיר זאגען, אז דער מאקסימום עלטער פון יעדען מיטגליד איז געווען אן ערך דרייצעהן—פיערצעהן יאהר. דאס איז געווען דער כלל. ווי אומעטום זיינען אויך דא געווען אויסנאהמען. עס פלעגען טיילמאל ווערען חברים אלטע אידען, אזוינע, וועלכע האבען שוין קיין האפנונג ניט געהאט צו האבען קינדער און האבען דאך געוואלט נעהמען אן אנטייל אין דער הייליגער ארבייט פון אריינגעבען ספרים. דאס רעכט פון אזא חבר איז אבער אויך ניט געווען גרעסער, ווי דאס רעכט פון אונזערע חברות איידער זיי זיינען נאך געווען בוגרת'ן. צאהלען וואכערס יא, אבער אנהאלטען אן אמט האט נור געקענט דער פריווילעגירטער קלאס — דער קלאס אינגלעך.

די גבאים זיינען געוועהנליך געווען די בר־מצוה בחורים, אינ'ם עלטער פון צוועלף ביז פיערצעהן יאהר. די הויפט־ארבייט פון די גבאים איז געווען צו קלייבען די וואכערס, וואס איז געווען אזוי גרויס ווי א קאפיקע א וואך.

אלע פרייטאג בייטאג, נאכ'ן חדר, פלעגען די גבאים זיך אוועקלאזען איבער'ן שטעדטעל קלייבען די קאפיקעס ביי די עלטערען פון די חברה־לייט. די שטעדטעל פלעגט ווערען איינגעטיילט אין קווארטאלען: אין מארק־פלאץ, אין דייטשע גאס, אין שוהל־גאס, א. אז. וו. אין יעדען בעזונדערען קווארטאל פלעגען א פאר גבאים אויפמאהנען די וואכערס.

איינער פון די גבאים האט געפיהרט די ביכער און דער צווייטער, דער נאמן, פלעגט אין א רויטע פאטשיילקע זאמלען די קאפיקעס.

דאס בוך איז געווען איינגעטיילט אין צוויי און פופציג רובריקען. אויבען פון יעדען רובריק, ווערטיקאל, איז געווען דער נאמען פון דער סדרה. די נעמען פון די מעמבערס זיינען געווען פערשריעבען האריזאנטאל. ווען דער חבר פלעגט בעצאהלען די וואכערס, פלעגט אין בוך געמאכט ווערען א קייקעלע אונטער דער ענטשפרעכענדער סדרה. אויב קיין קייקעלעך זיינען ניט געווען, האט עס געהייסען, אז פאר'ן חבר איז

קיין וואכער ניט געצאהלט געווארען. גלייך ביים אריינקוקען אין בוך האט מען אויך געקענט וויסען, ווער עס איז געווען שולדיג און ווער ניט.

די וואכערס פלעגען יעדען פרייטאג אריינברייגגען צווישען צוויי און דריי רובעל. א גאנצען יאהר פלעגט זיך צוזאמענקלייבען אן ערך ק"ן קערבלעך — א בעדייטענדע סומע צו קויפען ספרים.

חברי פרחי שושנים האט פערנומען א בכבוד'יגען פלאץ צווישען אלע אנדערע גרויסע חברות פון שטאדט. זי האט זיך בענוצט מיט אלע פריווילעגיעס און זכותים, ווי די וויכטיגסטע חברות.

דער בענעפיט פון יעדע חברה איז בעשטאנען אין דעם, וואס איהר פלעגט אבגעגעבען ווערען איין שבת פון יאהר אונטער איהר פולער קאנטראל פאר איהרע חברה'שע צוועקען. חברה קדישא, צום ביישפיעל, פלעגט האבען שבת בראשית; חברה תהילים — שבת ויקרא; חברה בקור חולים — אן אנדער שבת א. אז. וו.

יעדע חברה פלעגט מאכען געלד פון איהר שבת. זי פלעגט טיילען די עליות און די נדבות פון די מי־שברך'ס פלעגען געהן אין קאסע פון דער חברה. אויב א חברה איז געווען בעמיטעלט, פלעגט זי מאכען אויף איהר שבת א גרויסע אונטערנעהמונג. זי פלעגט איינלאדען א בעריהמ־טען חזן, וועלכער פלעגט דאווגען אויף בילעטען. דאס האט זיך שוין געווענדעט פון דער קאסע און פון דעם אונטערנעהמונגס־גייסט ביי די גבאים.

די חברה פרחי שושנים האט אויך געהאט איהר בענעפיט. ביי אונז אין שטעדטעל האט איהר געהערט דער שבת, ווען עס פלעגט געהען די דאפעלטע סדרה ויקהל־פקודי.

דערביי איז געווען א כונה.

ויקהל־פקודי, אויסער וואס זיי זיינען צוויי בעזונדערע סדרות, האבען נאך דערצו לאנגע פרשיות, וועלכע מען האט געקענט שפאלטען. פאר א חברה איז דאס אזא מעלה, ווי להבדיל א טהעאטער אונטער־נעהמונג מיט א סך פלעצער. מען קען איינפאך לייזען מעהר געלד. די גבאים פון חברה פרחי שושנים פלעגען שוין פריהער אבמאכען מיט'ן בעל־קורא, ער זאל טיילען די פרשיות אזוי, אז אנשטאט די געוועהנליכע

שבע קרואים, זיעבען עליות, זאָל מען קענען האָבען דריי מאָל זיבען עליות.

די עליות פלעגען טיילען אָט די אייגענע יונגע גבאים פון דער חברה. אויפ'ן בימה פלעגען שטעהען די צוויי גבאים, וואָס האָבען גע־קליבען די וואָכערם אין גרעסטען קווארטאל. ביי אונז אין שטעדטעל איז דאָס געווען דער מארק־פּלאַץ.

ז י י פלעגט מען מאכען די מי־שברך'ס; ז י י פלעגט יעדעס מאָל דער שמש מוזען אָנפרעגען, וועמען אויפצורופען, און ז י י פלעגט דער בעל עליה, אפילו דער רב גופא, אָבגעבען נאָך דער צווייטער ברכה דעם יישר כוח.

עס פערשטעהט זיך, אז דאָס איז געווען א גרויסער כבוד פאַר די יונגע גבאים, און די עלטערען פון די גבאים פלעגען זיך באָדען אין א ים פון נחת יענעם שבת. ביי אלע קרובים און סתם גוטע פריינד פון די גבאים'ס משפחה פלעגען די פּנים'ער שטראַהלען פון פרייד, ווען זיי פלעגען א קוק טהאָן אויף די יונגע העלדען פון טאָג.

דער עזרת נשים פלעגט דעם שבת זיין געפּאַקט. אויסער די גבאים'ס גרויסע משפחה, פלעגען קומען מוטערס פון טעכטערלעך, וועלכע האָבען געהאַט א שטאַרקען חשק זיך מתחתן צו זיין מיט די גבאים, מיט וועמען אלע מוטערס האָבען זיך געבענשט.

גלייך ווי דער שליח־ציבור פלעגט ענדיגען די ערשטע שמונה־עשרה, אָבזאָגען אין כמוך, פלעגט אויף דער גאַלעריע פון עזרת נשים ווערען א געלאָף, א רוזע־בוזע. די ווייבער האָבען דאָן אויסגעשטרעקט זייערע העלזער אום בעסער צו קענען זעהן, ווי דער שמש געהט צו צו די צוועלף— דרייצעהן יעהריגע גבאים אנפרעגען, וועמען זיי זיינען מכבד מיט הוצאה.

דיעזער ווייבערשער געלאָף פלעגט ארויסרופען שטאַרקע פּראָטעס־טען ביי די מענער, וועלכע האָבען אויס רייגעם פּרינציפּ געוואָלט אונ־טערדריקען דעם שעהנעם געשלעכט. געוועהנליך פלעגען מעהר ווי אלע זיך זידלען די יעניגע, וועלכע האָבען שוין געהאַט געגוג אויסצושטעהן פון זייערע אידענעם פאַר'ן דאַווגען, און האָבען געוואָלט לכל הפחות פון

זיי נקמה נעהמען אין בית־המדרש, וואו זיי, די מענער, זיינען „די הערן דער לאגע".

דער שמש, אליין קען זיין ניט אזא שטארקער אנטי־סאפראדזשיסט. פלעגט אבער מוזען ערפילען זיינע התחייבות'ן פון יוצא ווענען און „בערו־פען" די ווייבער, זיי זאלען צווישען זיך ניט שושקען און ניט הוזשען ווי די „גענז". מיט דעם צונאמען „גענז" פלעגען די מענער בעקרוינען זייערע בעסערע העלפטס ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט, אי־בערהויפט ווען דער שעהנער געשלעכט איז געווען אבגעזונדערט אין דער ווייבערשער שוהל און האט ניט געקענט געבען חזרה.

דאס „בערופען" די ווייבער, איז געווען א מין רוף צו ארדנונג. וואס א היינטמאדישער פארזיצענדער, להבדיל, האט דורכצופיהרען. ווען אברהם הירש דער שמש פלעגט דארפען אנשרייען אויף די שעהנע מחנה אין עזרת נשים, פלעגט ער דעם חומש אוועקלעגען אויף דער לינקער האנד און מיט דער רעכטער האנד פלעגט ער דערלאנגען א פאטש אויפ'ן חומש. דיזער פאטש האט ערפילט דיזעלבע אויפגאבע ווי דער קלאפ פון האמער און דער קלונג פון גלעקעל ביי א היינטינען פארזיצענדען.

נאכ'ן פאטש פלעגט דער שמש זיך א קעהר טהאן מיט'ן פנים צו דעם עזרת נשים און מודיע זיין די ווייבער בקול רם, אז דא איז א מקום קדוש און זיי, די ווייבער, דארפען זיך פערהאלטען ווי מענשען און ניט ווי גענז...

די ווייבער זיינען שוין, פערשטעהט זיך, געווען צוגעוועהנט צו אזוינע התראות און פלעגען וויינינ־וואס נתפעל ווערען פון זיי. זיי האבען געטהאן דאס זייערינע און האבען געהערט דעם שמש ווי דעם קאטער. וואס אנבעלאנגט דעם טיטעל „גענז", פלעגען די נשים איהם צונעהמען אהן א ברעקעל פראטעסט און פלעגען צוליעב דעם ניט טראגען קיין שנאה אפילו אויפ'ן שמש גופא. זיי האבען געוואוסט, אז ווען די מענער זאגען, ווייסען זיי מסתמא וואס זיי זאגען. נאך אלעמען זיינען זיי דאך טאקע ניט מעהר ווי פשוט'ע אשה'ס, מ'שטיינס געזאגט, וואס פערשטעהט א אידענע ?... בפרט נאך ווען לאה נחום'ס, די נבאי־טע, געווים א אשה צנועה, פלעגט אונטערהאלטען דעם שמש און פלעגט

אליין, פון אייגענער איניציאטיווע, שרייען אויף די חצופות, וועלכע קע־נען זיך ניט איינהאלטען, שפארען זיך צו דער גאלעריע, כדי צו כאפען א קוק אויף די מענער דורך די לייסטען...

דאס וואס מיר, די גבאים, האבען געפיהלט אין יענע מאמענטען, קען נור פערשטעהן אן ארטיסט, א לעקטאר אדער אזוי א רעדנער. די האבען אלע איבערגעלעבט דאס זעלבע, ווען זיי זיינען דאס ערשטע מאל אויפגעטראטען פאר'ן פובליקום. עס איז עפעס געווען א געמישטע פיה־לונג פון שרעק און שטאלץ. פון איין זייט זיינען מיר געווען שטאלץ, וואס מיר האבען אזא גרויסען כבוד און פון דער צווייטער זייט האבען מיר מורא געהאט זיך צו ווייזען פאר'ן צבור. אונזערע פיסלאך האבען זיך געוויגט און די צייהן האבען געקלאפט מאימתא דצבורא.

איך, פערזענליך, האב דאן איבערגעלעבט דעם שטארקסטען „לאמ־פען פיבער" פון מיין גאנצער קאריערע. ווען מיר זיינען שוין געשטאנען אויפ'ן בימה צוטיילען די עליות, האב איך מורא געהאט אויפצוהויבען די אויגען אויפ'ן עולם, האב געקוקט הארטנעקיג אין חומש, ניט בענעה־מענדיג אפילו אייןווארט וואס דארטען איז געשטאנען.

דער שבת פון חברה פרחי שושנים האט פאר די גבאים פון דער חברה געדיענט אלס שיידע־וועג, ווען דער אינגעל האט זיך אבגעזעגענט מיט זיינע אינגעלשע יאהרען און געווארען א בחור, וועלכער דארף זיך שוין אויפפיהרען מעשה מענש... און זארגען אויף א תכלית פאר זיך.

# דער סיום

מיט א פּאָר וואָכען נאָך פּרשה ויקהל־פּקודי פלעגט פאָרקומען דער סיום פון חברה פּרחי שושנים — דער טאָג ווען די ספרים ווערען אריינ־געגעבען אין בית המדרש.

דאָס רעכט איינצוקויפען די ספרים איז אָפּיציעל געלעגען אין די הענד פון די קליינע גבאים, ז י י האָבען געקליבען דאָס געלד, ז י י האָבען געטיילט די עליות און זיי האָבען געקענט אויסקלייבען די ספרים און בעשטימען ווי און ביי וועמען איינצובינדען.

פאקטיש פלעגען די ספרים איינקויפען די יועצים. אין פּנקס פון דער חברה פלעגען מיט גע׳ספר׳טע אותיות זיין פערשריעבען ניט נור די גבאים פון דעם יאָהר, נאָר אויך די נעמען פון די יועצים.

די יועצים פלעגען שוין ווערען אויסגעקליבען פון די גבאים גופא. זיי פלעגען געוועהנליך זיין די שעהנסטע יונגע לייט פון שטאָדט, מוסמכים, וועלכע גרייטען זיך צום כסא הרבנות.

די יועצים פלעגען קיין זאך ניט טהאָן אָהן די גבאים. ביים איינ־קויפען פלעגען די גבאים מוזען זיין דערביי, ווייל אָהן זייער חתימה פלעגט דער נאמן רבי אליעזר זיסעלע׳ס ניט ארויסגעבען דאָס געלד.

איך וויל דאָ גלייך בעמערקען, אז די יועצים מיט די גבאים זיינען אימער געגאנגען האַנד אין האנד און קיין מחלוקות איבער „יוריסדיק־ציאָן", אז איינער מישט זיך אין צווייטענס עסקים, זיינען קיין מאָל ניט פאָרגעקומען.

די וואָך פון סיום פלעגט ביי די קליינוואַרג פון שטעדטעל ווערען לעבעדיג. שוין מיט א וואָך פריהער האָט זיך אין דער לופט פון שטעד־

טעל געפיהלט די יום טוב׳דיגע שטימונג פון דעם אריינגעבען די ספרים. די מוטערס פון די גבאים און סתם פרומע גוטע אידענעס פלעגען ארומ־לויפען ביי אלע לעקעך־בעקערקעס אויספרעגען די פרייזען. דערביי האָ־בען זיי אויפגעפאסט, אז עס זאָל געבאקען ווערען פון ישן׳ע מעהל, פון ערשט אויסגעלעגטע אייער און פון אמת׳ע אידישע ביהנען־האָניג. עס פלעגט פאָרקומען גאנץ אָפט גרויסע פעריבעלס צווישען די מוטערס פון די גבאים איבער דעם כבוד אויפצופאסען ווי אזוי, וואו, און אין וועמענס אויוועז די לעקעך זאָל געבאַקען ווערען. צו אזא כבוד און מצוה האָט יעדע פרוי געוואָלט זוכה זיין. מאנכעס מאָל איז געקומען צו א שטארקע איבערווערטלען זיך. סוף כל סוף פלעגען זיך די מוטערס ווי עס איז אייניגען און צוטיילען מיט דעם כבוד. איינע פלעגט איינקויפען די מעהל, די צווייטע פלעגט ברייגגען פון איהרע היהנער די אייער, א דריי־טע האָט בעזאָרגט די האָניג, א פיערטע האָט געגעבען איהר אויוועז, איהר הויז, א. אז. וו. די לעקעך איז אויף דעם אופן געווען א פראָדוקט פון א קאָלעקטיווער ארבייט: יעדע מאמע איז זוכה געווען צו א שטיקעל מצוה.

דעם לעצטען פרייטאָג פאר׳ן סיום זיי־ען די גבאים שוין געווען אויסגעפוצט אין די שבת׳דיגע מלבושים. דעם טאָג האָבען זיי ביים איינ־מאָהנען די וואָכערס אויסגעטיילט לעקעך ביי יעדען „חברה־מאָן“, אָדער חברה׳טע אין הויז. דעם פרייטאג זיינען געוועהנליך אויך אויסגעצאָהלט געוואָרען די נ״ח, די חובות פאר די וואָכערס.

די גבאים אליין האָבען די לעקעך ניט געטראָגען. די חזקה פון טראָגען די לעקעך האָט געהערט דעם שמש פון בית המדרש. אין א ריי־נעם אויסגעוואשענעם און אויסגעפלעטען ציכעל האָט מען אריינגע־לייגט די חלקים לעקעך און דער שמש האָט דאָס געדארפט שלעפען די גאנצע צייט אויף זיך ביז וואנעט עס איז ביסלעכווייז אויסגעלעדיגט געוואָרען. א מנהג איז געווען, אז ביים קריגען דעם חלק לעקעך, האָט די מוטער אָדער דער פאָטער פון די חברה לייט געגעבען א ספעציעלע נדבה, חוץ לחשבון פון די וואָכערס.

די גבאים פלעגן אויף דיעזע נדבות אויסקוקן. עס איז געווען אן אלטער כלל, אז די נדבות פון די לעקעך וועלען אריינברייגנען אזוי פיעל, וויפיעל מען וועט דארפען בעצאהלען די איינבינדערס.

דער אמת'ער יום טוב פלעגט זיין אין דעם טאג פון סיום.

הגם אלע האבען שוין בעפאר אויף זיכער געוואוסט, ווען און וואו דער סיום וועט פארקומען, איז אבער געווען א מנהג, אז שבת נאך דער קריאה האבען די שמשים פון די שוהלען געמוזט מודיע זיין וועגען דעם דורך א כרוז, דורך א מודעה רבה.

— רבותי! — האט דער שמש אויסגעשריען אויף דער העכסטער אקטאווע, — הוי ידוע, זייט וויסען, אז דיענסטאג, יום השלישי משבוע הבע"ל, פון קומענדיגער וואך, וועט אם ירצה השם זיין דער סיום פון חברה פרחי שושנים, בבית רבי מנחם מענדיל, אין הויז פון מענדע דעם שיינקער, אויפ'ן מארק. הוי מוכנים, זייט גרייט צו דעם ! ! !

און דיענסטאג איז טאקע געווען אן אמת'ער גרויסער קינדערשער יום טוב.

ערב דעם סיום זיינען שוין די מאמעס און די באבעס געווען פערטהאן מיט'ן וואשען און פלעטען פאר די חברה לייט. דיענסטאג אין דער פריה האט מען די גאנצע חברה קלייגווארג איבערגעטהאן אין בגדי יום טוב. אפילו די ווינדעלעך פון די זויגלינגע זיינען איבערגעביטען געווארען. מיט א בעזונדער התמדה האט מען ארומגעוואשען, אויסגעצוואגען און אויסגעקעמט די קעפלעך און אבגעווישט די נעזלעך פון די פינף־זעקס יעהריגע אלף בית אינגלעך. די באבעס האבען אויך אויפגעפאסט, אז דער הינטערשטער עק פון העמדעל זאל ביי די פיצלעך ניט ארויסקריכען פון די מאיטקעס. אלעס האט געלויכטען, אלעס האט געבליסטשעט. אויב א פרעמדער, וועלכער איז ניט געווען בעקאנט מיט די אינערליכע ענינים פון שטעדטעל, וואלט געזעהן, ווי דער יונגער דור געהט מיט א בעזונדערע שמחה אין חדר אריין, ווי ער איז אזוי זויבער אויסגעפוצט און יום־

טוב'דיג אויפגעלעגט, וואלט ער זיך גלייך אנגעשטויסען אז מסתמא איז הייגט דער סיום פון חברה פרחי שושנים.

דער עכטער יום טוב פלעגט זיך אנפאנגען ארום צעהן אוהר פאר־מיטאג, ווען דניאל דער קוימענקעהרער און משה מנשה דער גלעזער פלע־גען אנקומען אין בית המדרש, וואו די גבאים זיינען שוין פון פריהער געווען פערזאמעלט.

דניאל דער קוימען קעהרער און משה מנשה דער גלעזער זיינען ניט געווען קיין חשוב'ע באלעבאטים ביי אונז אין שטעד־טעל. זיי האבען געהערט צום המון. זיי האבען ניט נאר ניט געקענט לער־נען א בלאט גמרא און א פרק משניות, נור בייזע צינגער פלעגען זאגען, אז זיי זיינען אפילו קנאפע בעלי עברי. אין שוהל פלעגען זיי שטעהן הינטער דער בימה. די עליה וואס מען פלעגט זיי איינטיילען איז געווען שביעי. דניאל פלעגט זעקס טעג א וואך ארומגעהן אין דער געוועהנליכער קוימען קעהרער יוניפארם, מיט א הויכען צילינדער הוט און מיט א קויל און שטריק אויף די פלייצעס. די קליידער זיינען געווען בערעקט מיט סאזשע און דער פנים פער'חשך'ט און פערשווארצט פון דאגת חיונה. פאר א בערלינקע א וואך פון יעדען בעל־הבית פלעגט ער קעהרען די קוי־מענס און פלעגט ווי עס איז דורכשטופען זיין ארעם וועלטעל.

משה מנשה איז נאך געווען א גרעסערער קבצן ווי דניאל דער קוי־מען קעהרער. ביי איהם פלעגט אוועקגעהן וואכען ווען ער פלעגט אפילו א בערלינקע (7½ קאפיקעס) אין די אויגען ניט אנזעהען. פאר זיין פליכע קאפ און פארפעכטע היטעל, וועלכע ער פלעגט איבערבייטען ניט פרי־הער ווי איין מאל אין א פאר יאהר, האט ער געקראגען א צונאמעניש, וואס עס איז ניט עסטעטיש ארויפצוברענגען אויפ'ן פאפיער.

די בעציהונגען פון דער שטעדטעל צו די צוויי פארשוינען זיינען געווען דורך און דורך אונגערעכט. משה מנשה'ס צונאמען איז ווייט ניט געווען אין הסכם מיט זיין אינערליכען כאראקטער.

דניאל דער קוימען קעהרער און משה מנשה דער גלעזער זיינען בטבע געווען ברילִיאַנטענע מענשען מיט פּאָעטישע נשמות און טייערע הער־צער. דאָס זיינען געווען אמת׳ע פּאָעטען, וואָס האָבען געפיהלען און שטימונגען. לײדער האָבען זיי זייערע שטימונגען ניט געקענט אויסדריי־קען דורך ווערטער. זייער ליבע צו קינדער האָט קיין שום גרענעץ ניט געהאַט. דניאל דער קוימען קעהרער איז בעזעסען אן אמת׳ן פּאָלקס־הומאָר. פלעגט מען איהם ווען עס איז איינלאַדען אויף א חתונה, פלעגט ער מאכען פרעהליך דעם עולם, בעסער ווי דער פּראָפעסיאָנעלער מאר־שאליק. ווען ער פלעגט מאכען זיינע קאָמישע הויות און זאָגען גראמען, פלעגט דער גאנצער עולם זיך צוקאַטשען פון געלעכטער. זיינע טיעפע בלויע אויגען, וואָס האָבען דורכגעלויכטען זיין שווארצען פּנים און זיין גוטמוטהיגען שמייכעל קען איך נאָך עד היום ניט פערגעסען.

משה מנשה, פערקעהרט, האָט געהאַט אויסערליך א בייזען אויס־זעהן, ער פלעגט זעלטען ווען א שמייכעל געבען. א שטענדיגע מרה שחורה איז געלעגען אויף זיין מיט קנייצען בעדעקט געזיכט. דעם איינציגען טאָג אין יאָהר, א חוץ אפשר שמחת תורה, ווען משה מנשה פלעגט פון זיך ארונטערוואַרפען די דאגות חיונה און ווערען לוסטיג, לעבעדיג, איז געווען דער טאָג פון סיום ביי דער קינדערשער חברה.

משה מנשה׳ס פּנים פלעגט דעמאָלט לײכטען און שטראַהלען פון נחת. זאָגען פלעגט מען, אז משה מנשה האָט געכאַפּט אן איבעריגען לחיים און געוואָרען אָנגעסנאַשקעט. אין אמת׳ן אָבער איז ער דעמאָלט געווען שכור ניט פון בראַנפען, נאָר פון התלהבות און ליעבע צו די קינ־דער און זייער הייליגער זאַך.

און אָט די צוויי בעסטע און איבערגעבענסטע קינדער פריינד פלעגען מיט זייער אריינקומען אין בית המדרש געבען דעם סיגנאל, אז דער סיום פאנגט זיך אָן.

די ערשטע ארבייט פון די גבאים און זייערע פריינד, דניאל דער קוי־מען קעהרער און משה מנשה דער גלעזער, איז געווען צונויפזאמלען אלע

חדר־קינדער פון דער גאנצער שטעדטעל. צו דעם צוועק פלעגט מען זיך אוועקלאָזען צו די חדרים פון די גמרא ביז צו די דרדקי מלמדים. די גבאים פלעגען בלייבען שטעהן אין מיטען גאס און משה מנשה מיט דניאל'ן פלעגען אַנקלאפּען אין לאָדען פון חדר. דער קלאפּ האָט בעדייט: חברה עס איז שוין צייט! די קליינוואַרג האָט אויף משה מנשה'ס בע־קאנטמאכונג געוואַרט ווי אַ פרומער איד אויף משיח'ן.

אין איין הרף־עין האָבען זיך אַלע קינדער פון חדר אַ לאָז געטהאָן אויפ'ן גאס און זיך פעראייניגט מיט דעם מארשרוט פון די גבאים. די מחנה פון דער קליינער חברה איז מיט יעדען חדר געוואָרען אַלץ גרעסער און געדיכטער. אין פערלויף פון אַ שעה צייט זיינען אַלע חדרים געווען פוסט און דער גאנצער יונגער דור האָט זיך געפונען אויפ'ן גאס אונטער דער פיהרערשאפט פון די גבאים און דניאל דעם קוימען קעהרער און משה מנשה דעם גלעזער.

פון לעצטען חדר האָט זיך די גאנצע חברה אוועקגעלאָזען צו די איינבינדערס, וואו די נייע ספרים האָבען שוין געוואַרט און געבעטען זיך מען זאָל זיי אַבנעהמען פון דאָרטען.

ביי די איינבינדערס אין הויז האָבען די גבאים מיט דער הילף פון דניאל'ן און משה מנשה'ן צוטיילט די ספרים צווישען די חברה־לייט. די גמרא אינגלעך פלעגען קריגען גמרא'ס, די חומש־אינגלעך — קלענערע לייכטע ספרים, אפילו די אלף בית אינגלעך זיינען אויך ניט גע־קריוודעט געוואָרען.

די יענינע, וועלכע האָבען שוין געהאט זייערע ספרים, פלעגען תיכף ארוים פון איינבינדערס שטוב און אַבוואַרטען אין דרויסען אויף דעם איבעריגען עולם.

ארום צוויי־דריי אזייגער זיינען שוין אַלע געווען בעוואפּענט מיט ספרים אונטער די ארעמס. און ווען משה מנשה האָט געגעבען די קאָ־מאנדע: „חברה מיר געהען!“, האָט זיך די גאנצע מחנה אַ ריהר געטהאָן פון אָרט. מיט שטאָלצע, פרעהליכע פנים'לעך האָט זיך די קליינוואַרג פון

דער גאנצער שטעדטעל בעוועגט איבער אלע גאסען. די קראמען און די געוועלבען זיינען אומעטום גלייך צוגעמאכט געווארען ביים אנקומען פון די יונגע חברה לייט.

די מחנה איז מיט יעדער מינוט געווארען גרעסער. מוטערס מיט זייערע עופה'לעך און אזוי טשיקאווע מענשען האבען זיך וואס ווייטער אלץ מעהר אנגעשלאסען אן דעם גאנג פון דער יוגענד.

— דרך ארץ פאר די פרחי שושנים! פנו דרך פאר אונזערע הייליגע ספרים! פלעגט משה מנשה יעדע פאר מינוטען מיט גרוים התלהבות אויסשרייען. די חברה פלעגט דיזע אויסגעשרייען אונטערהאלטען מיט א פרעהליכען הורא, וואס האט פערהילכט די לופט.

מנחה־צייט איז אונזער חברה אנגעקומען צו מענדעל דעם שיינ־קער'ס הויז, וואו דער סיום איז פארגעקומען. מענדעל'ס הויז איז גע־ווען זעהר געראם און האט זיך געפונען אין צענטער פון שטעדטעל. דע־ריבער איז דער סיום געפראוועט געווארען ביי איהם.

דארטען האבען אויף די קליינע העלדען פון טאג געווארט לאנגע, געגרייטע טישען, אויף וועלכע עס איז געשטאנען משקה, לעקעך, טייגלעך און אנדערע זיסע מאכלים. ארום די טישען איז שוין געזעסען דער רב, די יועצים און פיעלע אנדערע פון די נכבדי העיר. די שטאדטישע קאפעליע אונטער דער לייטונג פון חיים דעם כלי־זמר, איז געזעסען ביי א בעזונדערען טיש. אלע מיט־גליעדער פון דער קאפעליע זיינען געווען דערביי. אפילו שלמה דער צימב־לער, א זקן פון א יאהר אכציג, וועלכער האט שוין לאנג אויפגעהערט צו געהן אויף חתונות, איז אויך געקומען זיך צושלעפען מיט זיין צימבעל אנטייל צו נעהמען אין דעם גרויסען יום טוב.

קוים האט זיך דער אוואנגארד פון דעם יונגען חיל, וואס איז בע־שטאנען פון דניאל דעם קוימען קעהרער און משה מנשה דער גלעזער מיט אלע גבאים, בעוויזען אויפ'ן פארענט פון הויז, האט די קאפעליע אנגע־

הויבען צו שפּיעלען א זיסען און פרעהליכען ברוך הבא און די נכבדי העיר האָבען זיך אויפגעהויבען מקבל פּנים צו זיין די הויפּט מחותנים פון דער שמחה.

ווען די כלי־זמר האָבען געענדיגט שפּיעלען האָט דער חזן מיט די משוררים אויפגעזונגען א שמחת תורה'דיגען נגון און דער גאנצער עולם — דער אלטער און דער נייער דור — איז געקומען אין א גרויסער, היי־לינער, אונבעשרייבליכער התלהבות. דניאל מיט משה מנשה'ן האָבען געכאפּט א טענצעל און דער איבעריגער עולם האָט דעם טענצעל בעגלייט מיט א שעהנעם זמר.

בינו לבינו איז געוואָרען פינסטער און עס איז געקומען די צייט צו דאַוונען מעריב. מעריב האָט מען געדאַווענט אין הויז פון סיום און לויט דער אלטער חזקה איז געשטאַנען פאר'ן עמוד ניט דער חזן פון שטאָדט, נאָר דניאל דער קוימען קעהרער, אלס דער שליח ציבור און משה מנשה דער גלעזער אלס זיין הויפּט משורר. דניאל מיט משה מנשה'ן זיינען ניט געווען די איינציגע, וואָס האָבען געפּראַוועט חזנות ביי דעם מעריב. דער גאנצער עולם האָט זיי אונטערגעהאָלפען. עס האָט זיך בע־קומען א כאָהר פון הונדערטער שטימען, וואו די באַסען און די באַריטאָנס פון די דערוואַקסענע האָבען זיך אויסגעמישט מיט די אלטאָ'ן און סאָפּ־ראַנען פון די יונגע. אלעס האָט געזונגען און אָבגעגעבען א שבח צום בורא...

נאָכ'ן דאַוונען האָט דער עולם זיך א נעהם געטהאָן צום אָנגעשטעל־טען טיש, וואָס איז אין א קורצער ווייַלע אבגערייניגט געוואָרען. די פלעש־לעך מיט משקה זיינען אויסגעליידיגט געוואָרען און פון די לעקעך און די איינגעמאַכטץ איז אפילו קיין זכר ניט געבליבען. יעדער איינער האָט געגעסען און געטרונקען ווי אויף א גרויסע אייגענע פאַמיליען־שמחה.

דערקוויקט דאָס הארץ, האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּראָצעסיאָן, דער הלוך צום בית המדרש, וואו די ספרים זיינען אריינגעגעבען געוואָרען.

דיעזע פּראָצעסיאָן פלעגט זיין אזוי רייך אין פארבען, אזוי שעהן אין קאָלירען, דאָס נור א קינסטלערישע פען קען עס מאָהלען.

איך האָב ניט איין מאָל אנטייל גענומען אין גרויסע בעגייסטערטע רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראציעס אין רוסלאנד, איך האָב זיך אין מיינע סטודענטען יאָהרען בעטהייליגט אין אייניגע פאקעל־צוגען, איך האָב אויך ביינעוואָהנט די גרויסע ריזיגע מאי־דעמאָנסטראציעס אין דייטשלאנד און אין אמעריקא, אָבער קיינע פון דיעזע אלע פּראָצעסיאָנען, ווי גרויס און וויכטיג זיי זאָלען ניט זיין, קענען זיך ניט פערגלייכען מיט דער פּראָצעסיאָן אין מיין קליינעם געבורטס־אָרט, ווען די חברה לייט פון דער פרחי שושנים האָבען געטראָגען די ספרים אין בית המדרש.

אלע הייזער, וואו די פּראָצעסיאָן האָט זיך בעוועגט, זיינען געווען איל־לומינירט מיט ליכט אין די פענסטער, די יונגע לייט פון שטעדטעל האָ־בען בעזונדער געטראָגען אָנגעצונדענע סטארין ליכט, אָבער די אלע ליכט זיינען פערדונקעלט געוואָרען קעגען די ליכטיגע פּנים'לעך פון דער אידי־שער קליינווארג, וואָס האָט איבערגעלעבט א הויכען און הייליגען רעלי־גיעזען עקסטאז.

די קאפעליע איז געגאנגען פּאָראויס און געשפּיעלט, דער חזן מיט די משוררים האָבען געזונגען, דער עולם האָט געטאנצט און אונטער־געבאמקעט, די יונגע אונשולדיגע אידישע טעכטער זיינען ארויס אין גאָס קוקען אויף די שטאָלצע, פרישע און מונטערע פּנים'ער פון די חתן־בחורים, די טאטעס האָבען געקליבען נחת, די מאַמעס האָבען געוויינט פאר פרייד, די באָבעס האָבען פערקאטשעט די טערקישע טיכער און גע־פליאסקעט מיט די הענד און די זיידעס האָבען אונטערגעקנאקט מיט די פינגער. אויף אלעמענס געזיכטער איז געווען אויסגעגאָסען א בעזונדערער חן, „עפּעס ווי די שכינה וואָלט גערוהט. אין אלע ווינקעלעך איז געווען ליכטיג, ווארעם, פרעהלעך און לעבעדיג. היינט איז יום טוב! היינט איז א הייליגער טאָג! אפילו די שטערען פון הימעל האָבען ליעבליך ארונ־טערגעקוקט אויף די שמחה, וואָס ס'האָט זיך אָבגעשפּיעלט ערגעץ אין

א קליין פערוואָרפּען אידיש שטעדטעל לכבוד דעם יונגען דור פון עם הספר...

---

נאָכדעם ווי אלע ספרים זיינען שוין געלעגען אויף דער בימה פון בית המדרש און דער עולם האָט זיך אָבגעקיהלט פון דער הייסער התלהבות, האָט דער רב זיך געשטעלט פאר'ן ארון קודש און געהאַלטען א דרשה מעניני דיומא.

אין דעם יאָהר פון מיין גבאות, געדענק איך, איז די דרשה געווען אויף דעם פּסוק: „חנוך לנער על פּי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו.

וואָס דער רב האָט גע'דרשן'ט, ווייס איך ניט. מיין קאָפּ און מיין הארץ זיינען דאן געווען פערנומען מיט אַנדערע זאכען און דעם רב'ס ווערטער זיינען אין מח ניט געקראָכען. געוויס איז די דרשה געווען וועגען קינדער־ערציהונג.

נאָכ'ן רב'ס דרשה זיינען די גבאים, זייערע פּאָטערס און מוטערס, דער רב, די יועצים און די חשוב'ע בעלי־הבתים צוריק אוועק צו מענדעל דעם שיינקער'ס הויז, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א סעודה מיט א טייגעכץ און רייז קאשע וואָס די מאַמעס האָבען געמאכט לכבוד דעם יום טוב...

רייז קאשע איז א חיזוק החברה און עס האָט ביי יערען סיום גע־מוזט זיין.

אין דער צייט פון דער סעודה זיינען דניאל דער קוימענקעהרער און משה מנשה דער גלעזער געווען די סארווערס און די מארשאַליקס.

מען האָט געגעסען און געטרונקען און זיך משמח געווען ביז נאָך האַלבע נאכט.

# דער שטעדטי׳לשער פּאַטריאָטיזם

ביי פּרץ׳ן איז ערגעץ פאַראַן אַ פעליעטאָן איבער דער מלחמה, וואָס פלעגט תמיד פּאָרקומען צווישען די צוויי בעלי־עגלות, יאַנקעל פון יאַכינקע און יעקעל פון יעכינקע.

יאַנקעל איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט פון יאַכינקע און יעקעל ווידער איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט פון יעכינקע. און אויף דעם באָדען פון אָט דעם פּאַטריאָטיזם פלעגען ארויסקומען גרויסע מחלוקות צווישען זיי.

יאַנקעל האָט גע׳טענה׳ט, אַז יאַכינקע איז דער מיטעלפּונקט פון דער ערד און יעקעל האָט דערוויזען מיט אותות און מופתים, אַז יעכינקע איז דער צענטער און יאַכינקע איז אביסעל אָן אַ זייט.

האָט זיך געמאכט אַז יאַנקעל׳ס זוהן איז געוואָרען אַ חתן מיט יענקעל׳ס טאָכטער, האָבען זיך די מחותנים ניט געקענט אייניגען איבער דער שטאָדט, וואו דאָס יונגע פּאָרל זאָל זיך בעזעצען נאָך דער חתונה.

יאַנקעל האָט דוקא געוואָלט, אַז די יונגע פּאָר זאָל וואוינען אין יאַכינקע, ווייל יאַכינקע איז שעהנער, בעסער און עהרליכער פאַר יעכינקע, און יעקעל האָט זיך דוקא איינגעשפּארט, אַז דאָס פּאָרל זאָל זיך בעזעצען אין יעכינקע, ווייל יעכינקע איז שעהנער, בעסער און עהרליכער פון יאַכינקע.

פּרץ האָט דאָ בעמערקט זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט ביי די קליינשטעדטעלשע איינוואוינער פון דעם אידישען תחום.

אַ איד איז בטבע אַ פּאַטריאָט פון דעם אָרט, וואו ער איז געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען. איהם איז טייער יעדער בוים, יעדער בער־

געל, יעדער שטיין פון זיין שטעדטעל. ער איז זיך מיחס מיט די גרויסע מענשען, וואָס זיינען אויפגעוואקסען געוואָרען אין זיין שטעדטעל און זוכט קלענער צו מאכען די חטאים פון די בעלי עבירה'ניקעס, וואָס קענען מאַכען ללעג ולקלס דעם שעהנעם נאָמען פון שטאָדט.

ער בעטראַכט זיך ניט אַלס אַן אָבגעזונדערטער, נור אַלס אַ טייל פון אַ גאַנצע, אַלס אַ מיטגליד פון אַ חברה, וואו ער לעבט און שטרעבט. ער רעכענט זיך עפּעס פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם שלעכטען נאָמען. וואָס זיין שטעדטעל און לאַנדסמאַן האָבען אין דער וועלט און נעהמט זיך דער־פאַר איבער מיט דעם רוהם און כבוד, וואָס זיינע שטאָדטלייט געניסען.

אין די זאַמעטער און ליטווישע שטעדטלעך איז דער אָרטיגער, לאָ־קאַלער פּאַטריאָטיזם געווען שטאַרק ענטוויקעלט, סײַ ביי די עלטערע מענשען, און סײַ ביי דעם יונגען און אויפוואַקסענדען דור.

די חדר אינגלעך פון יאַנקעל חאַצע דעם מלמד האָבען שטענדיג זיך געקריגט און געשלאָגען מיט וואָלפע מענאַקער'ס חדר. און די גמרא אינגלעך פון דער אַלטער שוהל פלעגען זיך פאַר קיין פאַל ניט קענען איי־ניגען מיט זייערע חברים פון דעם נייעם בית המדרש.

ביי זיך אין חברה איז אַלץ געווען גוט און שעהן און ביי יענעם שלעכט און מיאוס. די גאַנצע שטעדטעל איז בעשטאַנען פון בעזונדערע חדרים, פון בעזונדערע קלייזלעך, וואָס האָבען צווישען זיך געפיהרט שטענדיגע מחלוקות און האַמפּערייען.

איבערהויפּט האָט זיך דער אָרטיגער פּאַטריאָטיזם שטאַרק געלאָזט פיהלען אין די צווילינגס־שטעדטלעך, אין די שטעדטלעך, וועלכע זיינען דורך פיזישע, נאַטירליכע אורזאַכען — דורך אַ וואַסער אָדער דורך אַ באַרג — פאַנאַנדערגעטיילט אויף צוויי העלפטען.

אַזוינע צווילינג־שטעדטלעך זיינען פאַראַן אַ היבשע ביסעל אין ליטאַ.

די אויסערליכע וועלט און אפילו די גאַנץ נאָהענטע אַרומיגע שטעדטלעך האָבען ניט געוואוסט דעם אונטערשייד צווישען די פּער־שיעדענע טיילען פון שטעדטעל, אָבער פאַר דער שטעדטעל גופא איז גע־

ווען א גרויסע נפקא מינה, צי די אָדער יענע פּאַסירונג איז פֿאָרגעקומען אין דער „אַלטער שטאָדט“ אָדער אין דער „נייער שטאָדט“.

אויפ׳ן גרענעץ פֿון קאָוונער און קורלענדער גובערניעס איז פֿאַראַן אַ שטעדטעל זאַגער. געהט אין מיטען שטעדטעל דורך אַ טייכעל, וואָס פֿליסט אריין אין דעם טייך „אַא“ פֿון מיטוי, דאָרטען וואו עס זיינען פֿאָרגעקומען די בלוטיגע שלאַכטען צווישען די רוסען און דייטשען.

דאָס דאָזיגע טייכעל האָט איינגעטיילט זאַגער אין צוויי בעזונדערע שטעדטלעך, אין „ניי זאַגער“ און „אַלט זאַגער“.

ניי־זאגער האט זיך איהר רב, איהרע דיינים, איהרע שוחטים, איהר חזן, איהרע בתי מדרשים און ישיבות און, להבדיל, איהר טשליען און מעשטשאַנסקאַיאַ אופּראַווא.

אלט־זאגער האָט זיך געמאַכט יום־טוב פאר זיך און האָט אַ בעזונ־דערען רב, בעזונדערע דיינים, בעזונדערע שוחטים, בעזונדערע מקואות און בעזונדערע טוקערקעס, אַ בעזונדערען טשליען און אַ בעזונדערע מעשטשאַנסקאַיאַ אופּראַווא.

די ניי־זאַגערער בעל־הבתים זיינען, פֿערשטעהט זיך, גרויסע פּאַט־ריאָטען פֿון ניי־זאַגער און שונאים פֿון אלט־זאגער, און די אַלט־זאַגערער האָבען, פֿערקעהרט, שטארק פֿיינט די ניי־זאַגערער.

אין ניי־זאַגער געהען אַרום לעגענדעס און מעשיות, וואו עס ווערען אויסגעלאַכט די אלט־זאַגערער, און די אַלט־זאַגערער האָבען, פֿערקעהרט, פּעק מיט מעשיות איבער די ניי־זאַגערער.

די אַלט־זאַגערער רופֿען די ניי־זאַגערער „ניי־זאַגערער חטאים“, און די ניי־זאַגערער רופֿען די אלט־זאַגערער „אַלט־זאַגערער מתים“. פֿון וואַ־נען דיעזע צונאָמענישען האָבען זיך גענומען ווערען פֿון די שטעדטלעך דערצעהלט פֿערשיעדענע געשיכטען, אבער זיי קענען אינטערעסירען נאָר די זאַגערער גופא.

האָט בעונתינו הרבים געטראָפֿען — הלואי זאָל עס ניט טרעפֿען ווי עס טרעפֿט — אַ חטא אין שטעדטעל: מען האָט געכאַפּט זומער צוועלף אַ זייגער ביינאַכט אַ ניי־זאַגערער בחור און מיידעל צווישען די בוימער פֿון׳ם אַלט־זאַגערער בית עולם, וואָס איז זעהר שעהן בעוואַקסען מיט

אלערליי פלאַנצונגען. געוועהנליך איז דאָס פּאָרל געקומען דאַרטען ניט צו בעקלאָגען דעם טויט, נאָר צו געניסען פון לעבען. איז געוואָרען א גאַנצע יעלה איןביידע שטעדטעלך: אין ניי־זאַגער און אין אַלט־זאַגער. סטייטש, א חטא, ווער ווייס נאָך וויפיעל אונשולדיגע עופה'לעך עס וועלען צוליעב דעם פּאָר דער צייט אוועק פון דער וועלט! האָט מען, ווי דער מנהג איז, אָנגעפאנגען חוקר ודורש צו זיין די גאַנצע געשיכטע, ווי, ווען און ווי אזוי. און נאָך אלע „אונטערזוכונגען" זיינען די אלט־זאַגערער געבליבען ביי דאָס זייעריגע, אז שולדיג אין דעם זיינען נאָר די ניי־זאַגערער חטאים, און די ניי־זאַגערער האָבען בעשיינפּערליך בעוויזען, אז ווען ניט די אַלט־זאַגערער מתים וואָלט צו קיין צרה ניט געקומען...

די קלאַטקע, וואָס איז אריבערגעוואָרפען איבער זאַגערער טייכעל, פלעגט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג קאַליע ווערען און עס פלעגט זיך אָנפאַנגען א סדרה מיט אסיפות און מחלוקות איבער דעם, ווער עס זאָל דעם „בריק" צורעכט מאַכען.

די ניי־זאַגערער האָבען גע'טענה'ט אז אַלט־זאַגער דאַרף טראָגען די הוצאות, ווייל ווען ניט די אַלט־זאַגערער פערד וואָלט דער בריק קיין מאָל ניט מכולא געוואָרען; האָבען דאַרויף די אַלט־זאַגערער געענטפערט: לאָ מיט אַן אליף, ווייל ווען ניט די ניי־זאַגערער יונגאַטשעס, וואָלט דער בריק געווען גאַנץ אויף אייביגעס.

א ניי־זאַגערער אינגעל פלעגט מורא האָבען צו גען איינער אליין אין אַלט־זאַגער, „די אַלט־זאַגערער מתים" זאָלען איהם ניט בעפאַלען מיט שטיינער אָדער גאָר דערוואַרגען; און אַן אַלט־זאַגערער פלעגט מורא האָבען זיך צו בעווייזען אין ניי־זאַגער כדי א „נייזאַגערער חטאת" זאָל איהם מיט א פלאָקען ניט אָבשלאָגען דעם לונג און לעבער.

גאַנץ אָפט פלעגען פאַרקומען גרויסע מלחמות צווישען די ניי־זאַגערער און אַלט־זאַגערער אינגלאַך.

די ביידע מחנות פלעגען זיך בעפעסטיגען און פערבאַריקאַדירען אויף די ביידע ברעגעס פון טייך און דורך סיגנאַלען פון די אָנפיהרער פלעגט זיך די מלחמה אָנפאַנגען.

שטיינער, צובראָכענע פלעשער און פלעקער פלעגען פליהען אי־בער'ן טייך פון איין לאגער צום צווייטען, ביז וואַנען די „גרויסע" פלע־גען זיך אריינמישען און גוט אנמקלן די ביינער פון ביידע קריג־פיהרענדע צדדים.

דאָס אריינמישען זיך פון די עלטערע פלעגט פיהרען צו א וואפען־שטילשטאַנד, בלויז צו אַ וואפען־שטילשטאַנד, אָבער ניט צו א שטענ־דיגען שלום.

די ניי־זאַגארער חטאים האָבען פאר קיין פאל ניט געקענט לעבען בשלום מיט די אלט־זאַגערער מתים, און די אלט־זאגערער מתים האָבען געמוזט זיך שלאָגען מיט די ניי־זאַגערער חטאים. דאָס זיינען געווען צוויי פיינדליכע לאגערען, וועלכע האָבען פון זייער פאטריאָטיזם אפילו א האָר ניט אָבגעלאָזען.

# אידישע טעכטער

די אידישע טאָכטער פון אונזערע שטעדטלעך איז געווען ריין און אונשולדיג אזוי ווי א בלום איידער די ליכט פון דער זון וויקעלט פער־נאנדער איהרע בלעטער. איהר נשמה איז געווען צארט, איהר הארץ ווייך און פול מיט רחמנות און אויף איהר פנים איז געווען אויסגעגאָסען דער אמת'ער ניט צוגעפארבטער אידיש־מיידעלשער חן.

שטענדיג אונטער איהר מוטער'ס השגחה איז זי, די אידישע טאָכ־טער, געווען פרום, גאָטספורכטיג, אבער דיעזע פרומקייט האָט זי ניט ארויסגעוויזען מיט'ן לייענען דעם טייטש־חומש און וויינען ביי ראש־חדש בענשען. זי האָט די פרומקייט געהאלטען איינגעגראָבען אין די טיפסטע טיפענישען פון איהר יונגער נשמה. דער גלויבען איז ביי איהר געווען א טיפער רעליגיעזער געפיהל, א מין צוגעבונדענקייט צו דעם „אונ־בעוואוסטען עטוואָס", א מין אונבעשטימטע פילאָזאָפישע בעטראכטונג, וואָס האָט אָנגעפיהלט איהר גאנצעם וועזען מיט א רייכען, נייסטיגען אינהאלט.

ווייניג אין בעריהרונג מיט דער אויסערליכער וועלט איז די אידי־שע טאָכטער געווען נאאיוו, שעהמעוודיג, תמימות'דיג און האָט מיט א מאָדנעם כח אונטערדריקט אין זיך, ווי מען צודריקט א ניפּטינע שלאנג, דעם רוף פון דער פרוי, וואָס פלעגט איהר מאַנכעס מאָל נאָגען. קיין מחשבות זרות האט זי געווים ניט געהאט. זי האָט געוואוסט, אז מען טאָר זיך ניט ארומטראָגען מיט אזוינע געדאנקען, אז דאָס איז אַן עבירה און האָט זיי פערטריבען פון זיך.

אין שטוב האָט זי פון קינדווייז אָן געלערנט צו זיין א באלע־באָסטע. ניט קיין מוטער, ניט קיין פרוי, נאָר א באלעבאָסטע אין דער ווירטשאַפט.

די מוטער האָט שטאָלצירט מיט איהר טאָכטער, אויף וועמען זי האָט זיך געקענט פערלאָזען און די טאָכטער האָט הנאה געהאט פון דעם געדאנק, אז מען טרויט איהר אָן די גאנצע באלעבאטישקייט און אז מען רעדט אין שטאָדט, דאָס זי איז א בריה און פיהרט אליין די גאנצע הויז.

מיט גרויס גאווה פלעגט די דרייצעהן־פערצעהן־יעהריגע מיידעל טראָגען דעם בונד קלינגענדיגע שליסלען אין איהר פארטוך וואָס האָט ארומגענומען איהר ווייכע טאַליע — די שליסלען פון די קאמאָדען, וואו עס איז געווען פערשלאָסען די צירונג, דאָס ביסעל גאָלד און זילבער, און פון די אלמערס, וואו עס זיינען געשטאַנען די טעפּ מיט די איינגעמאכטס, וואָס זי האָט אליין געהאָלפען דער מאמע'ן פערגלען.

גאנץ אָפט זיינען פאָרגעקומען צווישען די קינדער רייסערייען צו־ליעב דעם, וואָס זי מאכט זיך פאר א „גאנצע באלעבאָסטע". די איננגע־רע ברידער, די מאזורקעס, האבען ניט געוואָלט אנערקענען זייער שוועס־טער אלס זייער מוטער'ס שטעלפערטרעטערין. זיי האָבען ניט געקענט פערטראָגען איהר בעפעהלענדען טאָן און איבערהויפּט זיינען זיי געווען אין כעס, וואָס זי האָט נעהאלטען אונטער'ן שלאָס און ריגעל די טייגלעך, די זאפּט און די אנדערע איינגעמאכץ... עס פלעגען פאָרקומען קולות, געשרייען און אַן אנדער מאָל געשלעגען מיט מסירות צום טאטע'ן און צו דער מאמע'ן, וועלכע האָבען תמיד אָדער געמאכט א פשרה אָדער גענעבען גערעכט דער טאָכטער'ל.

קיין געזעלשאפטליך לעבען האָט די אידישע טאָכטער אין שטעד־טעל ניט געהאט. פון קיין פרעהליכע צוזאמענקונפטען האָט זי ניט גע־וואוסט. זי האָט געהערט, אַז דאָרטען אין די גרויסע מקומות: אין ריגע, אין ווילנע און אַנדערע אַזעלכע אויסגעלאַזענע שטעדט קלייבען זיך צו־נויף מיידלעך און בחורים און טאנצען צוזאמען. זי האָט געהערט פון נאך א סך אַנדערע זאכען, וואָס מען טהוט דאָרטען, אָבער זי האָט יענע מייד־

לעך ניט מקנא געווען און האט אבגעמאכט ביי זיך, אז זי וועט אין אזעלכע „פרייע“ שטערט קיין מינוט ניט געלעבט און געדאנקט דעם. די הענט ניט געוואשען, וואס איהר טאטע און מאמע וואוינען ניט דאר־טען.

די איינציגע טעג, ווען די אידישע טאכטער איז ארויס פון איהר באלעבאטישקייט, איז געווען שבת און יום־טוב. דעמאלט פלעגט זי זיך אנטהאן אין די געפלעטע קליידער, בענעצען די געדיכטע קאפ האר מיט פראוואנס אויל און ארויסגעהן צוזאמען מיט איהרע חבר'טעס אין גאס שפאצירען.

שעהן איז געווען די גאס, ווען די אידישע טעכטער האבען שפא־צירט איבער איהר. א געזונטע פרישקייט, דיזעלביגע פרישקייט וואס טראגט זיך פון די ציטראנען־בוימער, ווען זיי פאנגען אן צו בליהען, האט זיך געפיהלט אין דער לופט. דער טראט איז געווען א גראציעזער, אבער א נאטירליכער, אזוי ווי עס איז געווען נאטירליך די פארב פון זייערע געזיכטער, פון וואנעט עס האט געשפריצט יוגענד, לעבען און אונבעוואוס־טע ליידענשאפט.

מיט ליעבע־געפיהלען איז די אידישע טאכטער געווען זעהר רייך. איהר ליעבע האט זי אבער זעלטען געפיהלט צו אימיצען, צו א בע־שטימטע, עקזיסטירענדע פערזאן. אפט פלעגען איהרע געדאנקען זיך טראגען ווייט־ווייט פון איהר ענגער שטעדטעל. זי פלעגט טרוימען, חלומ'ען פון ראמאנטישע געשטאלטען, פון א העלד, פון א נביא'ס א קינד, פון א משיח... די פערקערפערונג פון איהרע בעגעהרען האט זי זיך געשילדערט אין איהר פאנטאזיע לויט איהרע נייגונגען און ליידענ־שאפטען.

ווען דער טאטע פלעגט א שפאס טהאן און דערצעהלען זיין יונגע טעכטערל, אז זי איז שוין קיין עין־הרע א בוגרות, א כלה מויד, אז זי שטעהט שוין אין שדוכים און אז איינגיכען וועלען שדכנים אנפאנגען קומען איהר זעהן, פלעגט זי ארונטערלאזען די אויגען און איהר פנים איז בעדעקט געווארען מיט א דורכזיכטיגער רויטקייט — די פארב פון

צניעות, פון אונשולד, און פלעגט זוכען תרוצים ווי אזוי זיך ארויסצי־
מאכען פון אזא שמועס...

אָט די שעמעוודיגע, בע'חן'טע אידישע טאָכטער איז שפּעטער גע־
ווארען די כשרה, איבערגעגעבענע פרוי, די ע ק ר ת ־ ה ב י ת, די
ש ע ה נ ע, אויסגעפּוצטע בת־מלכה ביים סדר, די אשת־חיל אין גע־
שעפט, די מוטער פון די משה'לעך און שלמה'לעך, וועלכע האָבען געהאַט
שעהנע, קלאָרע אויגעלעך, ליכטיגע פּנים'לעך און עלוי'שע מוח'לעך.

* * *

ניט אלע אידישע מיידלעך זיינען געווען אַזוינע גרויסע צניעות. אנ־
דערע האָבען האָלד געהאַט זיך צו פּוצען אפילו אין מיטען וואָך, לאַכען
מיט א הילכיגען קול איבער יעדע שטות'עריי, קוקען צו־אָפט אין שפּיגעל
און מאַנכעם מאָל ארויסגעהן מיט פערנאַנדערגעלאָזענע, צופּאַטעלטע
האָר, קריכען דוקא דאָרטען, וואו עס קומען זיך צונויף די ניט־חתונה גע־
האַטע געזעלען און פּריקאַשטשיקעס, וועלכע פלעגען ליעב האָבען צו דער־
צעהלען צווייִדייטיגע מעשות און צוגעזאָלצענע גלייכווערטלעך.

דיעזע מיידלעך פלעגען כלומרשט אויסזידלען די יונגעלייט פאר
זייערע לייזע־מיילער, זיי שילטען, אז זיי זאָלען זיך אָבבייסען דעם האָל־
בען צונג, אָבער דערביי אויסשטעלען די אויגען און ווארפען שעלמישע
בליקען אויף דער לוסטיגער חברה, וואָס האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז
קיין גרוים פּעראיבעל וועלען די מיידלעך דערפאַר ניט האָבען.

די דאָזיגע מיידלעך האָבען בעלאַנגט צו דעם מין „באַרעדטע“. קיין
מעלה צו א שידוך איז א באַרעדטע מיידעל ניט געווען. און ווען אזא
מיידעל איז נעבעך פערזעסען געוואָרען האָט מען אויף איהר געהאַט וויי־
ניג רחמנות.

— דער וואָס פאַנגט אָן צו־פריה, ענדיגט צו־שפּעט — האָט לאה
נחום'ס גיפטיג בעמערקט, ווען איינע פון דעם געזעמעל וועלבער וואָס
זיינען געשטאַנען אין יאַטקע, האָט איהר איינגערוימט אין אייער א סוד,
אז די מחותנת'טע, דעם התן'ס מוטער, האָט אָבגעשיקט צוריק די תנאים

און אבגעלאזען דעם שידוך מיט ביילקע יענטע'ס, ווייל זי האט זיך דער־וואוסט, אז די כלה איז א בארעדטע.

— ווי מען קאכט, אזוי עסט מען — האט זי צום סוף פון שמועס נאך פערשטארקט איהר פריהערדיגען שטאך־ווערטל.

א נידעריגערער סארט מיידלעך, וועלכע זיינען געלעגען ביי אלעמען אין די מיילער און מיט וועלכע קיינער האט ניט געטארט האבען א מגע ומשא, זיינען געווען די „צולאזענע".

די צולאזענע זיינען על פי רוב געווען די טעכטער פון וואסער־טרע־גערקעס, גרעט־וואשערקעס און מצות־וועלגערקעס — פון ארעמע אלמנות, וועלכע האבען געוואוינט אין חורבות אויף די עקען פון שטאדט, אהן ברויט, אהן האלץ און אהן ליכט...

אויף די אינגלעך פון אט דיזע אלמנות פלעגט נאך קהל האלטען אן אויג: זיי געבען ביז בר־מצוה אין תלמוד־תורה און נאכדעם אוועקגע־בען צו א בעל־מלאכה. אויף די מיידלעך האט אבער קיינער ניט אויפגע־פאסט און זיי פלעגען זיך וואלגערען אין די גאסען, ארומגעהן קרועה בלועה ביז וואנעט... זיי זיינען, בעונותינו הרבים, געווארען חצופות און צולאזען...

אין די פינסטערע נעכט פלעגט מען טרעפען געהן צו זיי דעם או־ריאדניק, דעם פריסטאוו, דעם סעלסקי שרייבער און אנדערע אזעלכע פארשוינען. אנגעפאנגען צו שעלטען זיך האט מען מיט די צולאזענע ניט אזוי דערפאר, וואס זיי האבען געהאט צו טהאן מיט די קוקארדעם — ווארים ווער וויל זיך דאס איינרייסען מיט „נאטשאלסטווא"? פער־קעהרט, אין הארצען האבען די שטעדטעלשע קרעמער געזאגט, אז דאס איז גאר א מעלה פאר'ן שטאדט, וואס ציפקע די וואסערטרעגערקע'ס טאכטער איז א גאנצע „יאטאבעדאמניצע" מיט'ן פריסטאוו און מיט'ן פריץ פון שטעדטעל. מען קען דורך איהר אמאל האבען א טובה... ביי א פראטאקאל, ביי אן אקט און נאך אזעלכע צרות.

די הויפט־צרה איז געווען, וואס „ארקע קאפעלמייסטער" איז מיט זיי געווען א נאהנטער מחותן.

„אַרקע קאַפּעלמייסטער“ איז אין אמת'ן געווען פון א גאַנץ שעהנער משפחה. ער האָט געהאַט אַ ברודער אַ לערנער און זיין פאַטער איז געווען יאָהרען־לאַנג אַ גבאי אין בית־המדרש און אַ נאמן פון מעות חטין. אבער ער אליין, אַרקע, פרעגט שוין גאָר ניט! אויף אלע שונאי ציון געזאָגט.

מיינט איהר, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער, אַ רשע? חס ושלום! דוקא פערקעהרט, ער האָט געהאַט אַ גוט הארץ. פלעגט ער זעהן אַן אָרעמאַן איז ער געווען קאַפּאַבעל אויסצוטהאָן פון זיך די העמד פון לייב און אוועקגעבען. אבער וואָס איז די פּעולה דאָס גוטע הארץ, אַז ער אליין האָט געטויגט אויף כפּרות. ביי איהם איז געזעסען אַ שד און דער שד האָט איהם ארונטערגעפיהרט פון דרך־הישר. וואָס ווייסט איהר, וואָס ווייסט איהר, וואָס אַרקע פלעגט אָבטהאָן. ער פלעגט רויכערען פּאַפּיראָסען אום שבת, ניט פאַסטען אום יום־כפּור און טהאָן נאָך זאכען וואָס מען טאָר ניט. דעם צונאָמעניש „קאַפּעלמייסטער“ האָט ער אויך צו פערדאַנקען אַ מעשה שהיה.

— איינמאָל, אין אַ הייסען זומער־אָוונד — אזוי האָבען דערצעהלט די קברות־לייט, אַז זיי האָבען געזעהען מיט זייערע אייגענע אויגען און דאָס האָט מען זיי געקענט גלויבען, ווייל דער בית־עולם איז געווען אויף דערזעלביגער גאַס — איז ארונטער פון קאַפּעל (דער גוי'שקער בית־עולם) דעם גלח'ס „גאַספּאַדינע“ (דעם גלח'ס פּלגש) און אין צוויי מינוטען ארום האָט זיך פון דעמזעלביגען וועג בעוויזען אַרקע.

— „סטייטש, אַרקע“, האָבען מיר איהם געפרעגט—דערצעהלען ווייטער די קברות־לייט — „ווי קומסטו אין מיטען דער נאַכט אַט־אָ־דאָ אויף דער קאַפּליצע? און וואָס האָט דאָ אזוי שפּעט געטהאָן דעם גלח'ס גאַספּעדינע?“. בקיצור, אַרקע אהין, אַרקע אהער, בע... מע... ניט געווען וואָס צו הערען...

אויף מאָרגען, גלייך אין דער פריה ביים ערשטען מנין, האָבען שוין אלע געוואוסט וואָס עס האָט געטראָפען מיט אַרקע'ן ביינאַכט און אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווען אלע קראָמען זיינען שוין געווען אָפען, איז די גאַנצע שטעדטעל געגאַנגען אויף רעדלעך. אפילו אין די חדרים האָט מען געשמועסט וועגען דעם.

— „ווייסט איהר, אז מיר האָבען איצט אין שטאָדט א קאפּעלמייס־מייסטער?", איז צוגעלאָפען מיט גרוים שמחה יענקעל דער פאקענטרע־גער צו א געזעמעל אידען אויפ'ן מארק־פּלאץ.

— „וואָס פאר א קאפּעלמייסטער?", האָבען אלע נייגעריג גע־פרעגט און דערביי אויסגעשטעלט די פּנים'ער כדי געניער צו הערען וואס יאנקעל וועט דערצעהלען.

— „האָט איהר גאָר ניט געהערט וואס ס'האָט נעכטען אָוועגד פּא־סירט אויפ'ן קאפּעל מיט אָרקע'ן?"

אלע האָבען זיך פונאנדערגעלאכט און האָבען שוין פערשטאנען, אז דער נייער קאפּעלמייסטער איז ניט קיין אנדערער ווי אָרקע, וועלכער איז געווען אויפ'ן קאפּליצע צוזאמען מיט דעם גלח'ס גאספּאָדינע.

און אזוי האָט די שטעדטעל געקרוינט אָרקע'ן מיט'ן נאָמען „קאפּעל־מייסטער" עד היום הזה.

און אָט די צולאָזענע מיידלאך, רחמנא לצלן, פלעגען זיך אָפט ארומשלעפּען אין וואלד מיט „אָרקע קאפּעלמייסטער" און זיינע חברים...

# „דער פּאָליטישער קאַמף" אין די שטעטד־לעך פון ליטא און זאַמוט

אַבגעזונדערט איז געווען דאָס אידיש לעבען אין די שטעטלעך פון זאַמוט און ליטא. די דאָרפישע בעפעלקערונג ארום איז געווי־שטאַנען קולטורעל א סך נידעריגער און די שטאָדט־לייט האָבען אַויסער עקאָנאָמיש מיט איהר קיין מגע ומשא ניט געהאט. די אידישע שטאָדט און דער גוי'אישער דאָרף זיינען געווען צוויי — הגם ניט אלע מאָל פיינדליכע — וועלטען, וועלכע האָבען גערעדט אויף פערשיעדענע לשונות און געהאט פערשיעדענע אינטערעסען אין לעבען.

די גוים אין שטעדטעל גופא זיינען אם מייסטען געווען די „נאַ־טשאַלסטוואָ": דער אוריאַדניק, די סאָטסקים, דער שרייבער פון סעלסקא און נאָך אַזוינע נפשות, וועלכע האָבען געהאלטען דאָס גאַנצע שטעדטעל אין מורא פאר „פּראָטאָקאָלען". די באַלעבאַטים פון שטעדטעל פלעגען האַלטען אין איין געבען כאבאר דעם אוריאַדניק, און זיי זיינען געווען מלא שמחה, ווען דער ערל פלעגט זיך ניט בריקען און נעהמען...

די קליינע טשינאָווניקלעך פלעגען ווי אמת'ע פּיאַווקעס אויסזויגען די לעצטע פּאָר גראָשען פון די אידישע קרעמער און געשעפטס־לייט. קיין פריינדשאַפט, קיין התקרבות צווישען די אידען און די נאַטשאַלסטוואָ האָט, פערשטעהט זיך, ניט געקענט זיין.

דאָס פּאָליטישע לעבען פון דעם אָפיציעלען רוסלאַנד איז פאר די זאַמוטער שטעדטלעך געווען מעהר פרעמד, ווי דאָס לעבען פון כינעזישע חוית. •

וועגען דער כינעזישער קייזערין פלעגט מען נאָך אמאָל לעזען אין די „בלעטער", אין „המליץ" און „הצפירה", וועגען רוסלאַנד גופא, איז פערשטעהט זיך, דאַרטען אפילו ניט דערמאָנט געוואָרען.

אויסער די טעלעגראַמעס, אז „הקיסר ירום הודו" מיט די „קסרית ירום הודה" האָבען געמאַכט א נסיעה פון צאַרסקאָיע סעלאָ קיין פעטערבורג און פון פעטערבורג קיין צאַרסקאָיע סיעלאָ, האָט מען קיין זאַך ניט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אין רוסלאַנד.

קיין אידישע צייטונגען זיינען נאָך ניט געווען, רוסישע האָט מען ניט פערשטאַנען און דעם „המליץ" און „הצפירה" פלעגען אויך נור לע־זען די משכילים און די זיידענע יונגעמאַנטשיקלעך, וואָס זיינען נאָך גע־וועזען ביים שווער אויף קעסט.

פאָליטישע ענערגיע איז אָבער געווען ניט ווייניג ביי די איינוואוי־נער אין שטעדטעל. די אינסטינקטען פון געזעלשאַפטליכער ארבייט זיינען געווען גאַנץ שטאַרק ענטוויקעלט, און אויב זיי האָבען ניט גע־קענט אויסגענוצט ווערען פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסען פון לאַנד, זיי־נען זיי אַנגעווענדעט געוואָרען פאַר די קהל'שע ספּעציעל־אידישע, קליין־שטעדטעלשע ענינים.

ווי אין יעדער פּאָליטישער און סאָציאַלער פראַגע פון דער גרויסער וועלט, פלעגען אויך אין די שטעדטישע ענינים זיין פערשיעדענע צדדים, גרופּען, וועלכע פלעגען פיהרען צווישען זיך מחלוקות. די מחלוקות פלעגען ניט איין מאָל פיהרען צו „שלאָגענדע ארגומענטען" און — וואָס נאָך ערגער — צו מסירות, וואָס פלעגען בעטראַכט ווערען פאַר דעם גרעסטען חלול השם מצד די זייטיגע רוהיגערע שטאָדט־לייט.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט די אַלע צאַנקערייען און מחלוקות אין די קליינע שטעדטלעך איז, וואָס די צדדים פלעגען זיך אַממייסטען גרו־פּירען לויט זייער עקאָנאָמישער לאַגע. אין א געוויסען זינן קענען מיר זאָגען, אז דאַרטען האָט זיך שוין אונבעוואוסט ארויסגעוויזען דער קלאַ־סען־קאַמפּף צווישען די פערשיעדענע עקאָנאָמישע גרופּען. דער קלאַסען־קאַמפּף פלעגט זיך ארויסווייזען ניט אין עקאָנאָמישע אנגעלעגענהייטען,

נור ביי „פּאָליטישע“, אויב מען קען אזוי אָנרופן די שטעדטעלשע קהלה־ענינים.

אויף יעדער קהל'שער אספה, וואו עס פלעגט זיך האנדלען וועגען גאָלקעווען א טשלען אין אופּראווע, א נייעם הקדש, וועגען צורעכט מאַ־כען דעם אלטען בית־המדרש, וועגען אונטערשפּארען די שוהל, אָדער, להבדיל, דעם מרחץ, פלעגט זיך ארויסווייזען צוויי שטרעמונגען: אַן אריסטאָקראטישע און א דעמאָקראטישע.

די „אריסטאָקראטען“, די נגידים פון שטעדטעל פלעגען אלע קהל־שע ענינים בעטראכטען פון זייער נגיד'ישען שטאנדפּונקט, אלע קהל'שע בנינים פלעגען זיי וועלען בויען לויט זייער געשמאק, כדי זיי זאָל זיין בע־קוועמער; די „דעמאָקראטען“, דער המון, די ברייטע שטעדטעלשע מאַסע פלעגט געוועהנליך ביטער בעקעמפּפען די „פּוסטאָקראטען“ און פלעגט אימער פערלאַנגען, אז די שטעדטעלשע אינסטיטוציאָנען און חברה'ס זאָלען מעהר דיענען די נויטען פון פאָלק, פון דער גרויסער אָרימער בע־פעלקערונג.

די שטענדיגע, אונאויפהערליכע קריגערייען צווישען די נגידים און דעם המון, אָדער ווי מען פלעגט זיי רופען אין שטעדטעל, צווישען די „פּני“ און די „קאצאפּעס“, פלעגען אָננעהמען די פאָרמע פון א פערבי־טערטען קאמפּף, ווען עס פלעגט זיך האנדלען וועגען נעהמען א נייעם רב.

דער רב אין די קליינע שטעדטלעך פלעגט ניט נור זיין צו פּסק'ענען שאלות און צו זיין א מסדר־קדושין, נור ער פלעגט אויך זיין דער פּאָק־טישער בעל־הבית פון קהל'שע ענינים. ער איז געווען דער פערשטעהער דער פערטרעטער פון שטעדטעל. זיין דעה איז געווען די גרעסטע, און קיין זאך פלעגט ניט געטהאָן ווערען אָהן זיין הסכמה. דעם רב'ס לומדות פלעגט ניט שפּיעלען אזא ראָליע, ווי זיינע אָרגאניזאטאָרישע און אדמיניסטרא־טיווע פעהיגקייטען.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די פערשידענע צדדים פון שטעד־טעל, וועלכע האבען אויך געהאט פערשידענע אינטערעסען און צוועק־

קען, האָבען זיך שטארק געמוזט פונאנדערגעהן איבער אזא פראגע: ו ו ע ר עס זאָל זיין דער מנהיג הקהל, דער פיהרער פון שטעדטעל.

די מחלוקות צווישען די „פני" און די „קאצאפעס" פלעגען זיך דע־ריבער שטארק פערשארפען ביים נעהמען דעם רב.

די „פני" זיינען אימער געווען אין דער קליינער מינאָריטעט, און אויב עס וואָלט געקומען צו ריכטיגע וואהלען, וואָלטען זיי אלע מאָל דורכגעפאלען. א רב פלעגט מען אבער ניט קלייבען, נור נ ע ה מ ע ן, און די פני, ביי וועמען עס זיינען געווען אלע מאכט־מיטלען, פלעגען בעסער קענען נעהמען א רב, ווי דער המון, וואָס איז בעשטאַנען פון בעלי־מלאכות און פועלים און אנדערע אָרעמע מענשען, וועלכע זיינען שטענ־דיג געווען פערהאָרעוועט און פער'דאגה'ט איבער דער טאָג־טעגליכע־חיונה.

ביי דעם המון איז אימער געווען אן אינסטינקטיווע, פערבאָרגענע שנאה קעגען די פּאָר מנינים נגידים מיט זייערע אונטערלעקער. און גאַנץ אָפט פלעגט טרעפען, אז דער המון פלעגט פיהרען מחלוקות קעגען א רב, וואָס די פני האָבען גענומען, ניט ווייל ער, דער המון, האָט געהאט אויס־צוזעצען קעגען דעם רב גופא, קעגען זיינע האנדלונגען, נור איינפאך אויס נקמה צו די פני, פארוואָס זיי האָבען גענומען דעם רב, ניט פרעגענדיג א „דעה ביי כל הקהל".

— מיר צאָהלען קאראָבקע געלד ניט ווענינער ווי די גבירים, מיר צאָה־לען רח"ש ניט ווענינער ווי די מזרח־וואנט־לייט און מיר דארפען אויך האָבען א דעה ביים נעהמען א רב. — אזוינע טענות פלעגט מען אָפט הע־רען פון די „קאצאפעס" אין די שוהלען, בתי מדרשים און אויפ'ן גאַס.

— ווען זאָלען מיר פרעגען עצות? — פלעגען דערויף ענטפערען די פיהרער פון די פני, „דוד'קע דעם שניידער, יאָשקע דעם שוסטער און אפראָיקע'ן (אפרים'קע) דעם טבח? ז י י זאָלען מיר שיקען פארהע־רען דעם רב? וואָס ווייסען די עם־הארצים וועגען א מרא דאתרא? קע־נען ז י י דען פערשטעהן דעם רב'ס הדרן? קענען זיי דען אָנטאַפּען די חריפות פון זיינעם א לשיטתיה?

פערגלייכט מען יענע טענות מיט די ביידע צדדים אין די אידישע שטעדטלעך און איהר וועט געפינען אין זיי די ארגומענטען פון די צוויי גרויסע קלאסען — ארבייטער און קאפיטאליסטען, — וועלכע קעמפפען איבער דער פאליטישער מאכט אין אונזער היינטיגער צייט.

דאס רוב מחלוקות פלעגען אבער ארויסקומען ניט דערפאר, ווייל די פני נעהמען זיך די גאנצע דעה און מיינען, אז „זיי זיינען גאנצע קייזא־ רים אין שטאדט", נור טאקע צוליעב ריינע, פרינציפיעלע טעמים.

דער רב, וואס האט זיך געפאסט פאר די „פני", פלעגט זיך ניט פאסען פאר די „קאצאפעס". און פערקערט, די „פני" פלעגען ניט קע־ נען מסכים זיין אז א רב, וועמען דער המון וויל.

די פני האבען שטענדיג געוואלט האבען א רב, א מיוחס, וואס שם'ט אין דער וועלט [illegible] א גרויסען חריף ובקי, זיינע בעציהונגען צו כשר וטריפה האט זיי ניט געקימערט; ער האט געמעגט זיין דער גרעס־ טער מחמיר און טריף מאכען די קלענסטע סרכא. צי איז דער רב א בעל מדות אדער ניט, צי איז ער א נקי כפים אדער ניט — וועגען דעם הא־ בען זיך די פני ניט נאכגעפרעגט. אן אמת'ער נקי כפים, א מענש, וואס שאנעוועט קיינעם ניט און זאגט דעם אמת אין פנים אריין, איז פאר די פני גאר געווען א חסרון. זיי האבען געזוכט זייערען א מענשען, אזוי־ נעם, וואס איז א מכבד עשירים, און האט ווייניג וואס צו טהאן מיט'ן המון...

די קאצאפעס אבער האבען ניט אזוי מקפיד געווען, צי דער רב איז א קלענערער אדער א גרעסערער בעל פלפול, די הויפטזאך וואס זיי הא־ בען געוואלט איז געווען, ער זאל זיין א גרויסער בעל מדות, אן עניו, א צוגעלאזענער מענש, פאר וועמען מען קען דאס הארץ אויסגיסען און מיט וועמען מען קען זיך אפט אן עצה האלטען. זיי האבען געוואלט דער רב זאל זיין א מקיל און זאל רחמנות האבען אויף דאס ארעמע געלד פון די קבצנים, ער זאל געהן צו ארעמע חתונות אזוי ווי צו רייכע, ער זאל זיך ניט אבזאגען פון א סנדק, וואס דער ארעמאן איז מכבד, ער זאל ניט זיין א נושא פנים און זאל ביי א דין תורה אויסהערען דעם אביון אזוי ווי דעם

גביר. מיט איין ווארט, די פּני האָבען געוואָלט אַז אַריסטאָקראַטישען רב און די קאַצאַפּעס — אַ דעמאָקראַט, אַ פאָלקס־מענש.

אין שטעדטעל, וואו די מחלוקות צווישען דיביידע צדדים, די פּני און די קאַצאַפּעס, זיינען אַזוי פערשאַרפט געוואָרען, דאָס יעדער צד האָט זיך גענומען זיין אייגענעם רב, ווען איהר שטענדיג געפינען אָס די דאָ אויסגערעכענטע פערשיעדענע אייגענשאַפטען ביי די צוויי פער־שיעדענע רבנים.

די אַרט און וויזע פון מקבל פּנים זיין דעם רב, פון דעם ערשטען ברוך הבא, פלעגט אויך זיין ביי די פּני גאַנץ אַנדערש, ווי ביי די קאַצאַ־פּעס.

די פּני פלעגען אַרויספאָהרען בעגעגענען זייער רב מיט אַ טייערען געשפּאַן, וואו עס פלעגען נאָר קענען זיצען וויניגע געצעהלטע מענשען. אַריינפאָהרען מיט'ן רב פלעגען זיי אָמסייסטען ביי נאַכט, דער המון זאָל זיך ניט צוטשעפּען. דער רב גופא פלעגט זיך האַלטען אין איין בלאָ־זען און פלעגט דעם ברייטען עולם כמעט ווי ניט צולאָזען צו זיך.

די קאַצאַפּעס פלעגען מקבל פּנים זיין זייער רב אויף אַן עכט פאָלקסטימליכען אופן. די בעלי מלאכות פלעגען דעם טאָג לייגען די אַרבייט און אַרויספאָהרען צום באַהן מיט אַ סך וועגען, די פערדלעך האָ־בען געמעגט זיין ניט אַזוינע טייערע; יעדערער פלעגט מיטנעהמען אַ פלעשעל משקה ביי זיך אין בוזעם און פלעגט זיך שוין משמח זיין בע־צייטענס. איז דער רב געוועזען פון אַ דערבייאיגער שטעדטעל, וואו קיין איי־זען־באַהן איז ניט געוועזען, פלעגט מען צופאָהרען ביז'ן רב'ס הויז, איהם אַרויספיהרען פון דאָרטען מיט גרויס פּאַראַד און איהם אָבפיהרען מיט שמחה ביז דער נייער שטאָדט, וואו עס וואַרט אויף איהם דער כסא הרבנות.

אין שטאָדט פלעגט דער רב קיין מאָל ניט אַריינפאָהרען מיט פערד. זיינע חסידים פלעגען פערקאַטשען די אַרבעל, אַרויספרוקען די היטעל אויפ'ן שטערען, זיך איינשפּאַנען אין וואָגען, וואו דער רב איז געזעסען, און איהם אַריינפיהרען אין שטעדטעל מיט גרויס התלהבות.

אזא טריאומף־צוג פלעגט נור האָבען דער רב, אויף וועמען די קאָ־
צאַפּעס האָבען געגעבען זייער הסכמה.

די פערשיעדענע עקאָנאָמישע גרופּען אין די שטעדטלעך פון זאַ־
מוט און ליטא האָבען אויך ענטוויקעלט פערשיעדענע אידעאָלאָגיעס,
פערשיעדענע מדות, פערשיעדענע בליקען און פערשיעדענע אינטערעסען.

אָט די פערשיעדענע אינטערעסען זיינען אימער געווען דער באָדען,
אַ וואו עס פלעגען אויסוואקסען פערשיעדענע צדדים, וועלכע
פלעגען פיהרען צווישען זיך אונאויפהערליכע מחלוקות איבער די קהל־
שע ענינים.

# פאסקווילען און אויסגעטראכטע לידער

ווי קליין די ליטווישע שטעדטעל איז ניט געווען פאר דער אויסערלי־כער וועלט, ווי ווייניג זי האט זיך ניט אנגעזעהן אויף דער לאנדקארט, איז זי פונדעסטוועגען געווען פול מיט חיות, פול מיט כח און מוטה. דער פולס פון לעבען האט אין איהר שטארק געקלאפט.

עס פלעגט ניט אוועק די וואך, ווען מען זאל ניט האבען אסיפות, מאכען חברות, שרייבען תקנות און סתם פיהרען וכוחים מכח קהל'שע ענינים.

דער עולם איז געווען צוטיילט אויף צדדים, אויף פארטייען און יעדער צד האט געזוכט גובר צו זיין דעם געגנער, דעם צד שכנגד דורך אלערליי כשרה און ניט כשרה מיטלען.

ווי שוין פריהער געזאגט פלעגען שטענדיגע מחלוקות פארקומען צווישען די „פני" און די „קאצאפעס", צווישען די רייכע און דעם פאלק, צווישען דער ביסעל יחסנים און דעם המון איבער דער ממשלה אין שטאדט.

די דאזיגע מחלוקות זיינען נאטירליך, געווען אונפערמיידליך, ווייל אין זיי זיינען געווען פערמישט די א י נ ט ע ר ע ס ע ן פון די פער־שידענע עקאנאמישע גרופען.

די „פני", די נגידים, האבען געוואלט אלץ פערכאפען ביי זיי אין די הענט און דער „המון", די קאצאפעס האבען גע'טענה'ט, אז זיי דאר־פען אויך האבען א שטיקעל דעה, ווייל זיי צאהלען ניט ווייניגער קא־ראבקע־געלד, ווי די שמעלקעס, וועלכע זיצען ביים קהל'שען שיסעל...

אז אנדערס מאָל פלעגען די מחלוקות צווישען די צדדים אזוי צונע־שפיצט ווערען, דאָס די רבנים פון די אָרומיגע שטעדט, מורא־האָבענדיג, אז דער שם ישראל זאָל חלילה ניט ווערען ללעג ולקלס, פלעגען קומען צופאָהרען, זיך לענען אין דער לייגג און אין דער ברייט ביז וואנען זיי האָבען געבראכט צו א פשרה. ניט זעלטען פלעגט א היץ־קאָפּ אונטערשי־קען אין דער שטיל א „פּאַפּיר" אין אויעזד צום איספּראַווניק, וועלכער פלעגט קומען מאכען א „טאָלק" לויט זיין יון'ישען יושר.

אויסלייגען קלאָר די טענות, וואָס זיי ווילען, זיינען די צדדים ניט געווען בכח און אויף די אסיפות פלעגט מען טומלען, ליארמען, פילדערען, אז די קולות האָבען דערגרייכט ביז'ן הימעל. די רעדעל־פיהרער פון איין צד פלעגען זידלען און שימפען זייערע געגנער מיט אלערליי נעמען, זיי אויסרעכענען דעם גאנצען צעטעל פון זייערע חטאים פון פאר דער חתונה און פון נאָך דער חתונה, און עס איז ניט געווען מקנא צו זיין דעמיעניגען, וועלכער האָט געהאט אין זיין משפחה א שטיקעל סרכא.

איז א געוויסער ניט בעליעבטער גבאי אדער אזוי א בעל דעה געווען א צו גרויסער תקיף און מען האָט ניט געקענט סתם אזוי איהם אוועק־מאכען מיט דער האנט — צי ווייל ער האָט געהאט א שטאַרקען מענה לשון און מען האָט איהם ניט געקענט אריבערשרייען, צי ווייל ער איז געווען א גרויסער בעל משפחה און די קרובים מיט די קרובים'ס קרובים האָבען תמיד געהאלטען זיין צד — דעמאָלט האָט דער צד שכנגד געזוכט איהם צו פערמאוס'ן אין שטעדטעל ניט אָפען, בפרהסיא, נאָר בסתר, אין דער שטיל. מען האָט געזוכט איהם צו פסל'ן פון כלל־ארבייט „טויט מאכען פּאָליטיש" דורך פּאסקווילען און אויסגעטראכטע ליעדער.

דער פּאסקוויל איז געווען א וואָפען, וואָס פלעגט גאנץ אָפט בענוצט ווערען קעגען א פערזענליכען שונא, קעגען איינעם, וואָס פלעגט צופיעל באַלעבאַטעווען מיט די קאָראָבקע־געלדער און איבערהויפּט קעגען אלע די, וועלכע האָבען זיך געמאכט פאר גאנצע יחסנים און „פיהרען די שטאָדט פאר'ן נאָז". דורך א פּאסקוויל האָט מען געזוכט זיך אָבצורע־כענען מיט'ן בעל דבר אויף אזא אופן, אז יענער זאָל שוין מעהר קיין תקומה ניט קענען האָבען. און גאנץ אָפט פלעגט טאַקע טרעפען, אז דער,

אויף וועמען דער פאסקוויל איז געווען געשריבען, האט לאנג־לאנג ניט געקענט די אויגען ווייזען.

דער פאסקוויל האט געהאט דעמזעלבען צוועק ווי די „סענסאציאנע־לע ענטדעקונגען" מיט וועלכע א געוויסע צייטונג טרעט איין אונזערע צייטען ארויס קענען א פאליטישען געגנער אין דער צייט פון א קאמף.

אט האט מען א געוויסע צייט געמורמעלט אין שטעדטעל, אז דער גבאי פון לחם עניים געהט צו־אפט און זאמט זיך צו־לאנג אין דער יונגער אלמנה'ס הויז. ארויסטרעטען מיט אן אפענער בעשולדיגונג האט מען מורא געהאט, קיין עדות זיינען ניט געווען און דער רב קען אמאל קנסן'ען פאר זיין א מוציא שם רע, האט מען דאס ארויסגעפויקט דורך א פאסקוויל.

האט זיך געטראגען א סוד, אז דער נגיד וויל אויסלייזען זיין זוהן פון פריזיוו מיט לאפקע און דורך דעם וואלט אריינגעפאלען אן אנדערער, אן אונשולדיגער. ריידען אין דער הויף האט מען וועגען דעם ניט גע־טארט, ווייל מען האט געוואוסט, אז דער נגיד איז אויסגעמישט מיט נאטשאלסטווא, האט מען זיך אן איהם נוקם געווען דורך א פאסקוויל.

ווי פון יעדער סענסאציע האט זיך אין שטעדטעל אנגעפאנגען שטארק צו רודערען דורכ'ן פאסקוויל. אלע אהן אן אויסנאהם, פון קליין ביז גרויס, האבען גערעדט וועגען „פאסקוויל", וואס איז געווען אנגע־קלעפט אויפ'ן וואנט פון בית המדרש.

געפינען פלעגט מען דעם פאסקוויל שבת אין דער פריה, ווען דער עולם איז בעגאנגען אין בית המדרש דאוונען. דאס איז געווען צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל שבת זיינען אלע ליידיג און עס וועט מאכען א שטארקען רושם; צווייטענס, ווייל קיינער וואלט ניט מחלל שבת גע־ווען און עס ארונטעררייסען. דער שבת־גוי פלעגט נאר קומען פריווטאנ צו נאכט אויסלעשען די לאמפען און שבת נאכ'ן דאוונען ארונטערנעה־מען די לייכטערס. ביז דער צייט האט ער זיך ניט געוויזען.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז די פאסקווילען זיינען געווען געשרי־בען אין אידיש, אין דער צייט ווען אלע אנדערע מודעות זיינען געווען אין לשון קודש. דערפון קען מען דריגגען, אז די פאסקווילען שריי־

בער זיינען געווען פּאָלקס־מענשען, וועלכע האָבען קיין לשון קודש ניט געקענט.

האָט מען שבת אין דער פריה, דאווענען צייט, געזעהן קופּקעס מענ־שען ארום בית המדרש און ארום שול, האָט מען זיך גלייך אָנגעשטויסען, אַז מסתמא איז דאָרטען אָנגעקלעפּט א פּאסקוויל. די לצים פון שטאָדט און אפילו די שוין אנגעזעהענע מענשען האָבען פון די פּאסקווילען שטאַרק הנאה געהאט. זיי זיינען געווען געשריבען שאַרף און וויציג. אַזוי, אַז מען פלעגט אָפּטמאָל זיך האַלטען פאר די בייכער לאַכענדיג.

די פּאסקווילען זיינען געווען געשריבען אין אַן איינפאכער קלאָ־רער שפּראַך. אַן אנדערש מאָל איז אַ געוויסער פּסוק געווען בעגלייט מיט אַ ליעדעל. עס פלעגט אויך טרעפען, אַז דער גאַנצער פּאסקוויל איז געווען געשריבען אין גאָלע גראַמען.

אזוי ווי א פּאסקוויל, אזוי איז דאָס „אויסטראַכטען אויף אימיצען אַ ליעד" אויך אין שטעדטעל געווען ניט פון די זעלטענע פּאַסירונגען.

האָט אַ בחור געפיהרט א ליעבע מיט א מיידעל, האָט זיך גלייך פערשפּרייט א ליעד, וואו די אויפפיהרונגען פון דעם פערליעבט פּאָרל זיי־נען געשילדערט געוואָרען אין א ניט צנועה'דיגען אופן. האָט מען זיך דערוואוסט, אַז א מלוה צאַפּט אויס די בלוט פון אַן אָרעמען קרעמער, איז גלייך ארוים א ליעד, וואו דער מלוה האָט געקראָגען זיין חלק מיט פּראָצענט.

אין יעדער צייט זיינען געווען בחורים, מעהרסטענס, פון דער ישיבה, וועלכע זיינען געווען מאדימס אויסצוטראַכטען א ליעד איבער א געווי־סער פּאַסירונג.

פאר אַן אויסגעטראַכטען ליעד פלעגען די „אָנגעברענטע" ציטערן ווי פאר פייער. מאנכע פלעגען אפילו איינשרעקען דערמיט, וואָס זיי פלעגען מודיע זיין, אַז זיי וועלען אויסטראַכטען א ליעד.

צום אויסגעטראַכטען ליעד פלעגט גלייך צוגעפּאַסט ווערען א מע־לאָדיע און די קונדסים פלעגען שוין האָבען וואָס צו זינגען.

ביי אונז אין שטעדטעל איז אברהם'קע דער זינגערל געווען א בריה צוצופּאַסען צו אַן אויסגעטראַכטען ליעד אַ מעלאָדיע. די מיידלעך האָבען

טאקע דעריבער פאר איהם שטארק מורא געהאט און אויב שוין יע פיה־רען א ליעבע, האבען זיי געפיהרט די ליעבע מיט איהם גופא, מיט אברהם'קע דעם זינגער הייסט עס, וועלכער האט אגב אורחא אונטער־געטעניגט די מיידעלשע הערצער מיט זיין זיסען קול'כעל.

דאס אויסגעטראכטע ליעד, וואס מען האט געזונגען אויף דעם פריי־הער דערמאנטען גבאי פון לחם עניים, וועלכער איז געווען א צו־גרויי־סער מחותן מיט דער יונגער אלמנה, האט זיך אנגעפאנגען בזה הלשון:

„איידער צו געהן נאך מעריב אין בית המדרש צום שיעור,
איז — — — געגאנגען קלאפען אין דער אלמנק'עס טיהר...
לאַ־לאַ־לאַ, לאַ־לאַ־לאַ*)

---

ווי די אנגעגריפענע אין די פאסקווילען און אין די אויסגעטראכ־טע לידער האבען געפיהלט איז זיך לייכט פארצושטעלען, ניט ווייניג האבען זיך פשוט קיין ארט ניט געקענט געפינען. דאס ליעגען ביי אלע־מען אין די מיילער איז ניט געווען קיין גרויסער תענוג און פיעלע איז אויסגעקומען צו פערלאזען די שטאדט אויף אייביג.

---

*) איך בין משער, אז פיעלע פון אונזערע פאלקס־ליעדער שטאמען פון אט די „אויסגעטראכטע ליעדער", וועלכע זיינען פערפאסט געוואָרען מיט דעם צוועק צו פערשווארצען אימיצען די אויגען.

# גמילת חסד

די מדה פון גמלת חסר, פון לייהען געלד אהן פראצענט, איז ביי קיין נאציאן ניט געווען אזוי ענטוויקעלט, ווי ביי אידען. עס וועט ניט זיין קיין שאוויניסטישע, אתה בחרתנו בעריהמעריי, ווען מיר וועלען זאגען, אז די מדה פון גמלת חסדים איז א ריין אידישע מדה.

די פערשפרייטע מיינונג, אז אידען זיינען פראצענטניקעס, וואכע־רער, וועלכע זענען קאפאבעל ארויסצורייסען דעם לעצטען ביסען פון זייער׳ן א בעל חוב׳ס מויל, איז ניט מעהר, ווי אן אנטיסעמיטישע ער־פינדונג.

ביי קיין פאלק איז ניט פערהאסט א מלוה, א פראצענטניק, ווי ביים אידישען פאלק. אויף א וואכערער פלעגט מען טייטלען מיט די פינגער און מען פלעגט מיט איהם מורא האבען צו האבען וועלכע עס איז עסקים. דאס ווארט: „פראצענטניק" איז געווען א זידעל ווארט, וואס פלעגט אנגעווענדעט ווערען אלס די גיפטיגסטע פייל צו טויטען א געגנער.

אין יעדער שטעדטעל פלעגען ווירקליך זיין א פאר מלוה׳ס, הויט־שינדער, וועלכע פלעגען פערשפרייטען זייערע נעצען צו פאנגען געברא־כענע מענשען און זיי שפעטער אויסטהאן נאקעט. אבער אזוינע חברה־לייט זיינען געווען אויסנאהמען און פלעגען בעצייכענט ווערען מיט די סימור־לען: פיאווקעס, בלוט־זויגער, פון וועלכע אלע פלעגען זיך דערווייטערען.

דאס נעהמען פראצענט פאר לייהען געלד איז ניט קיין אידישער שטריך. עס איז יעדענפאלס ניט געלעגען אין כאראקטער פון אידען, ווען זיי האבען געפיהרט דאס קליינשטעדטעלשע פאטריארכאלישע לעבען. דאס לייהען געלד אהן פראצענט איז, פערקעהרט, געווען שטארק פער־בריימ אין די אידישע שטעדטלעך.

גאנצע שטעדטלעך פלעגען לעבען פון גמלת חסדים, פון די נדבות, וואס איינער פלעגט טהאן מיט׳ן אנדערען דורכ׳ן אויסלייהען געלד.

היינטיגע צייט ווערט אנגערופען די צייט פון קרעדיט. קרעדיט איז איצט דער יסוד, אויף וועלכער דער מאדערנער האנדעל און די אינ־דוסטרי שטיצען זיך. קרעדיט איז דער הויפט אינסטרומענט אין היינ־טיגער צייט. זאל עפעס פארקומען א וועלכע עס איז ניט מניעה אין דעם קרעדיט פון א לאנד, און א קראך, א קריזיס מיט אלע זייגע בעגלייטער וועט ווערען אונפערמיידליך.

אין די אידישע שטעדטלעך האט מען קיין ידיעה ניט געהאט פון דעם מאדערנעם קרעדיט. קיין באנקען און אנדערע פינאנציעלע איינריכ־טונגען זיינען ניט געווען. אבער א האנדעל מיט ריינע מזומנים איז געווען אונמעגליך אפילו מיט א פאר צעהנדליג יאהר צוריק, ווען די מאדערנע אינדוסטרי איז נאך ניט געווען אזוי שטארק אויסגעוואקסען. עס זיינען נויטיג געווען אנדערע מיטלען ווי אזוי צו פיהרען מסחרים אהן מזומנים. אט דער וויכטיגסטער פון דיזע מיטלען איז געווען דער גמלת חסד. און ניט פון דער חברה „גמלת חסד“, וואס האט געדיענט אלס א גוטער פלאץ צו שפיעלען אין גבאות, נאר פון דער מ ד ה צו טהאן גמלת חסדים רייד איך דא.

די עקאנאמיסטען דרעהען זיך א קאפ אויסצורעכענען ווי גרויס עס דארף זיין דער פראצענט פון מזומנים אין דעם היינטיגען וועלט־האנ־דעל; וויפיעל קרעדיט, למשל, מען קע זקריגען אויף יעדע הונדערט דאָ־לער בארעס געלד. אזא חשבון וואלט אויך געווען אינטערעסאנט צו מאַ־כען אין די קליינע שטעדטלעך, וואו דער גאנצער מסחר איז געווען גע־בויט אויף די גמלת חסדים. פערהעלטניסמעסיג, דוכט מיר, פלעגט יעדער זילבערנער רובל דורכגעהן מעהר הענד ווי איצט און עס איז א סברה, אז מיט יעדען רובל האבען זיך בענוצט מעהר מענשען ווי איצט, ווען געלד איז געווארען די נשמה פון דער וועלט.

סחורה פלעגט מען אין די ליטא׳ער שטעדטלעך קויפען דורך די קאָ־מיסיאנערען אין די גרויסע מקומות. אין אונזער געגענד פלעגט מען איינ־קויפען אין ריגא, ליבוי, מאסקווע, לאדז און אזוי ווייטער.

פאַר די סחורה פלעגט מען, פערשטעהט זיך, ניט צאָהלען מיט מזומן, נאָר מיט וועקסלען. די וועקסלען זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אויף גע־וויסע טערמינען, אויף דריי, פיער, פינף און זעקס מאָנאַטען. די סחורה פלעגט געוועהנליך אבגעלייזט ווערען פריהער און אויב דער קרעמער האָט געהאַנדעלט בלויז מיט איינינגע ארטיקלען און איז ניט געווען אזוי פער־דרעהט, פלעגט ער דאָס אבגעלייזטע געלד ביז דער צאָהלונג אויסליי־הען אלס גמלת חסד. דאָס גאַנצע שטעדטעל פלעגט זיך דערוויל קירע־ווען מיט דעם געלד. און ווען מיר זאָגען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז דאָס אין בוכשטעבליכען זין. דער יעניגער, וואָס פלעגט קריגען דעם גמלת חסד, פלעגט אויך ביי זיך ניט האלטען און פלעגט דאָס געלד, אין די טעג, ווען ער פלעגט עס ניט בענוצען, אויסלייהען אנדערע, און דיזע ווי־דער אנדערע. און אזוי פלעגט יעדער רובל צירקולירען אלס גמלת חסד אין א סך הענד.

יעדע שטעדטעל האָט זיך יעדע וואָך איהרע „מארקטעג“. אין די מארקטעג פאָהרען זיך צונויף די פויערים פון די ארומיגע דערפער און פערקויפען זייערע תבואות, אייער, היהנער, גענז, און פאר דעם געלט קויפען זיי איין אנדערע סחורות, וואָס זיי איז נויטיג. ביי אונז אין שטעדטעל זיינען די „מארקטעג“ געווען דינסטאג און פרייטאג. פון זיי, פון די „מארקטעג“, האָט זיך געווענדעט די „פראָספעריטי“ פון שטעד־טעל. א געלונגענער „מארקטאָג“ האָט אריינגעבראכט מעהר פדיונות און דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון שטעדטעל פלעגט אויפלעבען. פערקעהרט, ביי א שלעכטען וועג און ניט קיין געלונגענעם וועטער פלעגט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען פון דער וואָך דורכמאכען א מין „דעפרעסיאָן“. אין א שלעכטען וועג קומען די פויערים ניט אין שטאָדט אריין, לייזט מען ניט, איז ניטאָ מיט וואָס צו בעצאָהלען די וועקסלען און דער גאַנצער עקאָנאָמישער מעכאניזם פלעגט אָנפאַנגען צו סקריפּען.

מאָנטאג און דאָנערשטאג פלעגען שוין די קרעמער אָנפאַנגען קוקען אויפ'ן הימעל און זעהען, וואָס פאר א טאָג מאָרגען וועט זיין; אויב עס וועט זיין א רעגען וועטער אָדער א פיינער טאָג.

— דער הימעל ווייזט ניט אויף רעגען — פלעגט מיט גרויס זיכער־קייט געוועהנליך אָב'פּסקן'ען יאנקעל דער קרעמער, א איד פון א יאָהר פופציג מיט א גרויסער באָרד און מיט בלינדליכע אויגען.

דאָס פלעגט יאנקעל טהאָן ניט ווייל ער איז געווען אזא גרויסער מחותן מיט דעם וועטער נביא, נאָר איינפאך אויס גוטהארציגקייט צו זיי־נע שכנים, וועלכע פלעגען זיך שטארק בעאונרוהיגען איבער דער מאָר־גענדיגער פּאַגאָדע. א גרויסער בעל בטחון אין דעם, וואָס מען טאָר ניט דערמאָנען ניט וואשענדיג די הענד, איז יאנקעל געווען זיכער, אז ער וועט קיינעם ניט פערלאָזען און וועט איינהאלטען דעם רעגען אין מארק־טאָג.

ביי א חלוקי דעות איבער דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען יאנקעל פלעגט טרייסטען מיט א שעהנעם וועטער, און ירוחם, א איד אין יאנקעל'ס על־טער, נאָר אן אומעטיגער, א פער'דאגה'טער, מיט א פערביטערט פנים, פלעגט בעשיינפערליך בעווייזען, אז אָט יענער וואָלקען, וואָס קומט פון שאוולער געגענד ווייזט אויף א רעגען, פלעגען די צווייפלער א בלעטער טהאָן דעם לוח און א קוק טהאָן, וואָס ער, דער לוח, זאָגט...

גלייך נאָכ'ן מארק, ווען די קרעמערס האָבען נאָך ניט פּאספּעיעט אפילו איבערצוציילען דעם פּדיון, זיינען שוין אין קראָם געווען די קונדען אויף דעם גמלת חסד. אויסצוטיילען דעם פדיון אין גמלת חסדים איז געווען אזא געוועהנליכע זאך, ווי, למשל, אריינצוכאפּען אשרי נאָך איי־דער די זון געהט אונטער.

ביי א שלעכטען פדיון פלעגט מען זיך ניט אזוי שטארק מצער זיין, וואָס די סחורה איז געבליבען ניט פערקויפט, ווי איבער דעם, וואָס מען קען ניט אויסלייהען א גמלת חסד.

דאָס געלד, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאר א גמלת חסד פלעגט קיינער ניט טאָרען ריהרען, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען געלד פון ר' מאיר בעל הנם פּושקע.

—דאָס איז גמלת חסד געלד און מען טאָר עס ניט ריהרען פאר דער הוצאה — פלעגט מען גאנץ אָפט הערען אין שטעדטעל, ווען א קינד אָדער טאקע די מאמע גופא פלעגט בעטען געלד אָנווייזענדיג אויף דעם שאכטעל, וואו דאָס געלד ליעגט.

מאנכע רייכערע באלעבאטים פלעגען האבען אויסגעטיילט א פאר־טויזענד רובל בתורת גמלת חסד. אזוי ווי א באנק געשעפט ווים אומ־געפעהר וויפיעל מען קען דעם אדער יענעם געבען קרעדיט, אזוי פלעגען שוין די יעניגע, וועלכע פלעגען אויסטיילען זייער געלד אויף גמלת חסד נענוי וויסען וויפיעל מען דארף געבען דעם און וויפיעל יענעם. איינעם פלעגט מען קענען געבען ר' קערבלעך, א צווייטען ק"ן קערבלעך, א דריטען א מאה און א. וו.

האט איינער צונעזאגט, אז די און די שעה וועט ער קענען געבען א גמלת חסד, איז דאס געווען זיכער ווי געלד. אויף אזעלכע צוזאגען האט דער עולם געבויט ווי אויף די ווערטער פון א מאדערנעם באנקיר. אלע האבען געוואוסט, אז ווען מען זאגט צו א גמלת חסד טאר מען ניט שפעטער פערפיהרען. „דאס איז ניט קיין קליינינקייט, דא שמועסט זיך וועגען א גמלת חסד".

אזוי ווי דער וואס פלעגט אויסבארגען דעם גמלת חסד, פלעגט זיין זעהר פינקטליך, אזוי פלעגט אויך זיין דער, וואס פלעגט נעהמען דעם גמלת חסד, זעהר פראמפט אין זיינע צאהלונגען. וואס עס זאל ניט האבען פאסירט האט מען געוואוסט, אז א גמלת חסד מוז מען צו דער מינוט אבטראגען. פלעגט איינער אמאל באנקראטירען, פלעגט דער באנקראט צו די גמלת חסדים, וואס ער איז שולדיג געווען, ניט זיין נוגע. די גמלת חסדים זיינען געווען דאס ערשטע, וואס מען מוז צאהלען, אזוי ווי א „פוירסט מארגיידזש" להבדיל. נאר אויף איינעם וואס האט שוין מיט זיין אנזעצען געמאכט אן עכטען חורבן אין שטעדטעל, פלעגט מען זאגען:

— ער האט אפילו גמלת חסדים אויפגעפרעסען...

אזעלכער האט זיך גערעכענט פאר איינעם פון די גרעסטע שווינדלער און קיינער פלעגט איהם שוין קיינמאל קיין קאפיקע ניט טרויען.

אויסלייהען גמלת חסדים האט זיך גערעכענט פאר איינע פון די גרעסטע פערגעניגענס. א שטיקעל נגיד איז מען מקנא געווען ניט אזוי פאר דעם וואס ער האט געלט און קען בעסער לעבען, ווי פאר דאס פערגעניגען, וואס ער קען אויסבארגען זיין געלט און טהאן מענשען טובות.

א נגיד א קמצן האָט קיינער ניט מקנא געווען.

— מישטיינס געזאָגט, ווער עס האָט הנאה פון זיין געלד; ער און דער חזיר...

דאָס גרויסע פערגעניגען פון אויסטיילען געלד אלס גמלת חסד פלעגען מעהר ווי אלע איבערלעבען די „ריזאַ׳ער זיצער“, די „מאָסקווער זיצער“, די „לאָדזער זיצער“ און אז. וו. מיט דיזע נעמען פלעגען בעצייכענט ווערען די יעניגע, וועלכע פלעגען האָבען זייערע געשעפטען אין די גרויסע שטעדט. זייערע פאמיליען פלעגען וואוינען אין די קליינע שטעדטלעך און זיי, די מענער, פלעגען אלע מאָל קומען אויף א יום־טוב צו דער פאמיליע פערברייננגען א פּאָר וואָכען און נאָכדעם פאָהרען צוריק צו די ערטער, וואו זיי האָבען געפיהרט זייערע געשעפטען.

דיזע „מקום׳שע זיצער“ פלעגען דאָס געלד, וואָס זיי האָבען געמאכט אין די גרויסע שטעדט, ניט אוועקלעגען אין די באנקען, נאָר פלעגען מיטנעהמען אהיים און אויסטיילען פאר דער צייט, וואָס זיי פערווייلען מיט דער פאמיליע, אין גמלת חסדים.

די דאָזיגע גרויסשטעדטישע געשעפטסלייט זיינען געווען די הויפּט פינאנסירען פון שטעדטעל. אויף זייער קומען האָט געוואַרט די גאנצע שטעדטעל. אויף זייער חשבון פלעגט מען בעשטימען די וועקסעל צאָהלונגען און אויף זייער קאפּיטאל האָט מען נעבויט גאנצע אונטערנעהמונגען.

ערב יום־טוב, אָקאָרשט ווי דער מקום׳שער זיצער איז געקומען צו־פאָהרען, איז שוין זיין שטוב געווען איבערפילט מיט די גמלת חסדים ליי־הער. און גליקליך האָט זיך געפיהלט דער ארונטערגעקומענער, ווען ער האָט געקענט אלעמען איינטיילען. ער האָט דאן זיךווירקליך געפיהלט יום־טוב׳דיג. ער איז געווען ביי זיך אזוי אָנגעלעגט און האָט געהאַט פיעל נחת פון דעם בעוואוסטזיין, אז ער לעבט ניט פאר זיך אליין.

ווען א „מקום׳שער“ האָט געהאַט א שלעכטען יאָהר און איז געקומען א היים אָהן געלד, ניט האָבענדיג די מעגליכקייט אויסצוטיילען גמלת חסדים, האָט ער זיך געפיהלט זעהר נידערגעשלאָגען און זיין יום־טוב איז געווען א פערשטערטער.

עס פלעגט ניט זעלטען טרעפען, אז א מאסקווער זיצער זאל צוליעב דעם אהיים ניט קומען, ווייל ער האט זיך געשעהמט צו ווייזען פאר'ן עולם, וועלכער האט געווארט אויף זיינע גמילת חסדים.

אין אזא פאל פלעגט פארקומען אן אמת'ער קריזיס אין שטעדטעל.

אויסרעכענענדיג, אז דער אדער יענער יום־טוב גאסט וועט ברענגען מיט זיך אן אפותיקא פאר גמלת חסדים, פלעגען די שטעדטעלשע סוחרים און קרעמער בעשטימען אויף דיזער צייט זייערע צאהלונגען אין שטעדטעל גופא און אויסען שטעדטעל. האט דער אדער יענער מקום'שער זיצער ניט געקענט ערפילען די האפנונגען אויף זיינע מזומנים, איז די גאנצע שטעדטעל געגאנגען כאדאראם.

די געלד פערשפרעכונגען זיינען ניט ערפילט געווארען, די צאהלונגען זיינען ניט געמאכט געווארען, דער צוטרוי איז געזונקען, סחורות האט מען אויפגעהערט צו ליווערען און דאס גאנצע עקאנאמישע לעבען האט זיך אבגעשטעלט. א מאדערנער עקאנאמיסט וואלט דאס אנגערופען... א קריזיס.

די גמלת חסדים אהן בעלוינונג, אהן דעם קלענסטען צינז האבען געריענט אלס שמיער פאר די רעדער פון דעם האנדעל אין די שטעדטלעך פון זאמוט און ליטא.

און ווען מקטרגים און אידען־פרעסער קומען צוגעהן און זאגען, אז אידען זיינען פראצענטניקעס, וואכערער, קולאקעס, טא זאלען זיי א קוק טהאן אויף דאס לעבען פון די קליינע שטעדטלעך. זיי וועלען דאן אויסגעפינען, אז אין בעצוג צו לייהען געלד אהן פראצענט זיינען די אידען אפשר דאס איינציג פאלק.

# הסגת גבול

גרוים זיינען געווען די טאָג־טעגליכע דאגות היונה אין דער אי־
דישער „טשערטא“. אידישע פרנסות זיינען געווען ווייניג און מאָגער.
די קאָנקורענץ איז געווען גרוים. איטליכער פאמיליען־פאָטער איז, קיין
עין הרע, געווען א בעל מטופל מיט א היבש ביסעל קינדערלעך; יעדעס
קינד דאַרף האָבען שיכעלעך, הויזעלעך, קליידעלעך, א. אז. וו.

די ברויטגעבער האָבען געאקערט מיט דער נאָז די ערד אבי ווי עס
איז צו מאכען א שטיקעל לעבען, די ווייב און די קינדערלעך זאָל חס
וחלילה ניט פעהלען. מען איז זיך מבזה ומבווזה געווען, מען איז אויסגע־
שטאַנען אלערליי יסורים פון גוי און פון פריץ, מען האָט אָבער פער־
ביסען די ליפּען און געשוויגען. איטליכער האָט געפיהלט זיינע גרויסע
פליכטען צו זיין פאמיליע, און איז דעריבער גרייט געווען אויסצושטעהן
אלע נגיפות און נשיכות, אלע ערנידערונגען וואָס דער שו׳ערער מזל האָט
אָנגעשיקט.

ווי גרוים עס זאָל אָבער ניט האָבען געווען דער קאמפּף פאר דאָס
שטיקעל ברויט, ווי אָרעם די פרנסה זאָל ניט האָבען געווען, זיינען
געווען אזעלכע זיטליכע גרענעצען, וואָס קיין חשוב׳ער איד וואָלט
ניט אריבערגעשפּריינט. ווי שאַרף עס זאָל ניט האָבען געווען די יאָגע־
ניש, די קאָנקורענץ צווישען פערשיעדענע סוחרים און קרעמער פון איין
אינדוסטרי צווייג, איז אָבער די קאָנקורענץ ניט ארוים פון געוויסע ראה־
מען.

איז אימיצער געשטאַנען אין א קראָם, וואו ער מאכט א לעבען, וואָלט

זיך קיינער ניט ערלויבט איהם ארויסצושטייגען, געבען מעהר קראָם־געלד און איהם ארויסשטעלען.

שטעהט א סוחר'ל ביי א גוי'אישקען וואגען און דינגט זיך מיט'ן פויער איבער'ן זעקעל תבואה, וועט זיך אן אנדער סוחר'ל ווי עס זאל איהם ניט גלוסטען מאכען א קניה, ניט אונטערשטעהן און איהם אויס־דינגען.

אויב יענטע די פליקערקע וועט טאפּען א גענזעל, איהר וועגען אין די הענד, איהר הויבען ארויף און אראפּ, כדי צו איבערצייגען די ערל'טע, אז די גענזעל האָט ניט קיין ברעקעל שמאלץ, אז זי איז הוילע הויט און ביינער, איז לייכט ווי א פעדער, אז ווען זי גיט פאר איהר צעהן בערלינ־קעס איז עס אויך א סך און וועט געווים אָנזעצען די קאָפּ, וועט קיין מאָל ניט צוגעהן איהר קאָנקורענטקע יחנה די גענזערקע און געבען א גרעסע־רען מקח, הגם זי זעהט בעשיינפּערליך פון דער ווייטען, אז די געגזעל איז א מציאה גדולה ניט נור צעהן, נור גאנצע פופצעהן בערלינקעס.

הסגת גבול האָט זיך גערעכענט ניט נור פאר א גרויסע עבירה, נור פאר א גרויסע רשעות, און קיינער האָט זיך ניט ערלויבט צו טהאָן אזעל־כעס.

האָט איינער געוואוינט אין א דירה, איז אימיצער געשטאַנען אין א געוועלב, האָט ער נור געהאט אויפצופאסען נאָכצוקומען זיינע התחייבות'ן און זעהען אז די קונדען פון זיין געוועלב זאָלען בלייבען צופריעדען.

אז הינטער זיין רוקען שטעהט אן אנדערער און לויערט אויף איהם, וויל איהם ארויסשטופּען — וועגען דעם האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקי־מערט. ער האָט געוואוסט אז דאָס קען קיין מאָל ניט פארקומען. די וועלט איז ניט הפקר פּעטרישקע, און ניט דער רב, ניט די בעלי בתים און ניט די גאנצע שטעדטעל וועט ערלויבען דאָס צו טהאָן.

האָט איינער געוואָלט דינגען א דירה, האָט ער פריהער אָנגעפרעגט דעם שכן, אויב ער וויל זיך ארוים קלייבען; האָט איינער געוואָלט ווערען א „מענש" ביי א סוחר, האָט ער קודם כל אָנגעפרעגט דעם פריהערדיגען משרת, אויב ער וויל אליין מיט'ן גוטען ווילען אוועק פון זיין שטעלע; האָט א רב געקראָגען א כתב אָנצונעהמען דעם כסא הרבנות איז א גרע־

סערער שטאדט. האט ער זיך פריהער גוט ערקונדיגט, אויב דארטען זיינען ניטא קיין מחלוקת מיט'ן אלטען רב.

עס וואלט געווען פינסטער און ביטער צו דעם יעניגען, וועלכער וואלט זיך ניט גערעכענט מיט דער מאראל פון שטעדטעל און וואלט אי־בערגעטראטען די זיטליכע גרענעצען.

אלע וואלטען זיך פון איהם דערווייטערט, אלע וואלטען אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער, אז ער איז א מסיג גבול. צו קיין התמנות וואלט מען איהם ניט צוגעלאזען, קיין עליה וואלט מען איהם ניט געגע־בען, און ווער רעדט נאך צו זיין אמאל א שליח צבור — דערצו וואלט ער געווים גע'פסל'ט געווארען.

אט די עפענטליכע מיינונג, דער מאראלישער דרוק, האט איטליכען געצוואונגען ניט צו קריכען אויף יענעם'ס קאפ און ניט אונטערצושטעלען פיסלעך, כדי יענער, מעג ער זיין זיין גרעסטער קאנקורענט, זאל נכשל ווערען.

שווער און ביטער פלעגט אנקומען דער ביסען ברויט אין די זאמוטער שטעדטלעך, אבער ער איז געווען אן עהרליכער ביסען, קיינער האט ניט געקענט זאגען, אז ער איז פון זיין מויל ארויסגעריסען געווארען.

פער'חושך'ט און פערשווארצט פלעגען ווערען אונזערע טאטעס אין ליטא, איידער זיי פלעגען צו וועגען ברייגגען די חיונה, אבער ריין און שעהן איז געווען זייער געוויסען; קיינער האט ניט געהאט צו ווייגען אויף זייערע קעפ, און קיינער האט ניט געקענט זאגען, אז זיי האבען געבויט זייערע עקזיסטענצען אויף די עקזיסטענצען פון אנדערע, וועלכע זיינען שוואכער אין דער מלחמה פאר'ן לעבען.

* * *

בעזיצען אויך אונזערע היינטוועלטיגע „ציוויליזירטע“ אידען אזוינע מדות?

מיר זיינען היינט געווים מעהר פארטגעשריטען, מיר שטעהען היי־געווים העכער אויפ'ן שטאפעל פון קולטור; מיר זיינען היינט א סך נע־הענטער צום גרויסען אידעאל — אבער די זיטען! די מדות! זיי געפינען

זיך אין א סך, א סך נידעריגערען צושטאנד ווי ביי אונזערע טאטעס און מאמעס.

האלט אימיצער אן א שטעלע — וועט א צווייטער, אפילו זיינער א נאהענטער חבר, איהם שוין אזוי „ארומארבייטען", אז ער זאל ברעכען דעם קאפ, כדי ער, זיין „פריינד", זאל איהם קענען ירשה'נען לעבעדי־גערהייד.

האלט אימיצער אן אן עפענטליכען אמט, וואו זיין דרייסטע שטע־לונג רופט געוועהנליך ארוים נעגנער און שונאים, טא מעגט איהר זיכער זיין, אז ס'וועט זיך שוין איינגעפינען א שטילינקער, גוטינקער יונגער־מאנטשיק, וועלכער וועט אויסנוצען די לאגע... און אויב עס איז אונ־מעגליך דאס צו טהאן פאר יענעם'ס אויגען, נוצט מען אוים די געלעגענ־הייט, וואס יענער, ווען מען עס גלוסט זיך צו ירשה'נען, פאהרט אוועק אויף א פאר וואכען זיך קורירען פון א קראנקהייט.

געוועהנליך ווערט דאס געטהאן לשם שמים, מיט אן אויגען־גלאצע־נעס, און טאקע נאר צו ראטעווען די קאונטרי פון אונטערגאנג, אבער, אגב אורחא, פערגעסט מען ניט אן זיך אליין, אן דעם אייגענעם בייטעל.

פון וויפיעל מענשען, וועלכע האבען עהרליך און מיט מוטה ערפילט זייערע אויפגאבען, זיינען אין אונזער וועלטעל אוועקגענומען געווארען זייער לעצטער ביסען, דורך נידערטרעכטיגע, שמוציגע אינטריגעס?

וויפיעל האט מען טעראריזירט, געשמוצט און געשווארצט נור דער־פאר, ווייל זיי האבען געהאט דעם מוטה צו זאגען אמאל אן אמת?

און וויפיעל וצדקתך'ס האבען מיר אין אונזערע קווארטאלען, וועל־כע זיינען שטענדיג ערשיענען אין דער ראלע פון פשרה־מאכער, אין נא־מען פון שלום און פריעדען און דערביי געגעבען יענעם, אן אייגענעם פריינד, אזא בוכצע, דאס ער האט געהאט צו זינגען און צו זאגען?

און וויפיעל האבען מיר נאך היינט אזעלכע יונגע לייטלעך, וועלכע האלטען אין איין ריידען פון אידעאלען און טרעטען מיט גרוים בריה־שאפט צו זייער קאריערע, און האלטען זיך ניט אב פאר קיינע אינערליכע שטימען, וועלכע שעפטשען: „אט דאס טאר מען ניט טהאן: דאס איז ניט יושר'דיג: דאס איז ניט מעשה חבר, און יענעם איז ניט מעשה מענש!"

און וויפיעל קרומע רוקענס שטעלען זיך צוליעב ביליגע כלומרשטדיגע „פּאָפּולאַריטעט“ אָדער אנדערע אויסקוקען אין דיענסט צו געוויסע קלי־קעס, שפּאַנען זיך איין אין טריאומף־צוג פון א באָס אָדער באַסעלע און העלפען נאָך שרייען הורא פאר יעדע געמיינהייט.

איז אויך אין  א ו נ ז ע ר  וועלטעל פאראַן א מדה, אז מען דאַרף ניט מסיג גבול זיין, אז מען דאַרף ניט שטעהן יענעם אין וועג, אז מען דאַרף ניט קריכען אויף יענעם'ס קאָפּ און לויערען הינטער יענעם'ס רוקען?

נור „קרענקס“, עקשנים, גרינהאָרן'ס, מלמדים, רחמנא לצלן, האַל־טען זיך אָן שולחן ערוך פון אנשטענדיגקייט, וואו עס שטעהט פערשרי־בען וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט.

בריה'ס, ענערגישע יונגע־לייטלעך, אויסגעגרינטע, כוואטסקע קער־לען לאַבען זיך אויס פון אזוינע נארישקייטען, אָן וועלכע די „אַלטע“, אַט דאָרטען, אין דעם אָבגעשטאַנענעם לאַנד, האָבען זיך געהאַלטען.

# אן אורח לכבוד שבת

מיאוס איז דער מנהג פון „טעג עסען“.

נאָך אַלס קינד האָב איך געהאַסט אָט די עקעלהאַפטע שנאָרעריי.

ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס זאָל ערנידעריגען דעם מענשענס ווערדע, ווי דאָס קלאַפּען ביי יענעם אין טהיר נאָך אַ פרישטיק אָדער נאָך אָן אָנבייסען.

אין די ווערטער „אָרעם בחור“ איז פאַר מיר געלעגען אַזוי פיעל עקעל. אַזוי פיעל שפלות, אַז איך פלעג וויינען מיט זודיגע טרעהרען, ווען איך האָב געהערט, אַז מיינער אַ חבר פאָהרט אין אַ ישיבה עסען טעג.

אַ גרויסע און געוויס נוצליכע זאַך האָבען די משכילים פון דעם „שטורם און דראַנג פעריאָד“ געטהאָן, וואָס זיי זיינען אַזוי ענערגיש און שאַרף ארויסגעטרעטען קעגען דער בזויה'דיגער גנאָדען־ברויט (לחם חסד).

ווי דעמאָראַליזירענד עס ווירקט אויפ'ן כאַראַקטער פון אַ פערצעהן־פופצעהן יעהריגען בחור'ל, ווען ער דאַרף דריי מאָל אַ טאָג געהן מיט גרויס הכנעה צו יענעם אין שטוב אום צו קריגען דאָרטען אַ מאָהלצייט!

עס איז אמת, אַז אויף מאַנכע יונגע בחורים האָט דאָס טעג־עסען געהאַט אַ פערקעהרטע ווירקונג. דאָס האָט אין זיי ענטוויקעלט אַ ווידער־געפיהל, אַ שטאַרקען פּראָטעסט קעגען די בטלנות און שנאָרעריי.

זיינען דאָך די גרעסטע קעמפּפער פון דער השכלה־צייט און אפילו דאָ נאָך ניט לאַנג אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע געוועזען אַמאָליגע אָרעם־בחורים, וואָס האָבען אין זייערע בעסטע פריהלינג יאָה־רען געגעסען טעג.

דאָס טעג עסען האָט ביי אָט די נאָך פערגרעסערט די שנאה צו אַלץ, וואָס איז אַלט און אָבגעלעבט, און האָט געדיענט אַלס אַ בעוויז, ווי ווייט מיאוס און שענדליך עס זיינען די אַלטע פאַראַנדקעס.

אַזאַ ווירקונג האָט דאָס טעג־עסען אָבער נור געהאַט אויף יחידי סגולה, אויף איינציגע אויסערוועהלטע, וועלכע האָבען שטאַרק געפיהלט די בעליידיגונג פון געהן אין פערלויף פון אַ וואָך צו זיבען פערשיעדענע הייזער כדי צו זיין זאַט...

בכלל האָט דער מנהג פון טעג־עסען פערדאָרבען און פערקריפּעלט דעם כאַראַקטער פון אינגעל; עס האָט אין איהם ענטוויקעלט שנאָרעריי־שע, בעטלערישע געפיהלען; עס האָט אונטערדריקט יעדע פּיצעל זעלבסט־געפיהל; עס האָט איהם געמאַכט פאַר אַ בטלן, פאַר אַ משרת, פאַר אַ חונף און אונטערלעקער.

אויב מיר האָבען צווישען אונז אַ גאַנץ היבשע צאָהל שמייכלער, שנאָ־רערס און סתם פּאַראַזיטען, וואָס לעבען על חשבון הקהל, טאָ איז דאָס ניט ווייניג צו פערדאַנקען דעם עקעלהאַפטען מנהג צו פאָהרען יונגעלוויין אין דער פרעמד און עסען טעג.

עפּעס איז דאָס טעג עסען פערדעכענט געוועזען פאַר איינער פון די וויכטיגסטע ערציהונגס־מיטלען, פאַר אַ שוהל, וואָס איטליכער דאַרף דורכגעהן.

שיקען אַ אינגעל אין דער פרעמד פלעגט מען ניט אַזוי צוליעב דעם, וואָס דאָרטען וועט ער בעסער וועלען לערנען, נאָר כדי ער זאָל זיך דאָר־טען „אויסמענשלען"...

„אַ אינגעל דאַרף פערזוכען דעם טעם פון טעג עסען" — פלעגט אַ טאַטע אַזוי וואַזשנע זיך אָבזאָגען, ווען אַ גוטע מאַמע פלעגט זיך בעטען מען זאָל איהר ליעב קינד ניט שיקען צו פרעמדע מענשען און אויף פרעמ־דע, מישטיינס געזאָגט, קעסט.

— נישקשה, נישקשה! עס וועט איהם נאָר ניט שאַדען — פלעגט דערביי אַ זיידע מוסיף זיין פון זיך — אויב ער וועט זיך וואַלגערן אַבי־סעל אין דער פרעמד.

און ווען אַ מאַמע פּלעגט אַליין ניט זיין צופּריעדען און פּלעגט וויינען פאַר וואָס מען שיקט איהר יונגען זוהן אַוועק, צו „קלויבען די ברעק־לעך פון פרעמדע טישען“, פלעגט דער זיידע מיט כעס אויסשיסען:

— שטיא! — וואָס וויינסטו? — כך היא דרכה של תורה!

* * *

אַ גאַנץ אנדער כאַראַקטער ווי טעג עסען האָט געטראָגען דער מנהג פון נעהמען אַן אורח אויף שבת.

אויב געבען אַ „טאָג“ אַן אָרעמען בחור האָט זיך גערעכענעט פאַר אַן אַבקומעניש, פאַר אַ מין חיוב, פון וואָס מען קען זיך ניט אויסדרעהען, איז אַן אורח לכבוד שבת, פערקעהרט, געווען פאררעכענט פאַר אַ מין יום־טוב.

„פרייטאָג אויף דער נאַכט איז זיך יעדער איד אַ מלך“ ער וואַרפט פון זיך אַרונטער די וואָכעדיגע דאגות־פרנסה, ער וואַשט זיך אָרום, טהוט אָן שבת׳דיגע, ריינע מלבושים, אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב איז ליכ־טיג, ציכטיג און ריין. די אידענע, וואָס פּאַרקעט זיך אַ גאַנצע וואָך אין קיך און אויפ׳ן מאַרק, ווערט גלייך נאָך ליכט־בענשען אַן אמת׳ע אשת חיל, אַ בת־מלכה. דער מלך גופא קריגט אַ נשמה יתירה און ווערט אַ גאַנצער מחותן מיט די מלאכי השרת און מלאכי עליון.

קיין פערדרוס פון נעכטען און קיין זאָרג איבער׳ן מאָרגען. די גאַנצע נערוועזיטעט פון דעם קאַמפּף פאַר׳ן לעבען פערשווינדט. דער מלך איז אויפגעלעגט, די מלכה איז רוהיג און קוקט מיט נחת אויף די צאַנקענדיגע ליכט און די אָבגעשייערטע זילבערנע לייכטערס, וואָס זי האָט געקראָגען דרשה־געשאַנק פון איהר מאַמען. ניטאָ קיין קנאה, קיין שנאה. די וואָ־כעדיגקייט, די גרויע אַלטעגליכקייט איז אַוועק און שבת קודש, דער יום מנוחה, ־ער שעהנער, רוהיגער טאָג האָט אין שטוב אריינגעבראַכט אַ בע־זונדערע וואַרעמקייט, אַ בעזונדערע העלקייט.

וואָס קען נאָך אין אַזאַ צייט זיין אַ בעסערער פערגעניגען, אַ גרעסע־רער תענוג ווי אַן אורח, מיט וועמען מען קען זיך אָגב אורחא אויף אויס־

שמועסען איבער „פּאָליטיקע" און אנדערע וועלטליכע ענינים.

א שבת'דיג עסען אָהן אן אורח ביי דער זייט איז עפּעס געוועזן אָהן טעם, אָהן געשמאַק און ווי גוט די פיש און די לאָקשען זאָלען ניט האָבען געוועזן געראָטען, פלעגען זיי ניט קריכען אין האלז.

בעזונדערס וויכטיג איז געוועזן אן אורח אויף שבת אין א פאמי־ליע, וואו דער איידעם איז געזעסען ביים שווער אויף קעסט.

אן אורח איז דאָ איינפאך נויטיג געוועזן צום מזומן און מרדכי חיים יאָשע'ס, וועלכער פלעגט צושטעלען די אורחים לכבוד שבת, האָט שוין געהאט אין זינען אזא הויז.

— רבי מרדכי, פערפיהרט מיך אקאָרשט ניט — פלעגט רבי ישראל צעסנעם זיך ווענדען צו מרדכי חיים יאָשע'ס פרייטאג פאר נאכט פאר קבלת שבת אין בית המדרש.

דערביי פלעגט רבי ישראל אויפהויבען די רעכטע האנט און שאָקלען מיט'ן לאנגען פינגער אזוי ווי ער וואָלט מתרה זיין, אז ווען ער וועט ניט האָבען קיין אורח לכבוד שבת — וועט זיין שלעכט.

— וואָס רעדט איהר, וואָס רעדט איהר, רבי ישראל! גאָט זאָל אויסהיטען. איך וויים דאָך, אז איך פעהלט צו א מזומן...

די באַלעבאָסטע האָט געוואוסט, אז רבי ישראל וועט ניט קומען פון שוהל אָהן אן אורח און פלעגט שוין פאר איהם, פאר דעם אונבעוואוסטען אורח, אוועקשטעלען א ספּעציעלען שטוהל לעבען טיש.

מיט אן אָרעם בחור'ל פלעגט מען אָפט אָבקומען גאַנץ פשוט. אויב עם איז ניט געווען קיין צייט אָדער עס זיינען געווען גרויסע דאגות פרנסה, פלעגט מען איהם אָב־פטר'ן מיט שיהי פיהי.

ניט אזוי איז אָבער געווען מיט'ן אורח לכבוד שבת. איהם האָט מען געגעבען דעם בעקוועמסטען אָרט און דעם שעהנסטען און גרעסטען חלק.

אויף אן אָרעמען בחור האָט מען געקוקט ווי אויף א צוקומעניש. אויף אן אורח לכבוד שבת — ווי אויף א ציערונג, וואָס פערזיסט דעם הייליגען טאָג.

די מדה פון האָבען אַן אורח לכבוד שבת האָט ניט געהאַט צו טהאָן מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים.

ביי הכנסת אורחים פיהלט זיך ו ו ע ר עס איז דער געבער און ווער עס איז דער נעהמער, דער אורח לכבוד שבת איז פאַקטיש געווען מעהר יחסן אין הויז ווי דער באַלעבאָס גופא.

אַן אורח אויף שבת פלעגט מען נעהמען ניט אזוי פון מצוה וועגען, ווי אויס פערגעניגען. און אין אמת'ן גערעדט, וואָס קען נאָך זיין אַ גרע־סערער עונג שבת ווי צו זיצען אַרום טיש, בעדעקט מיט אַ ציכטיג ווייסען טישטוך, וואו עס שטעהט אַ גרויסע זילבערנע שיסעל פול מיט לאָקשען, פון וואַנעט עס שלאָגט אַן אנגענעהמע פּאַרע, און שמועסען מיט איינעם, וואָס קען אַי אַ סך הערען אַי אַ סך ריידען איבער אַלץ אין דער וועלט?

און טאַקע די זמירות גופא?

זינגענדיג אַליין אָדער אפילו מיט'ן איידעם האָט דער „צור משלו אכלנו" ניט געהאַט די מתיקות, די זיסקייט, ווי ווען דער אורח האָט די זמירות בעגלייט און אונטערגעבאָמקעט.

גאַנץ אָפט פלעגט דער אורח, אויב ער איז געווען אַ מנגן, זינגען די זמירות אויף אַן אַנדער שטייגער, מיט דעם שטייגער פון ניסעלע בעל־זער, וועלכער האָט איבערגענומען דעם נגון פון ווילנער באַלעבעסיל...

דעמאָלט פלעגט דאָס עסען זיך לאַנג פערציהען און די שכנים, וועל־כע האָבען געהערט דעם נייעם זמר, האָבען אויף גיך אָבגעגעסען און אריינגעקומען צו רבי ישראל'ן צו גאַסט, כדי זיך צו בעקענען מיט'ן אורח.

דורכ'ן אורח פלעגט מען געוועהנליך אויסגעפינען אַלצדינג. וואָס ס'הערט זיך אין דער שטעטעל פון וואַנעט דער אורח קומט; ווי דער מעמד איז פון דעם אָדער יענעם; אויב די נדן, וואָס דער אָדער יענער האָט צוגעזאָגט, וועט איינגעצאָהלט ווערען אין מזומן אָדער אין וועקסלען ביז נאָך דער חתונה. מען פלעגט אויך אויסגעפינען אויב די כלה, מיט וועלכער מען רעדט אַ היגענ'ס אַ זוהן איז אַ געזונטע, אויב זי האָט רוי־

טע פארב אין די באקען, צי זי איז חלילה ניט קיין בלאסע און ניט קיין בערעדטע...

דער אורח וואָס פלעגט, קען זיין, קיין מאָל אויף פרעמדע נשים ניט קוקען, האָט פון אזוינע איינצעלהייטען געגוי געמוזט וויסען.

אין די פיעלע שידוכים, וואָס פלעגען ווערען געשלאָסען און אָבגעלאָזען צווישען פערשידענע שטעדטלעך, פלעגט ניט קיין קליינע ראָלע שפּיעלען דער אורח לכבוד שבת.

# עכוב הקריאה

ווײל איצט אײנער ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער עפענטליכ־קייט אויף א געוויסע זאך, בענוצט ער זיך מיט דער פרעסע.

דורך דער פרעסע אגיטירט מען פאר געוויסע אידעען און געדאנ־קען; דורך דער פרעסע לאזט מען וויסען וועגען געוויסע סקאנדאלען און עולות, וואס ווערען בעגאנגען, און דורך דער פרעסע הויבט מען אויף אויף פראטעסטען קעגען אינסטיטוציאנען און פערזאנען.

אין די אידישע שטעדטלעך פון ליטא זיינען קיינע ארטיגע אידישע ארגאנען ניט געווען, די פרעסע בכלל איז דארטען געווען שוואך פער־טרעטען און האט קיין איינפלוס אויף'ן טאג־טעגליכען לעבען ניט געקענט האבען.

מילא, וואס אנבעלאנגט די נייעס, איז געווען דער בית דין שמש, וועלכער האט אינגאנצען פערביטען אן איצטיגע צייטונג. דער בית דין שמש פלעגט פון אלעם וויסען און דערצעהלען. ער פלעגט דערצעהלען ניט נאר וואס עס האט פאסירט, נאר אפילו וואס עס האט ניט פאסירט. איז דער בית דין שמש געווען אויף אימיצען אין כעס, האט ער איהם שוין אבגעטהאן אזעלכע שפיצלעך, אז יענער האט זיך געהאט צו קראצען.

איז איינער א מחותן אין כעס געווארען, פאר וואס די נדן איז ניט איינגעצאהלט געווארען אין דער צייט, און האט אבגעלאזען דעם שדוך און אבגעשיקט צוריק די תנאים — האט דער ערשטער דערפון געוואוסט דער בית דין שמש. און אזוי ווי דער בית דין שמש איז ניט געווען אין גאנצען אן אונפארטייאישער מענש, פלעגט ער שוין צופארבען די נייעס אזוי, אז זיין שונא „זאל קראפירען פון הארצוועהטאג."

דער בית דין שמש אין שטעדטעל האָט געהאט דיזעלבע מאכט ווי דער רעפּאָרטער, להבדיל, אין אונזער גרויסער ציוויליזירטער וועלט.

וועלכע מיטלען זיינען אָבער אָנגעווענדעט געוואָרען צו בעאיינפלו־סען די עפענטליכע מיינונג?

ווי אזוי פלעגט אַן אָרעמע אלמנה קענען אויסדריקען איהר פּראָטעסט נעגען דעם מלוה, וועלכער האָט צוגענומען ביי איהר די לעצטע קישעלעך?

ווי אזוי האָט אַן אָרעמער בעל מלאכה, וועלכער האָט ביים רב פער־שפּיעלט, דאָך געקענט דורכפיהרען, דאָס דער גרויסער עולם זאָל וויסען, אַז זיין שכן רבי חיים רבי אבעלעס האָט די וואנד פון זיין נייער הויז אויפגעשטעלט אויף זיין פּלאץ, וואָס ער האָט געקראָגען בירושה פון זיין טאטען?

דער בית דין שמש אלס אַן אונטערגעשטאַנענער משרת פון די רייכע, פלעגט געוועהנליך תמיד זיין אויף דער זייט פון די, וואָס האָבען גע־טהאָן די עולות, און ניט אויף דער זייט פון די געקריוודעטע.

אין אונזער שטעדטעל האָט מען זיך אָבער אַן עצה געגעבען. מען פלעגט פּשוט מעכב די קריאה זיין.

פאר קריאת התורה, פאר'ן לייענען, האָבען זיך די, וועלכע האָבען געהאט טענות צו קהל, צום רב, אָדער אפילו צו פּריוואט מענשען, זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן אָרון קודש און ניט געלאָזען „אויסנעהמען".

אזוי ווי פאר קריאת התורה טאָר מען אפילו ניט געהן נעהמען אַ כזית אונטערצושפּארען דאָס הארץ, טאָ איז דער עולם געווען געצוואונ־גען אויסצוהערען וואָס מען וויל און וואָס מען פערלאַנגט פון איהם.

עכוב הקריאה איז געווען זעהר אַ שטארקער מיטעל ווי צו דער־גרייכען די עפענטליכקייט.

דער רב גופא פלעגט זיך גאנץ אָפט בענוצען מיט דעם מיטעל אום דורכצופיהרען געוויסע קהל'שע ענינים.

סוף זומער, ווען די הערבסט ווינטען האָבען שוין אָנגעפאַנגען שטארק צו פייפען, אַ שטייגער ווי זיי וואָלטען מתרה זיין, אַז אָט־אָט קומט אָן דער קאָלטער און נאַסער ווינטער, און עס איז צייט צוריק אויפצולעבען די חברה לחם עניים, וואָס האָט געהאט איהר אויפגאבע אָנצוגרייטען

האַלץ און טאָרף פאַר די אָרעמע, פלעגט דער רב געוועהנליך האַלטען א דרשה און אויפפאָדערען קהל צו קומען צו דער אסיפה ווענען דעם ענין. זיינען די אסיפות ניט געווען גוט בעזוכט, אָדער מ'האָט צוליב געוויסע מחלוקות פון די צדדים ניט געקענט קומען צו א טאָלק, האָט דער רב דעמאָלט מעכב די קריאה געווען און האָט תיכף אויפ'ן פּלאַץ אין בית־המדרש אויפגעפאָדערט, אז יעדערער זאָל זיך מתחייב זיין לפי כחו וכסו, וויפיעל זיין קעשענע, הייסט עס, ערלויבט איהם.

דאָסזעלבע פלעגט טהאָן דער רב פאַר פסח, ווען די מעות־חטים האָט ניט געקלעקט פאַר די אביונים פון שטעדטעל און עס איז געווען א חשש, אז זיי וועלען אפילו ניט האָבען אויף ויין פאַר די פיער כסות.

אין דעם פּרט איז דער עכוב הקריאה נאָך געווען א שטארקערער מי־טעל, ווי די פּרעסע אין היינטיגער צייט. די פּרעסע קען נאָר „אויפבור־מען" א זאַך, אויפטרייסלען די עפענטליכע מיינונג, אָבער דורך עכוב הקריאה פלעגט ניט נאָר געצויגען ווערען די אויפמערקזאַמקייט פון ברייטען עולם, נאָר עס פלעגט אויך אָרגאַניזירט ווערען די ארבייט, כדי עס זאָל נאָך אמאָל ניט קומען צו לייטישע געלעכטער.

הויפּטזעכליך פלעגט מען מעכב די קריאה זיין, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פּערזענליכע קריוודעס און בעליידיגונגען, ד. ה. וועגען אזוינע זאַכען, וואָס קיין דין און קיין דיין קען ניט העלפען.

מעכב די קריאָה זיין פלעגען אויך די פּועלים, וועלכע האָבען שוין ניט געקענט דערטראָגען פון זייערע באַלעבאַטים, וואָס האָבען זיי שלעכט בעהאַנדעלט און שלעכט געצאָהלט.

דער עכוב הקריאָה קען אין א געוויסען זין בעטראַכט ווערען פאַר דעם ערשטען מיטעל, צו וועלכען די אידישע ארבייטער האָבען זיך געכאַפּט, כדי צו קעמפען קעגען זייערע הערען.

דער ערשטער פּראָטעסט פון די טאַבאַק ארבייטער אין שערעשעווס־קי'ס פאַבריק אין גראָדנא קעגען די שלעכטע בעהאַנדלונגען — דער־צעהלט מען — איז געווען אויסגעדריקט דורך דעם, וואָס זיי, די ארביי־טער, האָבען מעכב די קריאָה געווען און ניט געלאָזען לייענען... זאָל דער

עולם וויסען, אז זייער ברויט־געבער איז א מקפח שכר שכיר — האבען די ארבייטער געשריען.

אויסער דעם, וואס דער זייטיגער, ניט פעראינטערעסירטער עולם, פלעגט אלע מאל האלטען מיט די, וועמען מען האט געטהאן עולות, איז דער עכוב הקריאה געווען דער בעסטער וועג ווי מבייש צו זיין ברבים, צו־שפארען א בעל־עולה צום שאנדקלאץ. אין בית המדרש פאר אן עדה אידען האט זיך קיינעם ניט געוואלט פערשעמט ווערען און אט די מורא פאר א בזיון בפרהסיא, וואס קען קומען דורך דאס ניט לאזען לייענען, האט געווים פיעלע אבגעהאלטען צו בעגעהן געמיינהייטען.

פון די פיעל מאל, ווען מען האט ניט געלאזען לייענען, וואס שווי־מען איצט ארויף אויף מיין זכרון, איז איין פאל בעזונדערס בולט אויס־געקריצט אין מיין מח.

דאס איז געווען א שבת־מארגען, אנפאנג ווינטער, ווען דאס אידיש לאנגווייליג אומעטיג־לעבען אין ליטא, ווערט נאך מעהר פערזוויערט דורך די פינסטערע פערכמורעטע פאגאדעס, וועלכע ווארפען ארויף א דריקענדע מרה שחורה אויפ'ן מענשען.

אין בית מדרש איז געווען קאלט און לאנגווייליג. דער בעל תפילה גופא איז אויך משמעות דאס מאל ניט געווען גוט אויפגעלייגט און האט זיך ווייניגער געציקעלט ווי געוועהנליך. אלע ווארטען עס זאל זיך גיכער ענדיגען חזרת השץ כדי מען זאל וואס שנעלער אב'פטר'ן קריאת התורה און מוסף, און געהן אהיים.

דער חזן האט נאך ניט פאספעיעט אבצוזאגען עושה־שלום פון דער ערשטער שמונה עשרה, ווי עס האט זיך פלוצים געהערט א שטארקער גע־פילדער ביים ארייננאנג פון בית המדרש. עס איז געווארען ביים עולם א גרויסער געלאף צום טיר, כדי בעסער צו זעהען, וואס דארטען קומט פאר. פון מיטען דעם טומעל האבען זיך געלאזט הערען שרעקליכע, הארצרייי־סענדע קרעכצען, וואס זיינען בעגלייט געווארען מיט א שטארקען כליי־פען. עס האט ניט לאנג געדויערט ווי דער געזעמעל האט זיך פערנאנ־דערגעטיילט אין צוויי העלפטען, מאכענדיג א וועג פאר א בעטעל, וואס צוויי ארעמע אבגעריסענע בעלי־מלאכות האבען געטראגען. אין בעטעל

איז געלעגן אַן אַלטע, קראַנקע פרוי, וואָס האָט שטאַרק געכליפּעט, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין כח הויך צו וויינען. אין איין הרף עין איז דאָס בעטעל מיט דער קראַנקער געשטאַנען פאַר׳ן אָרון קודש.

— מיין קינד, מיין קינד! גוואַלד גזלנים, האָט רחמנות, גיט מיר אָב צוריק מיין איינציג קינד — האָט די קראַנקע פרוי זיך געבעטען מיט אַ שוואַכער שטים, וואָס איז דערשטיקט געוואָרען דורך די טרערען, וועלכע האָבען זיך איהר געשטעלט אין האַלז.

די פרוי האָבען מיר, קליינוואַרג, גאַנץ גוט געקענט. דאָס איז געווען טאַמאַרע די באָב־אידענע, וועלכע פלעגט טראָגען אין די חדרים אונז פּערקויפען באָב, ארבעס, איינגעבערלעך, מאַנדעלעך און נאָך אַזוינע נאַשערייען. מיר האָבען געוואוסט, אַז די גוטע טאַמאַרע ליגט קראַנק און קען זיך ניט ריהרען. מיר האָבען אויך געוואוסט, אַז זי איז קראַנק געוואָרען פון הארץ־עסעניש, פון שברת הלב, וואָס איהר איין־איינציגער זוהן — ברוך׳קע דער בלעכער — איז אָבגעגעבען געוואָרען פאַר אַ סאָלדאַט. מיר האָבען געהערט אָפט איבערריידען אין שטוב איבער דער בלוטיגער רציחה, וואָס דער „טשלען" איז בעגאַנגען געגען דער אָרעמער אלמנה דערמיט, וואָס ער האָט פאַר אַ פּאָר הונדערט קערבלעך געמאַכט, דאָס דוד רפאל׳ס פיערטער באַיבאַק זאָל ארויס פריי, בעת טאַמאַרע׳ס איינציגער זוהן, וועמען זי האָט ערצויגען מיט די בלוט פון איהר הארצען זייט ער איז געבליבען אַ יתום — און אַ יתום איז ער געבליבען צו צוויי יאָהר — איז אָבגעגעבען געוואָרען.

די גאַנצע שטעדטעל האָט דערפון געוואוסט און אַלע האָבען געמורמעלט אויף די אכזריות פון „טשלען" און די שלעכטסקייט פון דוד רפאל׳ס. קיינער האָט אָבער ניט געסמעיעט צו ריידען וועגען דעם אין דער הויך. מען האָט מורא געהאַט זיך אָנצופאַנגען מיט דעם „טשלען", וועלכער איז אַ גאַנצער שמעלקע ביי דעם פּריסטאַוו...

אַלע האָבען אָוועקגעלעגט די חומשים אָן אַ זייט און אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות טאַמאַרעס תחנונים. דער איינציגער, וועלכער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איהם קימערט ניט די גאַנצע געשיכטע און האָט בכיון מעבר קריאה געווען די סדרה אין דער הויך כדי ניט צו הערען דאָס

כליפּען פון דער אלמנה, איז געוועז דוד רפאל'ס.

איינינע מינוטען האָט געדויערט די שרעקליכע סצענע ביז עס האָט זיך פון הינטער דער בימה ענדליך בעוויזען חנה דער שוסטער, וועלכער איז מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען צוגעלאָפען צום „טשלען“ און האָט אויסגעשריען אין דער הויך מיט גרוים כעס:

— אויב ברוך'קע טאמארע'ס וועט ניט בעפרייט ווערען פון פריי־זיוו, וועט איהר אלע געהן געשמיעדט אין קייטען אין סאמביריען. איהר מיינט, אז מיר ווייסען ניט, אז איהר האָט אונטערגעשטעלט מלאכים! געדענקט!...

א מסור האָט דאָס שטעדטעל שרעקליך פערהאסט, אבער אין דעם פאל האָבען אלע געגעבען גערעכט חנה דעם שוסטער, וועלכער איז ארויס פון די כלים אוים רחמנות צו דער אָרעמער, עלענדער אלמנה.

---

עס האָט גענומען ניט מעהר ווי א וואָך צייט און ברוך'קעס „פער־וואיא לענאָטא איז פאָסוויאטשעט געוואָרען“ און ער איז געקומען א היים צו זיין מוטער, בעפרייט פון סאָלדאטען.

# די קלפי *)

דעם צווייטען טאָג חול־המועד פסח נאָכ'ן דאַוונען פלעגט אין די בתי מדרשים, שולען און קלויזען פון אונזערע שטעדטלעך ווערען לעבעדיג.

אין דעם טאָג פלעגט דאַרפען ענטשידען ווערען דער מזל פון די גבאים, נאמנים און אנדערע בעלי התמנות'ן פון אזעלכע חברות, ווי חברה קדישא, בקור חולים, לנת הצדק און אז. וו.

קיין וואהלקאמפען פלעגען די גבאים און אלע אנדערע אָפיציעלע פערטרעטער פון דער קהלה בכלל און פון די בעזונדערע חברות בפרט ניט אָנפיהרען. קיין אגיטאַציאָנס־רעדען און קאָקוס מיטינגען פלעגען פאַר די וואהלען ניט אָבגעהאַלטען ווערען. אונזערע פריהערדיגע דורות זיינען געווען אזוי הינטערשטעליג, אַז זיי האָבען אפילו קיין ברעקעל ידיעה ניט געהאַט פון די מאָדערנע וואפען, וועלכע ווערען אָנגעווענדעט אין דעם קאמף פאַר גבאות, ווי צ. ב. נאָמינאַציאָנס קאָמיטעס און רעזאָלוציאָנס קאָמיטעס. זיי זיינען געווען אזוי הינטערשטעליג, אַז זיי האָבען קיין שום בעגריף ניט געהאַט פון די היינטיגע פּארלאמענטארישע רולס, פון די פּאָינטס אָוו אָרדערס און אָפּיעלס טו דהי טשער — און דאָך, און דאָך... פלעגען די וואהלען זיין עהרליכער און דעמאָקראַטישער ווי איצט און די ערוועהלטע פלעגען בעסער און עהרליכער ערפילען זייער חוב, ווי די בעאמטע, וועלכע ווערען ערוועהלט דורך די מאָדערנע „ציוויליזירטע" מעטאָדען.

די מאַשינעריע פון די וואהלען איז געווען אזוי אָנגעשטעלט, אַז

*) די וואהל, די אָבשטימונג, דער שטים־קאַסטען.

קיינע „קענוועסינגס“ און פאָליטישע „פולס“ האָבען ניט געקענט העלפען דעם אָדער יענעם קאנדידאט. ביז דער לעצטער מינוט פון אויסוועהלען האָט קיינער ניט געקענט וויסען, ווער עס וועט זיין דער דעה זאָגער און פון וועמען עס וועלען זיך ווענדען די וואהלען.

די וואהלען זיינען ניט געווען דירעקטע, נאָר אינדירעקטע (הערט זשע אלע פריהער אויס און כאפט זיך ניט ארויס מיט א פראָטעסט: אָה, ניט דעמאָקראטיש). די גאנצע מיטגלידערשאפט פלעגט אין די וואהלען ניט אנטיילנעהמען. בלויז פינף פון אלע מיטגלידער האָבען געהאט דעם כבוד צו וועהלען די בעאמטע פאר'ן נעקסטען יאָהר. די פינף זיינען דאָס געווען די ב ו ר ר י ם, וואהלמענער אויף אונזער ציוויליזירטען לשון.

די בוררים פלעגען ניט ווערען ערוועהלט דורך א „סלייד“ פון א געוויסען צד, ווי כדומה למשל אונזערע היינטיגע פרע[illegible]נשעל עלעקטאָרס, נאָר זיי פלעגען מוזען זיי „זוכה בגורל“. און אזוי[illegible] פון אָט דעם גורל פלעגט אָבהענגיג זיין די גאנצע וואהל, פלעגט ער דעריבער פאָרקומען אויף א זעהר פאָרזיכטיגען און אונפארטייאישען אופן.

די נעמען פון אלע מיטגלידער פון דער בעטרעפענדער שול אָדער חברה (אויב נאָר גוטשטעהענדע אָדער אפילו אזעלכע, וועלכע האָבען פערנאכלעסיגט צו צאָהלען זייערע וואכערס — קען איך אייך אין דעם מאָמענט ניט זאָגען. א. ש. ז.) פלעגען פערשריבען ווערען אויף גלייכע, בעזונדערע צעטעלעך. א גלייכע צאָהל צעטעלעך פלעגען זיין חלקים — ווייסע, ניט בעשריבענע הייסט עס. נאָר אויף צעהן פון די צווייטע צעטעלעך פלעגט מען אָנשרייבען: אויף איין צעטעלע — בורר ראשון, אויפ'ן צווייטען צעטעלע — בורר שני, צווייטער בורר; אויפ'ן דריטען צעטעלע — בורר שלישי, און אזוי ווייטער ביז פינף. אויף די אנדערע פינף צעטעלעך פלעגט מען אָנשרייבען: במקום בורר, „סאָבסטיטוט“ הייסט עס.

דיביידע סאָרטען צעטעלעך פלעגען פאָרזיכטיג, גלייך צונויפגעוויקעלט ווערען און מען פלעגט זיי צומישען אין צוויי בעזונדערע יארמולקעס. אין איין יארמולקע פלעגען זיין די נעמען פון די חברה־לייט און אין דער צווייטער — די ווייסע צעטעלעך מיט די צעהן בעשריבענע. די צעטעלעך פלעגען גוט דורכגעשאָקעלט ווערען, כדי קיינער זאָל ניט קענען

אַנמערקען דעם אָדער יענעם נאָמען. צום ציהען די צעטעלעך פלעגט מען צורופען צוויי קליינע קינדער פון 7—8 יאָהר, וועלכע האָבען נאָך ניט קיין שכל צו מאכען קונקעל־מונקעל ביי די וואהלען. פוןביידע יארמול־קעס פלעגען די ביידע קינדער ציהען אין איין צייט יעדערער צו איין צע־טעלע. פערנאַנדערגעוויקעלט פלעגט נאָר ווערען דאָס צעטעלע פון דער יארמולקע מיט די חלקים. פלעגט דער צעטעלע זיין א ווייסער, אן אונבע־שריבענער, פלעגט מען דעם ענטגעגענגעצויגענעם צעטעלע פון דער צוויי־טער יארמולקע מיט דעם נאָמען פון א מיטגליד אוועקוואַרפען ניט פער־נאַנדערגעוויקעלטערהייט; פלעגט דער צעטעלע זיין בעשריבען מיט די ווערטער: בורר ראשון אָדער בורר שני און אז. וו. פלעגט מען דאן אויפ־וויקלען דעם צעטעלע פון דער צווייטער יארמולקע, און אָט דער נאָמען פלעגט דאָס זיין דער זוכה בגורל. ע ר פלעגט דאָס זיין דער בורר, דער וועהלער פון די בעאמטע אָדער, ווי מען פלעגט דאָס רופען, פון די נייע בעלי התמנות. די מדרגה פון בורר, צו בורר ראשון אָדער בורר שני, אָדער אפשר גאָר בורר חמישי, פלעגט זיך אויך ווענדען פון דעם גורל, פון דעם שריפט אויף דעם צעטעלע, וואָס ווערט ארויסגעצויגען פון דער יארמולקע מיט די חלקים. בורר ראשון איז געווען דער געזעצליכער יושב ראש, דער פארזיצענדער, און ער האָט אויך געהאַט צו ענטשיידען, ווען די שטימען פלעגען זיך צוטיילען צוויי אויף צוויי.

די נעמען פון די גבאים און אנדערע בעאמטע פלעגען ניט געהן אין גורל. מאלע וואָס, זיי קענען נאָך ארויס אלס בוררים און אָבגעבען א שטים פאר זיך אליין! אויך פלעגען די נעמען פון די פאר־א־יאָהריגע בוררים ניט געהן אין קלפי. צוויי מאָל נאָכאַנאַנד צו זיין בוררים איז ניט רעכט. די פאר א יאָהריגע בוררים פלעגען דאָס אויך זיין די משגיחים, די אויפזעהער פון דער הא־יאָהריגער קלפי. אלס עכט נייטראלע, וועלכע האָבען סיי ווי סיי ניט קיין מעגליכקייט צו ווערען בוררים, האָט מען זיי זיכער געקענט אנפערטרויען די קלפי.

אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבען ניט געוואוסט פון דעמאָקראטיע, פון דעמאָגאָגיע און אנדערע מאָדערנע ווערטער, אבער דאָס סיסטעם פון אונפּארטייאישקייט איז געווען, ווי מיר זעהען, ביי זיי מעהר און

בעסער ענטוויקעלט ווי ביי אונז. קיינע באַסעס, קיינע לידערס האָבען ניט געקענט בעאיינפלוסען די וואהלען. קיין כאבאר און קיין חניפה האָבען ניט געהאָלפען. דער זכה בגורל איז געווען דער הערר פון דער לאַגע.

גלייך נאָר, ווי עס פלעגט ווערען בעוואוסט ווער די בוררים זיינען, פלעגט דער בית־דין שמש, וועלכער איז אויך געווען דער שוהל־רופער, דער מלקות־שלאָגער און דער משגיח אויף די מקוות, זיך אוועקלאָזען איבער'ן שטעדטעל זוכען די בוררים און זיי צוזאמענרופען צו דער אסיפה. א גאנץ יאָהר פלעגט דער בית־דין שמש ניט זיין אזא חשוב'ער גאסט אין הויז, ווייל ער פלעגט געוועהנליך קומען מיט א גרויסע פושקע קלייבען געלט. דעם צווייטען טאָג חול־המועד אָבער פלעגט דער שמש אויפגענומען ווערען בסבר פנים יפות. דעם בורר'ס אידענע און טאקע דער בורר גופא, פלעגט פון'ם שמש קענען אויסגעפינען די גאנצע הינטער־קוליסען פּאָליטיק, ווי די עהרליכקייט פון די אלטע גבאים און די נייע קאנדידאטען. דער שמש איז פאקטיש געווען דער רעפּאָרטער פון שטעדטעל, וועלכער האָט איינעם געקענט „בומען" און דעם צווייטען לייגען אין דר'ערד.

בשעת די בוררים האָבען אָבגעהאלטען זייער אסיפה, וואָס איז פאָרגעקומען דעם אָווענד פון דעם גורל, האָט קיין זייטיגער ניט געטאָרט זיין דערביי. דער איינציגער, וועלכער האָט געהאט צוטריט צו דער אסיכה, איז געווען דער אייגענער שמש. די נייגעריגע בעלי־הבתים פלעגען טאקע דעריבער קענען דורכ'ן שמש אויסגעפינען איבער די „מעגליכקייטען" פון דעם אָדער יענעם קאנדידאט.

ניט האָבענדיג דורכגעמאכט א פּאָליטישע שול פלעגען די בוררים געוועהנליך אויסקלייבען די בעסטע און די פאסענדסטע מענשען פאר די וויכטיגע פעראנטוואָרטליכע עמטער. אלס גבאים פון חברה קדישא פלעגען געוועהנליך ערוועהלט ווערען עלטערע מענשען, מיט ערפאהרונג, אזעלכע וועלכע האָבען ניט קיין מורא צו זיין מיט א בר־מינן אונטער איין דאך. פאר גבאים אין די חברות בקור חולים און לינת הצדק פלעגען, פערקעהרט, ערוועהלט ווערען אינגערע, געזונטע מענשען, וועלכע קענען ארויסהעלפען א קראנקען אין צייט פון נויט.

אלס א כלל פלעגען די כבודים תמיד צוטיילט ווערען צווישען די פני העיר, צווישען די מזרח־וואנד־לייט. עס פלעגען אבער אויך זיין אויס־נאהמען.

איך געדענק, ווי ביי אונז אין שטעדטעל איז אויסגעקליבען געווא־רען אלס איינער פון די גבאים אין חברה תהלים, א געוויסער שמעון דער שוסטער. שמעון דער שוסטער איז, פערשטעהט זיך, ניט געזעסען אין מזרח וואנד, נאר מיט פיער ביינק נידעריגער, ניט ווייט פון דער בימה. מיינער א פעטער, פון די „פני", איז אויך געווארען א גבאי אין חברה תהלים. אויף מארגען, ווען אין שטעדטעל איז שוין געווארען בעוואוסט, ווער עס זיינען די גבאים אין די פערשידענע חברות, איז געקומען פער־כראפעט און פערסאפעט צולויפען צו מיין פעטער איינער, משמעות, פון די קהל'שע לעקער און חנפים, און האט מיט גרויס אימפעט זיך צו איהם געווענדעט בזה הלשון:

— האט איהר געהערט, רבי יוסף יעקב, וואס פאר א שפיצעל די בוררים פון חברה תהלים האבען אבגעטהאן?

— וואס פאר א שפיצעל? — האט מיין פעטער געפרעגט פער־וואונדערט.

— וואס הייסט? זיי האבען דאך געמאכט שמעון דעם שוסטער פאר א גבאי?

— נו, איז וואס? — פרעגט ווייטער מיין פעטער.

— ווי, און איהר האט טאקע אנגענומען די גבאות צוזאמען מיט דעם סנדלר?

— יא, איך האב אנגענומען — האט מיין פעטער געלאסען נעענט־פערט. — שמעון דער שוסטער איז אן עהרליכער איד. ער ארבייט נעבעך שווער אויף זיין חיונה. ער בע'גזל'ט קיינעם ניט און ער וועט זיין אזא גוטער גבאי, ווי מיר אלע. איז דען רבי יוחנן הסנדלר ניט געווען א גרוי־סער תנאי? — האט מיין פעטער געענדיגט דעם שמועס.

איך, א אינגעל פון א יאָהר אכט, האָב פון דעמאָלט אָן אָנגעפאנגען צו קוקען אויף שמעון דעם שוסטער מיט גרוים דרך־ארץ. איך פלעג איהם אלע מאָל רופען ר ב י שמעון. מיין קינדערשער שכל האָט שוין דאן בעגריפען, אז א שוסטער, וואָס ארבייט שווער און ביטער אויף זיין חיונה, קען אויך זיין אן עהרליכער איד און האָט דאָס רעכט צו ווערען א גבאי...

# מען טאָר ניט אויסזאָגען פון חדר

אין אַלע צייטען און אין אַלע ערטער האָט דאָס אידישע פאָלק פעראַכט אַ מסור, אַ שפּיאָן.

אידען האָבען משומדים. אַ משומד אָדער אַ משומדת'טע אין אַ משפּחה האָט זיך גערעכענט פאַר אַ מאוס'ר שאַנד־פלעק. אַ בכבוד'יגער מחותן האָט קיינמאָל ניט געטהאָן אַ שדוך מיט זיין זוהן אָדער טאָכטער מיט אַ פאַמיליע, וואו עס געפינט זיך אַ משומד, מעג דער משומד זיין אַ גאַנץ ווייטער קרוב.

אָבער אַ משומד האָט מען ניט אַזוי פעראַכטעט ווי אַ מסור.

אַ משומד האָט מען בעדויערט. מען האָט רחמנות געהאַט אויף איהם. אָפטמאָל האָט מען זיך גערייצט מיט איהם. אָבער צו אַ מסור פלעגט מען זיך פערהאַלטען מיט שרעק, מיט עקעל, מיט פעראַכטונג. מען פלעגט פּשוט מורא האָבען מיט איהם זיך צו בעגעגענען. מען פלעגט אויסמיידען צו שטעהן אין זיינע ד' אמות און צו קוקען אין זיין ווינקעל.

עפּעס האָט זיך געדוכט, אַז דער מסור איז אַ ווילדע רויב חיה, וואָס קען מיט איהר גיפטיגען צונג פערניכטען פיעלע מענשליכע לעבענס און עקזיסטענצען און אפילו גאַנצע פעלקער.

אין זיין גאַנצער געשיכטע האָט דאָס אידיש פאָלק שרעקליך פיעל געליטען פון די מוסרים, פון די שפּיאָנען, וועלכע פערראַטען אַנדערע. די בר־קמצאַ'ס, די יודאַ'ס און די פּאַפּוס'עס זיינען געוועזען די הויפּט־שולדיגע אין די אידישע חורבנות און זיי ווערען טאַקע דעריבער אַרויסגעשטעלט ווי די עקעלהאַפטסטע בעשעפענישען, פון וועלכע מען מוז ווייכען ווי פון דער ערגסטער פּעסט.

אלע אידען ווייסען, אז ווען בר־קמצא וואלט ניט געקומען קיין רוים מיט זיין מסירה: מרדו בך יהודאי — די אידען האבען געמאכט אן אויפ־שטאנד, וואלט דער צווייטער בית־המקדש ניט חרוב געווארען און מיר וואלטען ניט געווען אין גלות. דער עקעל צו מוסרים איז דעריבער אריין אין אידישע בלוט און פלייש; עס איז ביי אידען געווארען די צווייטע נאטור.

שוין אין תלמוד ווייזט זיך ארויס די בעציהונג פון אידען צו א מסור. המוסר ישראל ליד גוי דמו מותר. דער טייטש: אויב אימיצער מסר'ט א אידען פאר א גוי, איז זיין בלוט הפקר; ער פערלירט דאן זיין מענשען רעכט.

אין שולחן ערוך ווידער שטעהט: מסור מותר להורגו — א מסור מעג מען הרג'ענען.

אין כמעט אלע שטעדטלעך פון אידישען תחום געהען ארום פון מויל צו מויל לעגענדעס וועגען מוסרים, וועמען מען האט צוהאקט אין שטיק־לעך, פערבונדען אין א זאק און אריינגעווארפען אין טייך...

אין פאדאליען ווידער געהט ארום די מעשה וועגען דעם מסור, וואס האט גע'מסר'ט די אחים פנחס און שמואל־אבא לאפירא פון סלאוויטא'ר דרוק, ווי מען האט איהם, דעם מסור געפונען שפעטער אין באד אין קאלך־אויווען...

עס פערשטעהט זיך, אז דאס זיינען ניט מעהר ווי באבע־מעשיות, ווייל אין אמת'ן זיינען אידען גאר ניט אזעלכע כוואטען צו צושניידען א מענשען אויף שטיקער אדער איהם ווארפען אין א קאלך־אייווען.

דיזע מעשיות זיינען אבער כאראקטעריסטיש ווי אזוי מען האסט א מסור אין די אידישע שטעדטלעך.

די גאנצע צייט פון מיטעלאלטער איז רייך מיט פאסירונגען, וואו אידען האבען זיך בעסער געלאזט אנטהאן אלערליי יסורים, זיך געלאזט פייניגען און טויטען, איידער צו מסר'ן און ארויסגעבען אנדערע.

דער איד איז בטבע א טרוס, א פחדן און האט שטארק מורא פאר א קנעפעל, אבער דארטען וואו מען פאדערט פון איהם ער זאל ווערען א מסור

— ווערט ער שטאַרק ווי א פעלזען און אונערשראָקען ווי דער גרעסטער העלד.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן אין רוסלאַנד האָט אין די ליט־ווישע און קורלאַנדער שטעדטלעך ניט איינמאָל געטראָפען, ווי מען האָט פערשפּאַרט א גאַנצע עדה אידען אין בית־המדרש, זיי געסטראַשעט מיט האַרמאַטען, אויב זיי וועלען ניט אַרויסגעבען די בונטאָוושטשיקעס, אָבער קיין איין פאַל איז ניט בעוואוסט, וואו די פרומע אידען, וועלכע האָבען מיט'ן גאַנצען האַרצען געגלויבט, אַז מען דאַרף זיין געטריי דעם קייזער, זאָלען אַרויסגעבען די רעוואָלוציאָנערען.

מען ווייס פון יחידים, וועלכע האָבען פון אייגענער איניציאַטיווע אַרויסגעגעבען די „בונטאָוושטשיקעס". אָבער א קהל, א גאַנצער צבור האָט אַזוינע זאַכען קיינמאָל ניט געטהאָן.

ווערען מוסרים! אָה, ניין! דאָס איז געגען דעם אידישען געוויסען, געגען די אידישע זיטען.

מיט איניגע יאָהר צוריק איז אויף אין די אידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק דערצעהלט געוואָרען דער פאַקט, וואָס האָט פּאַסירט אין א שטעדטעל פון קאָוונער גובערניע:

אַן אַלטער איד האָט אָנגעטהאָן דעם טלית און תפילין און זיך אַריינגעוואָרפען אין ברונעם פון שברת הלב, וואָס זיין זוהן, ביי וועמען עס איז געווען א סטרייק, האָט גע'מסר'ט די סטרייקערס און זיי איבער־געגעבען צו דער פּאָליציי אין די הענד.

זעלבסטמאָרד איז א גרויסער פערברעכען ביי א פרומען אידען. המאביד עצמו לדעת אין לו חלק עולם הבא — איינער וואָס מאַכט אַליין אַן ענד פון זיין לעבען פערלירט זיין חלק עולם הבא. א זעלבסטמער־דער האָט געוועהנליך א קבורת חמור, אָבער דאָך איז דעם אַלטען פרו־מען אידען לייכטער געווען צו זיין א מאַביד עצמו לדעת איידער צו זע־הען ווי זיין זוהן איז א מסור.

דיזער פאַקט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די בעציהונגען, וואָס האָ־בען געהערשט ביי אונזערע פאָטערס בנוגע א מסור.

אז אידען האבען בטבע פיינט מסירות, אז זייער גאנצעס וועזען שפירט אז עקעל קעגען שפיאנען און דאנאסשטשיקעס האבען שוין בע־מערקט אפילו אונזערע שכנים די גוים, מיט וועלכע מיר לעבען.

„זשיד זשידא ניע ווידאסט" — א איד וועט א צווייטען אידען קיינמאל ניט ארויסגעבען — איז א געוועהנליכער ווערטעל ביי די גוים.

די אנטיסעמיטען נוצען דאס געוועהנליך אויס געגען אונז, צו ווייזען אז אידען זיינען אייגע די אנדערע מעהר געטריי ווי צו דער רעגי־רונג.

מיר אבער מעגען זיין שטארק שטאלץ, וואס אונזערע שונאים מוזען צוגעבען, אז אונז פעהלען מוסרים און עהנליכע ברודיגע בעשעפענישען.

אויב אין דער לעצטער צייט פון דער פינסטערער רוסישער רעאקציע זיינען צו אונזער גרויסער שאנדע א היבשע ביסעל אידען ענטדעקט גע־ווארען אלס שפיאנען, טא איז דאס געווים ניט צו פערדאנקען זייער אי־דישער ערציהונג, נאר, פערקעהרט, זייער נ י ט אידישער ערצי־הונג.

די אזעוו'ס, די קאפלינסקי'ס זיינען ניט אידישע נאטורען. די סביבות, וואו זייער כאראקטערהאט זיך ענטוויקעלט זיינען ניט געווען אידישע.

אידישקייט מיט מסירות זיינען צוויי ענטגעגענגעזעצטע עלעמענ־טען. דאס זיינען צוויי קאנטראסטען, וואס האבען קיינמאל ניט געלעבט צוזאמען. א מסור אין א אידישער געמיינדע איז אימער בעטראכט גע־ווארען ווי א שטינקענדיגער אייטער באיל, וואס מען מוז אויסשניידען.

אין אונזערע קינדערשע חדר יאהרען האט מען שוין אין אונז איינגע־פלאנצט האס און עקעל געגען די דאנאסשטשקעס. קיין מאמע האט ניט אבגעגעבען איהר קינד אין איין חדר מיט בערע איצעלע'ס בענאק, ווייל זיין טאטע דער שכור — אזוי האבען אונזערע מאמעס געזאגט — האט א צו לאנגען צונג...

און ביי וויפיעל קינדער פלעגט דער אלף מחילות, איך בעט אייך אי־בער, בעזוכט ווערען פון מאמע'ס קאנטשיק דערפאר, ווייל זיי געהען אין די דרכים פון בערקע'ס יאלאפ?

האָט עס געטראָפּען, אַז מיר זעקס־זיבען־יעהריגע פּופּטשיקעס האָ־בען זיך פערזינדיגט אין חדר, — צי ווייל מיר האָבען זיך נאָכגעיאָגט נאָך דאָנע דעם לעהרער׳ס ציג, כדי איהר צו האַלטען פאַר די הערנער, צי ווייל מיר האָבען געריסען האָר פון׳ם עק פון מענדע דעם בעל־עגלה׳ס ווייסער שקאַפּע, וואָס האָט אונז לייכט געקענט אויסבריקען די צייהנד־לעך, צי ווייל מיר פלעגען זיך — אנשטאַט צו חזר׳ן — נאָכיאָגען נאָך יאָשע שלמקה׳ס שעהנע, אונשולדיגע טויבען מיט די גאָלד־פּאָוויגע קעפּלעך און ווייכע טשובקעס, וואָס מיר האָבען געליעבט ווי דאָס לעבען— פלעגט דעמאָלט אונזער רבי, יאנקעל כאטשע, דער דרדקי מלמד — ער מעג האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, ער איז געווען אַ טייערער איד — אונז ציהען פאַר די אויערען איטליכען בעזונדער.

עס איז ניט געווען מקנא צו זיין דעם אינגעל, וועלכער האָט פון זיך אראָבגעוואָרפען די שולד און אָנגעוויזען אויף אַ צווייטען, וועלכער האָט איהם פערפיהרט.

— און דו, האָט דאַן דער רבי געטופּעט מיט די פּיס פון כעס, און דו ביזט גאָר אַ צדיק תמים, האַ! אַ נעבעכעל, גאָט די נשמה שולדיג, דו ווייסט נעבעך פון קיין זאַך ניט? אלץ י ע נ ע ר איז שולדיג און ד ו ביזט אַ כשרה קעלבעלע, האַ! לייג זיך... תכשיט מיינער...

עס האָט דערביי שוין ניט געהאָלפען קיין געביט און קיין געבעט. דער חברה־מאַן, וואָס האָט געוואָרפען די שולד אויף אַן אַנדערען, האָט נעבעך געמוזט אליין אָבשפּיעלען די מאַיטקעס און זיך לייגען... מיר אַלע, וועל־כע האָבען זיך געהאַלטען איינע אָן די אַנדערע פעסט און ניט ארויסגע־געבען קיין אָנפיהרער, האָבען דאַן דערלעבט אַ שטאַרקע נקמה אויף מאָ־טעלע שמעון׳ס דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט אויפגעפיהרט מעשה חבר.

אויסער דער שטראָף, וואָס מאָטעלע האָט געקראָגען פון רבי׳ן, פלעגט ער דערנאָך ניט ווייניג האָבען אויסצושטעהן פון אונז גופא. מיר פלעגען אַלע זיין ברוגז מיט איהם און זיך ניט שפּיעלען. מיט אַ „מסור„ האָבען מיר קיין מגע ומשא ניט געוואָלט האָבען.

אז אן אנדער איננעל האט שוין ביי א צווייטען „פערברעכען" ניט נעוואָרפען די שולד אויף אן אנדערען — פערשטעהט זיך פון זעלבסט.

---

אונזערע מאַמעס האָבען ניט געוואָלט ליידען מיר זאָלען אָבטראָנען צו די שכן׳טעס וואָס מיר האָבען געהערט און געזעהען; אונזערע טאַטעס האָבען אונז בעשטראָפט, ווען מיר, קינדער, האָבען גע׳מסר׳ט איינע אויף די אַנדערע; דער רבי איז געווען שטארק בייז, וואָס מען וויל זיך ריין מאַכען און ארויפוואַרפען די שולד אויף א חבר — און ביי אונז אַלעמען איז געווען א מרה קיין מאָל ניט אויסצוזאָגען פון חדר...

# ליטווישע אידען.

# א מעשה וועגען רבי ישראל סאלאנטער

אויב מען וויל זיך בעקאנען מיט די זיטען און מנהגים פון א געוויסער שטאָדט, דארף מען קודם כל אויסהערען די לעגענדען און די מעשות, וואָס ווערען דערצעהלט פון די גרויסע מענשען, מיט וועלכע די שטאָדט שטאָלצירט.

אין די מעשות, וואָס געהען איבער פון מויל צו מויל, שפּיגלען זיך אָב די כאראקטערען, די אידעאלען און די זיטען פון פאָלק.

די מעשות ווערען דערצעהלט מיט דעם צוועק צו אידעאליזירען א געוויסע פּערזאָן, איהר ארויסצושטעלען אין די בעסטע פארבען, כדי אנדערע זאָלען אראָבנעמען א ביישפּיעל און נאָכטהאָן דעם העלד, וועגען וועלכען די פאָלקס־מעשות ווערען דערצעהלט.

יעדע שטעדטעל האָט זיך איהר ליעבלינג, איהרע גרויסע מענשען, איבער וועלכע עס ווערען דערצעהלט פערשידענעמעשות, וואָס ווייזען זייער גרויסקייט.

אויב די מעשות זיינען אמת אָדער ניט, אויב זיי שטיצען זיך אויף פאקטען אָדער זיינען א רעזולטאַט פון א רייכער פאנטאזיע — איז אן אנדער פראגע. דאָס איז אויך פאר אונז ניט וויכטיג. די הויפּט זאך איז, וואָס די נשמה פון פאָלק, זיין גלויבען, זיין אבערגלויבען און זיינע מדות זעהען זיך אָט אין די מעשות גאנץ בולט ארויס. פון די מעשות קען מען זעהן וואָס דאָס פאָלק האָט ליעב און וואָס פיינט, צו וואָס עס בעציהט זיך מיט אכטונג און צו וואָס מיט פעראכטונג.

איינער פון די גרעסטע מענשען אין אונזער שטעדטעל, פון וועמען

מען האָט דערצעהלט מעשות, איז געווען דער בעוואוסטער רבי ישראל סאַלאַנטער.

רבי ישראל סאַלאַנטער איז ביי אונז אין שטעדטעל געבוירען גע־וואָרען. דאָ האָט ער פערבראַכט זיינע בחור־יאָהרען, דאָ האָט ער חתונה געהאַט און געווען אַן איידעם אויף קעסט.

שפּעטער ווען ער איז שוין געוואָרען בעריהמט אלס א גדול בישראל, ווען ער האָט שוין געהאַט זיין בעוואוסטע ישיבה און אפילו ווען ער האָט שוין ארויסגעגעבען זיין בעוואוסטען רעליגיעז־אידיש־פילאָזאָפישען זשורנאַל „התבונה“, פלעגט ער אויך קומען גאַנץ אָפט צו אונז אין זאַגער, וואו זיינע עלטערען, ברידער און די גאַנצע פאַמיליע האָבען געלעבט.

פערעכענט אלס א רשכבה"ג*) האָט די שטעדטעל זיך שטאַרק מיחס געווען מיט איהם, זי האָט איהם ליעב געהאַט און פלעגט אַרום זיין נאָמען פלעכטען א קרוין מיט הייליע מעשים־טובים. אונזער שטעדטעל איז געווען שטאַרק אייפערזיכטיג אויף דער שטעדטעל סאַלאַנט, וואָס האָט זוכה געווען, אז דער גרויסער גאון זאָל זיך רופען מיט איהר נאָמען. די עלטערע שטאָדט־לייט פלעגען איהם קיין מאָל ניט רופען רבי ישראל סאַ־לאַנטער, נאָר רבי ישראל'קע רבי וועלוועלס. מיט דעם נאָמען האָבען די פּאַטריאָטען פון אונזער שטעדטעל געוואָלט ווייזען, אז זיי זיינען גרעסערע מחותנים מיט רבי ישראל'ן, ווי סאַלאַנט. זיי ווייסען אויך ווער זיין פּאָטער איז געווען, און ניט נאָר ער, אפילו זיין פּאָטער איז אויך געווען אונזערער א בן עיר.

אָט איז א מעשה, וואָס עס געהט ביי אונז אין שטעדטעל אַרום וועגען רבי ישראל סאַלאַנטער.

דאָס האָט פּאַסירט — אַזוי ווערט דערצעהלט — אין יאָהר תק"צ... דריי יאָהר נאָך דער כאָליערע, ניט היינט געדאַכט, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט... — אין איינע פון די נסיעות, ווען רבי ישראלינ'קע איז געקו־

---

*) דאָס איז פערקירצט, אָ ראשי תיבות און מאַכט: רבן של כל בני הגולה, דער רבי פון אַלע גלות־קינדער — אַזאַ טיטול פלעגט געגעבען ווערען נאָר די גאַנץ גרויסע גאונים, וועלכע זיינען געווען בעריהמט בכל תפוצות ישראל.

מען אבגעבען כבוד אם. דער פאטער רבי וועלוועלע, איז שוין געווען א שוכן עפר און זיין נשמה הקדושה — עס איז שוין געווען נאכ׳ן יאהר — האט צוזאמען מיט אלע אנדערע נשמות פון די צדיקים גערוהט לעבען כסא הכבוד.

געקומען אין שטעדטעל איז דער מאור הגולה אלול־צייט מיט דער דעה צו זיין אויפ׳ן רייגעם ארט אויף קבר־אבות.

די רביצין, די אלטע „צדקניות, זכרונה לברכה, האט פערלאנגט אז רבי ישראלינ׳קע זאל בלייבען מיט איהר איבער ראש־השנה און יום כפור.

ע ר האט כידוע קיין מאל ניט ווידערגעשפענסטיגט זיין מוטערס רצון און איז געבליבען אויף די עשרת ימי תשובה.

דער רב פון שטאדט, רבי צמח׳ל נרו יאיר, איז אלס מרא דאתרא געגאנגען אין שליחות צו רבי ישראלינ׳קען און איהם געבעטען האלטען א דרוש אין גרויסען בית המדרש צו כל נדרי.

דער גאון האט ערפילט די בקשה פון רב און האט מבטיח געווען צו געבען א דרשה.

עס איז איבעריג צו ריידען, אז דער בית המדרש איז צו דעם כל נדרי געווען איבערגעפאקט, מלא אין אלע ווינקעלאך. מען איז געשטאנען א קאפ אויף א קאפ כדי צו הערען דעם גאונ׳ס דרוש.

רבי ישראלינ׳קע איז ניט נאר געווען א גרויסער גאון, א מורא׳די־גער בקי און חריף, נאר אויך א גוואלדיגער בעל־דרשן. ער האט געהאט א פה מפיק מרגליות, ווי פערל פלעגען זיך די ווערטער שיטען פון זיין מויל. ער איז געווען א לוקח לבבות, ער פלעגט בפועל ממש פאנגען הער־צער מיט זיינע רייד. זיינע דרשות האבען געהאט א טעם גן־עדן. ווען ער פלעגט ריידען, פלעגט ווערען אזוי מחייה׳דיג, אזוי לייכט אויפ׳ן האר־צען, און די נשמה פלעגט אזוי דערהויבען ווערען, דאס מען האט פער־געסען אלע מגושם׳דיגע דאגות פון טאג און אן אויסגעלויטערטער איז מען צוזאמען מיט איהם אריין אין אנאנדער וועלט, אין א וועלט פון הוי־לע רוחניות.

פאר שקיעת החמה, פאר זונען־אונטערגאנג, איז שוין דער גרויסער עולם געשטאנען אנגעטהאן אין די ווייסע קיטלען און מיט די טליתים

איבער'ן קאָפּ און געוואָרט מיט גרויס אונגעדולד אויפ'ן גאון.

דער גאון האָט זיך אָבער פערשפּעטיגט... די זון האַלט שוין ביים אונטערגעהן. איהרע לעצטע שטראַהלען, וואָס קומען פון מעריב־זייט מישען זיך דורך מיט דעם צאַנקענדיגען דונקעלען פלאַם פון די וואַקסענע ליכט, עס קומט דער בין־השמשות און ע ר איז נאָך ניטאָ.

דער עולם ווערט אומרוהיג, אָבער מען שווייגט. מען האָט מורא ארויסצורעדען די איבערקלעהרענישען וואָס פרעסען אויפ'ן הארצען. אין אַזאַ צייט? ווער ווייס וואָס פאַר אַ שפּיצעל דער שטן קען אָבטהאָן.

די נאַכט־שאָטענס פאַנגען זיך שוין אָן צו בעווייזען, עס איז שוין אַ צייט נאָך תפלה זכה און ע ר איז נאָך ניטאָ.

דער רב האָט דאָן ארונטערגענומען דעם טלית פון קאָפּ, אַנגעטהאָן דאָס שטריימעל און איז בכבודו ובעצמו אוועק זעהן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט רבי ישראלינ'קען.

ביי דער מוטער אין דער היים איז דער רב געוואָר געוואָרען, אַז דער גאון האָט שוין לאַנג גענומען די ברכה פון דער צדקניות און האָט פערלאָזען די הויז צו געהן אין בית־המדרש.

אַ פּחד איז בעפאַלען דעם רב. ער האָט אָבער קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט און האָט געאיילט צוריק אין בית־המדרש, אפשר וועט ער איצט דעם גאון דאָרט געפינען.

אין בית־המדרש איז זיין שרעק נאָך גרעסער געוואָרען. דער גאון איז דאָרטען ניט געוועזן און ביי די מתפללים האָבען די צייהן געקלאַפּט פון אימה.

אָט, אָט געהט אוועק דער לעצטער רויטער שטראַהל און עס וועט זיין עובר זמן צו זאָגען כל נדרי, אָבער פון גאון, אין קול ואין עונה.

כל נדרי, וואָלט מען שוין ווי עס איז אָבגעזאָגט אָהן איהם, האָט ער שוין אָבער פון פריהער אָנגענומען דעם כבוד צו שטעהן ביי דער רעכטער האַנט פון חזן לעבען עמוד מיט דער ספר־תורה און זאָגען פאַר כל נדרי על דעת הקהל...

ווי אַזוי קען מען דאָס אָבנעהמען דעם כבוד פון א י ה ם און נע־בען אַן אַנדערען?

אין אלע שוהלען און קלויזען האלט מען אין מיטען מעריב, מען האט שוין אבגעזאגט בקול רם: ברוך שם כבוד מלכתו... אבער אין בית־המדרש איז נאך פאר כל־נדרי. דער גאון איז נאך ניטא און אהן איהם וויל קיינער ניט עפענען דעם ארון־קודש און ארויסנעהמען די ספר־תורה.

נאך א לאנגען שטילשווייגען האט דער רב זיך געווענדעט מיט זיין פנים, וואס איז געווען בלאס ווי ביי א בר־מינן, צו מעריב זייט און האט מיט א ציטריגער שטים געזאגט: רבותי! דער גאון איז ניטא, ווייס השם יתברך, וואס מיט איהם האט חס וחלילה פאסירט. מעגליך אז ער איז דא געווארען א קרבן פאר אונזערע זינד, ובקדושי אקדש... מיר מוזען מפסיק זיין און געהן זוכען דעם גאון...

דער עולם האט זיך צוטיילט אין מנינים־ווייז און האט זיך אוועקגעלאזט אין אלע גאסען און געהעפטען זעהן אפשר האט וואו עס איז מיט'ן גאון, חלילה, געטראפען — דאס טאר מען פון מויל ניט ניט ארויסריידען — א סיבה.

שוין צעהן א זייגער ביינאכט. די שלוחים זיינען געקומען צו־ריק, אבער פון גאון קיין שום ידיעה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אמאל האט זיך האסטיג געעפענט די טהיר פון בית המדרש און איינער פון די לעצטע פאר שלוחים, וואס זיינען געגאנגען זוכען דעם גאון, איז מיט גרויס אימפעט אריינגעלאפען און האט אויסגעשריען מיט גרויס פרייד: דער גאון געהט.

דער גאנצער עולם האט ארומגערינגעלט דעם אנזאגער און מיט טשיקאווע געזיכטער געווארט, ער זאל דערצעהלען וואו זיי האבען גע־פונען דעם גאון און װ א ס עס האט מיט איהם פאסירט.

דער מבשר האט ניט געלאזט לאנג ווארטען און האט אנגעהויבען:

— מיר האבען דעם גאון געפונען אויף דעם גוי'ס גארטען, ער האט דארטען געהאלטען דער אלמנה'ס קוה פאר די הערנער און איהר גע־שלעפט פון דעם נכרי'ס פלאץ.

און איידער דער עולם האָט נאָך פּאַספּעיעט זיך ארויפצואווארפען מיט שאלות און קשיות, האָט ער פאָרטגעזעצט:

דער גאון האָט געזאָגט, אז דאָס פערהיטען אן אַרעמאַן פון א היזק איז מעהר מצוה ווי צו זאָגען כל נדרי. „שטעלט אייך פאָר — האָט דער אַנזאָגער איבערגעגעבען רבי ישראלינ׳קעם ווערטער — שטעלט זיך פאָר, וואָס עס וואָלט פּאַסירט, ווען איך וואָלט זיך ניט געמאכט וויסענדיג פון דער גאנצער געשיכטע און די בהמה וואָלט געבליבען אין גוי׳ס גאָר־טען. דער ערל וואָלט איהר געוויס שפּעטער פערנומען און איינגעשפּארט. די אַרעמע אלמנה נעבעך וואָלט דאן ניט געהאט די מילך פאר איהרע קונדען און איהרע עופה׳לעך וואָלטען געהונגערט. ווי מיינט איהר? וואָלט דאָס ניחא געווען דעם רחום וחנון?

פאר דאָס ניט זאָגען כל נדרי אין דער צייט וועט מיר גאָט מוחל זיין, ער וועט אָבער ניט מוחל זיין א מענשען, וואָס האָט געקענט און ניט פערהיט אן אַרעמע אלמנה און עלענדע יתומים פון הונגער און נויט.

אין אָנפאנג שטארק צוטומעלט, איז דער עולם ביסלעכווייז געקו־מען צו זיך פון דעם איבערגעלעבטען שרעק און דעמאָלט האָט מען אָנ־געפאנגען צו פערשטעהן און צו שאצען רבי ישראלינ׳קעם גרויסקייט.

# דער קעלמער מגיד

איבער די מגידים האָט מען זיך שטענדיג לוסטיג געמאכט. זיי זיי־נען תמיד געווען דער ציעל־ברעט, אין וועלכען די „אויפגעקלעהרטע" פלעגען ווארפען זייערע לצנות ווערטלעך.

אין דער השכלה צייט, אין דעם „שטורם און דראנג פעריאָד" האָ־בען די משכילים בעטראכט די מגידים פאר גרויסע אייטערביילען, וואָס דארפען אויסגעשניטען ווערען פון אידישען קערפער.

בלעטערט דורך די ווערק פון יהודה ליב גאָרדאָן, פון פרץ סמאָלענס־קין און פון אונזער זיידען רבי מענדעלי מוכר ספרים, און איהר וועט זעהען, מיט וואָס פאר א פאנאַטיזם זיי האָבען זיך גענומען פערטיליגען די פערשידענע בעלי דרשה׳ר און מגידים.

מלמדים און מגידים זיינען געווען זידעל־ווערטער, מיט וועלכע מען האָט בעטיטעלט די בטלנים, די לא יוצלח׳ס, די שלים׳מזל׳ניקעס און איבערהויפט אלע די, וועלכע האָבען פערקערפערט אין זיך דאָס אלטע, די שטויב, די פערפוילטקייט פון דער אידישער גאָס.

אזא בעציהונג צו די מגידים מצד די פאקעל־טרעגער אין דער השכלה צייט איז געווים ניט קיין גערעכטע.

אלס א רעאקציע קעגען דעם פאנאַטיזם, וואָס ס׳האָט געהערשט אין דער געטאָ, אלס א פראָטעסט קעגען די פלפולים און פשט׳לעך, מיט וועל־כע די בעסטע קעפ זיינען געווען פערנומען, איז אזא בעציהונג ער־קלעהרליך. דער היסטאָרישער אמת פאָדערט אבער א גאנץ אנדערע בע־ציהונג צו די מגידים פון דער פריהערדיגער צייט.

די מגידים בכלל זיינען ניט געווען שנאָרערס, פּאַראַזיטען און סתם מקבלים, ווי זיי ווערען געשילדערט אין די ביכער פון דער אויפקלעהרונגס־צייט. זיי זיינען געווען אגיטאַטאָרס, פּראָפּעסיאָנעלע רעדנער, וועמען דער אינערליכער אינסטינקט האָט געטריבען צו געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, פון קלויז צו קלויז און ריידען און זאָגען און דערצעהלען פאַר׳ן עולם אזוינע זאכען, וואָס זיינען פאר איהם, פאר דעם עולם, נויטיג.

עס איז אמת, אז ס׳זיינען צווישען די מגידים געווען מאוס׳ע ברואים, חנפים, בעטלער לויט זייער טבע און ערציהונג, אָבער וואו וועט איהר ניט געפינען קיין פסולת? וואָס פאר אן אינסטיטוציאָן איז דאָס ריין פון דער בלאָטע, וואָס רופט ארוים אן עקעל?

אין אלגעמיין האָבען די מגידים מיט זיך פאָרגעשטעלט זעהר שעה־נע, פעהיגע, טיילמאָל טאַלאַנטפולע מענשען, וועלכע זיינען געווען בע־גייסטערט פאר אגעווי סע אידעע און איהר געפּרעדיגט מיט זייער רע־דענס־קראַפט.

אונזערע אגיטאַטאָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער צייט, ווי די אלע אנדערע רעדנער אין די בעוועגונגען, זיינען אין אמת׳ן דיזעלביגע מגידים, דיזעלביגע בעלי דרשה׳ר, פון וועמען מען האָט זיך ערלויבט אזוי פיעל חוזק צו מאכען.

די צייטען זיינען, פערשטעהט זיך, אנדערע, די אידעען זיינען אנ־דערע, אָבער די רעדנער, די אגיטאַטאָרען אלס די פערשפּרייטער פון די אידעען זיינען אין עצם די אלטע מגידים, אפשר ווייניגער נאַאיוו, מיט ווייניגער תמימות.

א מנין אָהן א מגיד האָט געהאט אזא פּנים ווי אן אָרגאַניזאציאָן אָהן א רעדנער. איבערהויפּט זיינען די מגידים געווען שטארק בעשעפטיגט אין די אלול־טעג, ווען יעדער איד און יעדע אידענע האָבען עפּעס גע־וואָלט הערען אביסעל מוסר, וואָס זאָל דערהויבען די נשמה. אין די אלול־טעג האָט יעדערער זיך אָבגעריסען, ווי בעשעפטיגט ער איז גע־ווען, פון זיין טאָג־טעגליכער ארבייט און געלאָפען אין קלויז אָדער אין מנין הערען דעם מגיד.

דער מגיד האט געזאגט זאכען, וואס יעדערער האט געפיהלט, אבער האט ניט געקענט ארויסרעדען. ער האט שעהן דערצעהלט מעשיות פון צדיקים און גאונים, אז עס איז געווען א חיות צו הערען. דער עיקר אין א מגיד'ס דרשה זיינען אבער געווען די משלים. די משלים, ווען זיי זיינען דערצעהלט געווארען אין א שעהנער, קלארער, נגון'דיגער שפראך, מיט וועלכער די מגידים האבען זיך מייסטענס אויסגעצייכענט, פלעגען מאכען דעם טיעפסטען איינדרוק אויף די צוהערער. די משלים זיינען געווען די בעסטע פארם ווי אזוי צו ערקלערען, צו פאפולאריזירען א געוויסען ענין. איבערהויפט האט געקוואלען פון די משלים דער ווייבער־שער עולם, וועלכער פלעגט זיצען אויבען אין עזרת נשים און שלינגען יעדעס ווארט פון א משל, וואס דער מגיד פלעגט מיט אזא שעהנעם נגון דערצעהלען.

איז דער מגיד געווען מיט טאלענט, פלעגען זיינע משלים זיך ארומטראגען איבער'ן שטעדטעל אפילו נאך דעם, ווי ער האט די שטעדטעל פערלאזען.

די משלים פון גאנץ גרויסע טאלענטען, ווי א שטייגער פון דובנא'ר מגיד, פלעגען דערצעהלט און איבערדערצעהלט ווערען אין אלע שטעדט און שטעדטלעך, וואו אידען האבען זיך נאר געפונען.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלען בעהויפטען, אז דער דובנא'ר מגיד איז געווען דער פאפולערסטער און דער בעליעבטסטער מענש אין דער געטא אין פערלויף פון צעהנדליגע און צעהנדליגע יאה־רען. דער איד האט ליעב פארשטעלונגען, אילוזיאנען, בילדער, און די משלים האבען אמבעסטען בעפרידיגט זיין בעגעהר און זיין פאנטאזיע.

---

אין דער ליטא איז אין צווייטען העלפט פון פאריגען יאהרהונדערט געווען זעהר בעריהמט דער קעלמער מגיד, פון וועמען יהודא ליב גאר־דאן האט אין זיינע שריפטען אזוי פיעל חוזק געמאכט.

דער קעלמער מגיד איז אהן צווייפעל געווען איינער פון די טאלאנט־פולסטע מענשען, וועלכע די אידישע געטא אין ליטא האט אין ניינצעהנ־טען יאהרהונדערט ארויסגעגעבען.

זיין מערקווירדיג בעגייסטערט פנים איז נאָך איצט אויסגעקריצט אין מיין זכרון: אויגען האָט ער געהאַט גרויסע, שוואַרצע און זיי האָבען געברענט מיט דעם הייליגען נביא'שען פייער; די באַקען איינגעפאַלען, דער שטערן א הויכער און פול מיט קנייטשען; די אויבערשטע העלפט פון זיין קאָפּ איז געווען ניט אינ'ם ערך גרעסער און ברייטער ווי די אונטערשטע און די צוויי ניט שטאַרק לאַנגע און ניט געקרייזעלטע פאות, וואָס זיינען ארויסגעקראָכען פון אונטער דער אַלטמאָדישער יאַרמולקע, זיינען געהאַנגען אין דער לופט; צווישען זיי און צווישען די איינגעפאַלענע באַקען איז געווען א ליידיגער אָרט; א גרויסער תכלת'ענער טלית קטן האָט צוגעדעקט זיין שמאָלע, מאָגערע ברוסט, וואו עס האָט געקלאַפּט א ווארעם הארץ, פול מיט רחמנות און מיטלייד צום פאָלק ישראל און צו יעדען איד בפרט.

דער קעלמער מגיד איז געווען א הויכע מאָראַלישע פערזענליכקייט. אין די דינים פון בין אדם לחבירו איז ער געווען א גרעסערער מקפּיד ווי אין די דינים פון בין אָדם למקום. אין פערלויף פון גאַנצע צוויי דורות איז ער יעדעם יאָהר דורכגעפאָהרען אלע שטעדט און שטעדטלעך פון ליטא. אין דער קערה פלעגט זיך צונויפקלייבען א סך געלט פאַר איהם, אָבער אליין איז ער שטענדיג געווען אן אביון. אלץ וואָס ער האָט געמאַכט, פלעגט ער אויסטיילען אויף ישיבות און אונטערשטיצען אָרעמע יתומים. זיינע מגידות איז ניט געווען פאַר איהם א מיטעל צו מאַכען געלט, נאָר זי האָט געדיענט אלס מיטעל ווי אזוי צו פערשפּרייטען די מאַמרי חז"ל און די הייליגע תורה. אין די אָרעמע שטעדטלעך פלעגט ער פאַר קיין פאַל ניט נעהמען געלט פאַר'ן „זאָגען". קומען אָבער פלעגט ער דאָרטען אזוי ווי אין די רייכע שטעדט.

דער קעלמער מגיד פלעגט שטראָפען און מוסר'ן דעם זינדיגען עולם. ער האָט ניט געקענט פערטראָגען עבירות און האָט געהאַט גרויס רחמנות אויפ'ן בעל עבירה'ניק. זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט איז געווען אן אויסערגעוועהנליכע און דאָס בילד פון גהינום מיט אלע גליהענדע קאַלכאויווענס און מיט די פייערדיגע אייזערנע ריטער איז איהם שטענדיג גע־

שטאַנען פאר די אויגען. ער האָט גענלויבט, טיעף געגלויבט, אז א מחלל שבת'ניק וועט מען ברענען און בראָטען און איהם ארומשיקען כף־הקלע פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטען און האָט רחמנות געהאט אויף איהם.

בעשאַנקען פון דער נאַטור מיט א שטארקען רעדנער טאַלאנט, מיט א פייערדיגען טעמפעראמענט און מיט א קינסטלערישער שילדערונג־קראַפט, פלעגט ער בעשרייבען די שבע מדורי גהינום מיט די בולט'סטע שטריכען. די ווייבער פלעגען בוכשטעבליך צוגעהן פון געוויין, ווען דער קעלמער מגיד פלעגט מוסר'ן דעם עולם. זיי פלעגען חלש'ן פון שרעק, ווען זיי האָבען געהערט זיינע שילדערונגען פון גהינום. אפילו די שטאַרקע הערצער, וועלכע האָבען געלאַכט פון די בעל בכיה'ס, פלעגען ווערען דורכגענומען מיט א מאָדנער מורא. זיי האָבען געציטערט ווי א בלאַט אויפ'ן ווינד, ווען זיי האָבען געהערט דעם קעלמער'ס שטראָף רייד. ווער ווייס ? מעגליך, אז ווען דער קעלמער מגיד וואָלט געלעבט אין אן אנדער סביבה און וואָלט זיינע שילדערונגען איבערגעגעבען אויפ'ן פאַפּיער, וואָלטען מיר אפשר געהאט א צווייטע דאַנטע'ס „אינפערנאָ".

דער כסא הכבוד, וואָס ווערט בעוואַכט פון די מלאכים און בעלויכ־טען פון דער שכינה, איז פאר דעם קעלמער מגיד געווען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע, וואָס עס איז פאַראַן אין אלע דריי הונדערט און צעהן וועלטען. זיצען לעבען כסא הכבוד, וואו די שכינה רוהט, זיין אין איין חברה מיט מלאך מיכאל און מלאך גבריאל, הערען ווי די מלאכים זינגען שירה, ווי משה רבינו לערנט תורה, ווי אהרן הכהן זאָגט די ברכה, ווי דוד המלך שפּיעלט אויפ'ן פידעל — איז פאר דעם קעלמער מגיד געווען די העכסטע מדרגה פון גליק. וואָס פאר א בעדייטונג האָבען די קייזערליכע טראָנען קעגען איין שטאַפּעל פון דעם כסא הכבוד ? וואָס פאר א ווערדע האָבען די גאָלדענע קרוינען פון די ערדישע הערשער קעגען דעם כתר של תורה ? און ווי קליין זיינען די קעניגען אליין קעגען דעם מלך מלכי המלכים ?

דער קעלמער מגיד האָט ליעב געהאט די אידען מיט זיין גאַנצער ברייט און ווייך הארץ. ער האָט זיי געוואונשען גליק און האָט גע־

וואָלט, אז זיי זאָלען זוכה זיין צו שטעהען לעבען כסא הכבוד. ער האָט אָבער געוואוסט, אז א פּראָצענטניק, א מקפּח שכר שכיר און א מחלל שבת'ניק קענען צום כסא הכבוד פאַר קיין פאַל ניט צוקומען און ער האָט רחמנות געהאט אויף זיי. ער האָט זיי געשטראָפט, געזידעלט, פאַר וואָס זיי האָבען אזעלכע שוואכע הערצער און לאָזען זיך גובר זיין פון יצר הרע, פאַרוואָס זיי פערשפּיעלען איבער א שטיקעל עולם הזה אלע ש"י עולמות. ער האָט באמת דאָס ניט געקענט פערשטעהן און פלעגט מיט זיין גאנצען טעמפּעראמענט זיך ארויפוואַרפען אויף די זינדיגע. זיין גאנצען גליהענדען צאָרן פלעגט ער אויף זיי אויסגיסען.

מעהר פון אלע פלעגען פון קעלמער מגיד אויסגעריסען ווערען די רייכע בעל עבירה'ניקעס. צו די רייכע האָט ער איבערהויפּט געפיהלט אַן אינסטינקטיווע שנאה. און ווען ער האָט נאָך געהערט, אז אָט די רייכע האָבען שטיינערנע הערצער און אייגגעהאלטענע הענט, פלעגט ער זיך אויף זיי ארויפוואַרפען אין זיינע דרשות מיט אזעלכע ווערטער, אז זיי איז געוואָרען פינסטער און ביטער. זיי פלעגען שפּעטער די אויגען ניט קענען ווייזען.

די רייכע האָבען טאקע דעריבער שטאַרק ניט ליעב געהאט דעם קעלמער מגיד און אין יעדער שטעדטעל קען מען געפינען אלטע לייט, וועלכע געדענקען, ווי אזוי דער אָדער יענער קארגער גביר האָט אונטער־גע'מסור'ט אויף דעם קעלמער מגיד פאַר זיינע הייסע שטראָף־רייד און ווי אזוי דער קעלמער מגיד פלעגט בדרך נס נצול ווערען פון גוי'שקע הענט...

# דער ליטווישער למדן

דער אידישער למדן פון דער ליטווישער שטעדטעל איז ניט געווען קיין פאנאטיקער. אויף די דינים פון שולחן ערוך, וועלכע לערנען ווי צו דאווענען, ווי מען דארף אבגיסען נעגעל־וואסער, ווי מען זאל זיך טובל זיין א. א. וו., איז דער ליטווישער למדן ניט געווען קיין מקפיד. ער איז איבערהויפט ניט געווען קיין גרויסער „אדוק“ אין די מפרשים, וועלכע פערברייטען זיך ווי מען זאל דיענען גאט.

פון די חסידים האבען די ליטווישע לומדים חוזק געמאכט אויף יעדען טריט און שריט. דער גרונד־געדאנק פון חסידות, אז מען דארף דיענען גאט ברננה, מיט געזאנג, מיט פרייד, איז דעם ליטווישען למדן אויסגעקומען לעכערליך. די אלע רקודים מיט די דביקות און העויות האט ער געהאלטען פאר משוגעת'ן, פאר א מין געטצענדיענסט, וואס פערדיענט ניט קיין אנדער זאך ווי לצנות.

— לשמחה זו מה זה עושה? וואס פאסען זיך אין מיטען דעריגען די טענץ, די משוגעת'ן מיט די הענד און די אויגען גלאצענים? — האט זיך דער ליטווישער למדן געפרעגט, — וואס איז גאט א גען, אז מען דארף פאר איהם אזוי שפרינגען?

די חסידישע רביים האבען די ליטווישע לומדים פיינט געהאט תכלית שנאה און די „גוטע אידען“ האבען זיי געהאלטען אדער פאר מטורפים אדער פאר שווינדלער, וואס נוצען אויס די אונוויסענהייט, די נארישקייט און אבערגלויבעריי פון פראסטען המון.

דער ליטווישער למדן איז בטבע געווען א ניכטערער מענש מיט א

שכל'דיגען קאָפּ און האָט איבער יעדע זאַך אפריהער גוט געקלעהרט. אויב ער זאָל עס טהאָן אָדער ניט.

פאר א מענש מיט א קאָפּ, וואס האָט א חריפות'ן מוח, האָט ער גע־האָט מעהר דרך ארץ ווי פאר א צדיק תמים, וואס געהט אלע ווייל אין מקוה און מיינט, אז ער איז א גאנצער שמעלקע ביים רבונו של עולם.

פון חושן משפּט האָט ער מעהר הנאה געהאט ווי פון יורה דעה און דעם שולחן ערוך. פון די דיני ממונות האָט ער מעהר געהאלטען ווי פון איסר והיתר. פון בעל שם טוב און דעם מהרי"ל פלעגט ער ווייניג וואָס נתפעל ווערען, דערפאר פלעגט ער לעקען די פינגער פון קצות החושן, פון אורים ותומים, פון שיטה מקובצת און פון אלע אנדערע מפרשים, וואו עס פאָדערט זיך קאָפּ, שכל און חריפות.

פאר דעם ליטווישען למדן איז ניט געווען וויכטיג צו וויסען דעם עצם דין, דעם דין אן און פאר זיך; מיט פארטיגע דינים, מיט הלכות פסוקות האָט ער זיך איבערהויפּט ווייניג וואָס געקימערט. וויכטיג איז פאר איהם געווען דער פּלפּול, די שקליא וטריא, די אלע סברות און געגען־סברות, וועלכע פיהרען צום דין.

מיר האָבען היינט א שכל'דיגע סוגיא און מען דארף צולעגען דעם קאָפּ — פלעגט מיט גרוים הנאה דער ראש ישיבה מודיע זיין פאר'ן שעור, וואו ס'האָט זיך געהאנדעלט וועגען א ברי ושמא, וועגען חזקה, וועגען ספיק ספיקא און נאָך אזעלכע טיעף שכל'דיגע ענינים.

דער ליטוואק האָט האָלד קאָפּ איבונגען, גייסטיגע גימנאסטיק, ער גלויבט ניט אויפ'ן וואָרט, ער ליעבט אויסצוגעפינען אלעס מיט זיין איי־גענעם שכל און דעריבער פלעגט ער אָבלעבען, ווען עס פלעגט קומען א הארבער ענין, וואו מען דארף דעם קאָפּ האלטען אָנגעשטרענגט א היבשע פאָר שעה נאָכאנאנד אָהן א ברעקעל הפסקה.

דאָס שארפען דעם מוח גופא, אָהן א פּועל יוצא, איז געווען פאר'ן ליטווישען למדן וויכטיג. א חריף איז געשטאנען אויף א העכערע מדרגה ווי א בקי. פון פלפולים האָט ער מעהר הנאה געהאט ווי פון אָבגע'פּסק'ענ־טע דינים. א וואוילער יונגערמאן איז ניט געווען יענער, וואס האָט גע־וואוסט, אויף וועלכען דף דער אָדער יענער מאמר געפינט זיך, נאָר דער,

וואס האט זיך געקענט אן עצה געבען אין א שווערען פערפלאנטערטען ענין, וועלכער איז געווען שארפזיניג און האט געקענט צופאסען א תירוץ אויף א הארבע קשיא.

עס איז אבער א גרויסער טעות — און אין דעם טעות זיינען אריינ־געפאלען די אנהענגער פון חסידות — צו מיינען, אז דער ליטווישער למדן איז בטבע געווען א קאלטער, טרוקענער מענש, אהן התלהבות און אהן התפעלות. דער ליטוואק קען פונקט אזוי ווערען נתפעל און פער־כאפט ווי א הייסער חסיד, אבער ער ווערט ניט נתפעל פון א „גוטען אידען", נאר פון א שעהנעם פשט'ל, פון א שכל'דיגען ענין, וואו דער קאפ דארף שטארק ארבייטען.

דער ליטווישער למדן האט זיך געהאלטען פאר א גייסטיגען ארים־טאקראט און האט יעדע זאך דורכגעזיפט מיט'ן שכל. סתם טהאן וואס אנדערע טהוען, האט ער גערעכענט פאר א פחיתת הכבוד און ער פלעגט זיך דעריבער פון א סך זאכען אבהאלטען, קוים האט ער דאס נאך ניט בענומען מיט'ן שכל.

אפילו די שיחת חולין פון די ליטווישע למדנים האט תמיד געהאט א שייכות מיט'ן שכל. דער בעסטער תענוג פאר די למדנים איז געווען צו חשבון'ען. די ליטוואקעס זיינען געווען גרויסע בעלי חשבון, מאטע־מאטיקער. די שווערסטע שאלות פון אלגעברא אדער פון געאמעטריא, פון חכמת המדידה און פון חכמת הנדסה, אויף דעם למדנ'ישען לשון, פלעגען זיי טרעפען, ניט וויסענדיג די מעטאדען, די ארט און ווייזע ווי אזוי צו מאכען די חשבונות מיט א סדר.

כמעט יעדער למדן האט געקענט אויסווייניג דעם „צפנת פענח", וואו גאנץ אלגעברא און גאנץ געאמעטריא איז געווען איבערגעגעבען אין א פאר צעהנדליג זייטען. פאר'ן ליטווישען למדן איז דאס געווען גענוג. ער איז געווען א מבין דבר מתוך דבר און האט נאר בעדארפט האבען די ערשטע ידיעות — די איבעריגע איז ער שוין אליין דערגאנגען מיט'ן אייגענעם שכל.

שעהן איז געווען צו זעהן. ווי די אידישע יונגעלייט, די מוסמכים, די צוקונפטיגע רבנים פלעגען אין די ווינטערדיגע נעכט זיך אָברוהען נאָכ'ן בלאַט גמרא, וואו עס זיינען דורכגעקנאָטען געוואָרען די דינסטע סברות און השערות, וועלכע האָבען געהאלטען דעם מוח אָנגעשטרענגט א רעכט ביסעל צייט.

ארום דעם לאנגען און שמאָלען טיש, וואו מען זאָגט דעם שעור, האָבען זיך אלע אזוי בהרחבה'דיג אויסגעזעצט. די היטלען זיינען געווען ארויפגעהויבען אויפ'ן קאָפּ אזוי, אז די הויכע שטערענס, איבער וועלכע עס זיינען געפאלען די טשובעס פערדרעהטע האָר, זיינען געווען אינ־גאנצען אָפען. די פּנים'ער האָבען געגלאנצט, אויף זיי איז געפאלען דער שיין פון די בליץ־לאָמפּען, וועלכע זיינען געשטאנען אויפ'ן טיש.

אויף דער אָפענער גמרא איז געלעגען א פּעקעל טאבאק און פּאַ־פּיראָס פּאַפּיר, יעדערער האָט אזוי מיט ישוב הדעת, אָהן איילעניש, זעהר געשיקט געדרעהט די טאבאק און פּאַפּיר ביז וואנעט עס איז ארויס־געקומען א שעהנע „באנקרוטקע“.

דער געשפּרעך איז געווען וועגען דברים חצונים, וועגען זייטיגע ענינים, וועלכע האָבען ניט צו טהאָן מיט די הארבע סוגיא'ס, איבער וועלכע מען האָט א גאנצען טאָג געבראָכען דעם קאָפּ. מען האָט ג.. שמועסט וועגען חכמת החשבון. מען האָט זיך געשטעלט איינע די אנדע־רע שאלות פון חכמת הנדסה און פון חכמת מדירה. די אויגען פלעגען אָ בליץ טהאָן ביי דעמיעניגען, וועלכער האָט געפונען א פּותר אויף א שאלה. וואָס מען האָט איהם געשטעלט.

מען פלעגט אויך שמועסען און וכוח'ען וועגען די מאמרים פון „המליץ“ און „הצפירה“, וועגען די „מאמרי חכמה“ פון חיים זעליג סלאָנימסקי, וועגען „הרכבה והפרדה“ און „המנוחה והתנועה“ פון צבי הירש ראבינאָוויץ, פון וועלכע מען האָט שטארק הנאה געהאט, אבער מעהר ווי אלץ האָט מען האָלד געהאט צו חשבון'ען, ווייל אין די שאלות פון חכמת החשבון איז געלעגען שכל, חריפות און א ליטווישער למדן האָט ליעב געהאט שכל'דיגע שיחת חולין...

אויסען בית המדרש האָבען די לומדישע יונגעלייט ליעב געהאַט צו „רוהען“ ביים שאך שפּיעל.

די קנאים, די פאַנאַטיקער פלעגען אפילו זיין זעהר אונצופריעדען דערמיט, ווייל זיי האָבען געזאָגט, אז „קוביא“ הייסט ניט נאָר קאָרטען, נאָר אפילו שאך און אז דער מאמר: המשחק בקוביא פּסול לעדות, פּאַלט אויך אויף דעם, ווער עס בטל'ט זיין צייט אין שאך־שפּיעל, אָבער די גוטע יונגעלייט האָבען זיך דערמיט ניט גערעכענט און פלעגען א חול המועד אבענד, א חנוכה אָבענד און אין דעם אבענד פון נט"ל פערברייננגען די גאַנצע צייט ביים שאך־ברעט, וואָס האָט געפּאָדערט אביסעל שכל...

# שמחות און אבילות.

# פסח.

אידען פייערן זייער פרייהייט.

גערדיקט און פערשקלאפט זיינען אמאל אונזערע עלטערן געווען. איבער פיער הונדערט יאהר האבען זיי געזיפצט און געקרעכצט אונטער'ן יאך פון פרעה מלך מצרים, וועלכער האט זיי מיט די שרעקליכסטע און גרויזאמסטע מיטלען געפייניגט, זיי זיינען דערנאך געוואָרען פריי — אזא פאסירונג איז וויכטיג דאס אידישע קינדער זאלען איהר שטעלען אן אייביגען דענקמאל און איהר פייערן יעדעס יאהר.

אויב א יום טוב איז ניט אנדערש, ווי אן אנדיינקען פון די גרויסע וויכטיגע מאמענטען, וואס א פאלק לעבט איבער אין זיין היס־טארישער ענטוויקלונג, איז פסח ד ע ר ו ו י כ ט י ג ס ט ע ר יום־טוב, ווייל דאס בעפרייען זיך פון קנעכטשאפט איז דער ג ר ע ס ט ע ר מאמענט, סיי אין לעבען פון יחיד, סיי אין לעבען פון כלל.

דעספאטיש האט געהערשט דער טיראן פרעה איבער'ן פאלק ישראל! צו קנעטען ליים און ברעננגען ציגעל האט ער געצוואונגען זיינע אונטערגעיאכטע. ריזיגע פיראמידען האט ער פון דער ניט בעצאהל־טער פראצע אויפגעשטעלט, וואנעס פון קינדערבלוט האט ער זיך ער־לויבט און — וואס עס איז געווען נאך שרעקליכער — אט די אלע גרוי־זאמקייטען האבען שיעור ניט דערשטיקט די בענקשאפט נאך פרייהייט, האבען שיעור ניט אויסגעוואָרצעלט דאס שטרעבען אויסגעלייזט צו ווערען.

שרעקליך איז די קנעכטשאפט, אבער נאך שרעקליכער איז, ווען דער קנעכט האט אויפגעהערט צו פיהלען, ווען אין איהם איז אבגעשטארבען דער פערלאנג בעפרייט צו ווערען.

ניט דער איז א שקלאַף, װעמען מען צװינגט צו ארבייטען, נור י ע־צ ע ר, װעלכער לאָזט זיך צװינגען און פּראָטעסטירט ניט קעגען דעם שקלאפען טרייבער. ניט שװערע ארבייט מאכט דעם מענשען פאר א קנעכט, נור דאָס מקבל באהבה זיין, דאָס שװייגען אויף יענעמס הערשען. כל זמן דער געפיהל פון פרייהייט לעבט נאָך, כל זמן עס איז נאָך ניט אָבגעשטאָרבען דאָס שטרעבען צו זעלבסטשטענדיגקייט, קען דער גרעסטער דעספּאָט זיך ניט בעריהמען, אז ער האָט דעם מענשען געמאכט פאר א שקלאַף. שקלאפישע געפיהלען מאכען דעם מענשען פאר א קנעכט, אָבער ניט דער בייטש פון טרייבער.

צום גליק זיינען די קנעכטישע געפיהלען און שקלאפישע נשמות געװען װייניג צװישען די, װעלכע האָבען געטהון די עבודת פרך. נור א גאַנץ קליינע צאָהל דתן ואבירם׳ס זיינען געװען, װעלכע האָבען זיך בעגנו־גענט מיט׳ן „סיר הבשר“, װאָס די עגיפּטישע שקלאפען הערן האָבען פאר זיי געקאָכט. דאָס רוב פון דעמאָלדיגען דור האָט נאָך געלעבט מיט דער האָפענונג בעפרייט צו װערען און איז ניט געבליבען טויב צו די װערטער פון משה בן עמרם. דער רוף צו א נייעם לאנד, װאו יעדערער װעט זיין א פרייער בירגער, האָט די געצװאונגענע שקלאפען בעגייסטערט, עס האָבען ערװאכט די בעהאלטענע שטרעבונגען, װעלכע האָבען געשלומערט אין די הערצער פון די לייס־קנעטער און שטרוי־קלייבער און גלייך נור װי די צייט איז געקומען, האָבען זיי מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ פער־לאָזען דאָס שקלאפען לאנד.

פסח איז ניט נור דער יום טוב פון יציאת מצרים, װאו פּרעה האָט אונזערע עלטערן פערשקלאפט. אין פערלויף פון אונזער געשיכטע האָבען מיר געהאט ניט װייניג פּרעה׳ס איבער אונז. ניט װייניג דעספּאָטען האָבען זיך געבאָדען אין אונזער בלוט, ניט װייניג בעלנים זיינען געװען טמא צו מאכען אונזער נשמה. בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, יעדען דור װיל מען פון אונז מאכען אן ענד, און דאָך מאכען מיר צוליב דעם קיין יומים טובים ניט.

פסח איז אויך דער יום טוב פון דער אידישער נאַציאָנאלער געבורט, פסח צייט איז די אידישע נאציאָן געבוירען געװאָרען.

ציגייגער זיינען די אידען געווען אין די ערשטע צייטען, ווען זיי האבען זיך בעוויזען אין דער וועלטגעשיכטע. אין צעווארפענע שטאמען און גרופען האבען זיי געלעבט. אלס פאסטוכער האבען זיי געוואנדערט מיט זייערע סטאדעס פון איין ארט צום צווייטען אין די בערגיגע אריענטאלישע לענדער. ווי ביי אלע נאמאדען, נאטור־פעלקער האט אויך די אידען געפעהלט דאס בעוואוסטזיין, דאס „נאציאנאלע איך" וואס פעראייניגט און שמעלצט צוזאמען אלע אינדיווידואמען אין איין איינהייטליכע גאנצע.

ביים פערלאזען מצרים זיינען די אידען מיט אמאל אויסגעוואקסען אין א שטארק און מעכטיג פאלק, דאס נאציאנאלעס בעוואוסטזיין האט אלעמען בעהערשט. דער אידישער בעפרייטער שקלאף איז מיט אמאל געווארען א נסלגויים, דער וועגווייזער פון פעלקער, ער האט זיך אויף אדלער־פליגלען דערהויבען איבער אלע געצענדינער, ער איז בעגייסטערט געווארען מיט גרויסע אידעאלען, ער איז געגאנגען ווייזען דער גאנצער וועלט דעם אמת'ן זינן פון גוטס און שלעכטס, פון לעבען און טויט. אט אזא גרויסע צייט, די געבורטסצייט פון דער נאציאן ווערט פסח געפייערט.

דיטויזענדע יאהרען, וואס זיינען פערלאפען זייט יציאת מצרים, קענען די גרויסע צייט ניט אבמעקען פון זכרון. פערקעהרט, וואס מעהר מען לעבט, אלס טייערער איז דער געבורטסטאג. יעדעס יאהר שרייבט צו א נייע בלאט אין דעם ספר החיים פון אידישען פאלק. יעדעס יאהר פערגרעסערט דעם וואונדער פון דער אידישער עקזיסטענץ, און די אידען פון דער נהעמטא, וואס קענען טיפער בעגרייפען די בעדייטונג פון דער אידישער בעפרייאונג, מאכען פסח פאר דעם גרעסטען יום טוב, וואו דער וויידער־קול פון יציאת מצרים לאזט זיך הערען אין יעדער הויז.

און גרויס, מאיעסטעטיש גרויס, פיהלט זיך ישראל סבא, ווען ער פייערט זיין געבורטסטאג אין די אידישע שטעדטליך פון זאמוט און ליטא!

* * *

די פסח׳דיגע שטימונג האָט אָנגעפאַנגען צו בעהערשען די אידישע הויז גלייך נאָכ׳ן חמץ פערברענען. גלייך ווי דער חמץ איז ארויסגעפטרט געוואָרען, איז אין שטוב געוואָרען ליכטיגער און גערוימער. די אויסגעוואַשענע, אויסגעפּלעטע קליידער, אויף וועלכע עס האָט קיין שטויבעלע ניט געטאָרט זיין, האָבען די אידישע פרויען צוגעגעבען א מאָדנעם חן. אויך די מאנספּארשוינען, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט קיין גרויסע מקפּידים אין הלכות „קליידען זיך“, האָבען זיך ערב פסח אָנגעטהון אין האלב יום־טוב׳דיגע עכט ריינע בגדים. בעזונדערס קענטיג איז געווען דער ראָק פון בערע דעם מצות־טרעגער. בערע מצות טרעגער האָט די גאנצע פיער וואָכען פון פורים אָן געטראָגען די קערב מצות צו די באַלעבאָסטעס אויף דעם שבת׳דיגען מלבוש. ערב פסח האָט ער זיך איבערגעטהון אין א ספּעציעלען רויטען קאַליקע ראָק, וואָס איז געווען בעוואוסט אין שטעדטל אלס „בערעס שמורה ראָק“.

ערב פסח פלעגט דער רב אויסשיקען צו די באַלעבאַטים דורך בערען די חלקים שמורה און בערע האָט צוליב דעם געמוזט אָנטהון א ספּעציעלען כשר׳ן מלבוש, וואָס איז געווען בעריהמט אין דער גאנצער שטאָדט. שטארק צוגעפּאסט צו בערעס פיגור איז דער שמורה־ראָק ניט געווען. בערע איז געווען א מאָגערער מיט אן אויסגעהויבענע פּלייצע, וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי א הויקער. אזא פּלייצע איז פאר בערען געווען ווי געוואונשען. ער פלעגט דאָרטען גאַנץ בעקוועם ארויפשטעלען די גרויסע געפלאָכטענע קאָרב מצות און זי בלויז אונטערשפּארען מיט איין האנד.

דער שמורה ראָק איז געווען אויסגעשניטען פון איין שטיק און האָט גיכער אויסגעזעהן ווי א ווייבערשע ספּאָדניצע איידער ווי א מענערשער בגד.

— עס האָט אַן אויסזעהן ווי בערעס שמורה־ראָק, פלעגט מען ארויינוואַרפען זרח דעם שניידער א שטאָך־וואָרט, אויב עס איז ניט געלונגען גוט דער ראָק, וואָס ער האָט אויפגענייהט.

בערע אליין האָט קיין גרוים עגמת נפש, משמעות, ניט געהאַט, וואָס זיין פסח׳דיגער מלבוש איז ניט אזוי אי אי אי, נאָך דער מאָדע.

— נאַרעלע, עס איז דאָך פאַר שמורה, פלעגט בערע ענטפערן זיין איינאיינציגע שעהנע טאָכטער, וואָס האָט זיך בעקלאָגט, אז איהר פלאמט די אויגען פון טאַטען׳ס ראָק.

— עס איז דאָך ניט קיין געוועהנליכער בגד, עס איז דאָך פאַר שמורה, פערשטעהסט, ער מוז זיין כשר און מען דאַרף איהם וואשען. א קליין שטויבעלע מעהל, גרויס ווי אַ טראָפּען זענעפט אויפ׳ן ראָק און די שמורה — זאָל גאָט שומר ומציל זיין — קען חלילה ווערען מיט א חשש— פלעגט בערע אויסטייטשען די וויכטיגקייט פון שמורה, אזוי ווי דאָס וואָלט געהאט א שייכות צו איהרע טענות, און אזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַן ענטפער, פאַר וואָס דער שמורה־ראָק ליגט אויף איהם אזוי ווי א זאק.

שטאַרק פערטהון איז ערב פסח געווען רבי וועלוויל אברהם׳ס.

רבי וועלוויל האָט געהאט א חזקה אויסצוטיילען אומזיסט פאַר די גאַנצע שטעדטל חרוסת. רבי וועלוויל׳ס חרוסת האָט געהאט א שם. ער פלעגט די חרוסת צוריכטען מיט ניס, מיט וויין און פערשידענע מינים בשמים, אז זי האָט געהאט א טעם גן־עדן.

רבי וועלוויל פלעגט צו חרוסת־מאַכען קיינעם ניט צו לאָזען. דאָס האָט ער אליין געמוזט טהון פון אָנפאַנג ביז ענד. אפילו אויסטהיילען די חרוסת האָט ער אויך געמוזט איינער אליין. ער האָט שוין געוואוסט יע־דענס הויזגעזינד און האָט איינגעטיילט יעדער פאַמיליע דעם פאַסיגען חלק.

— רבי וועלוויל, מיר האָבען אויף פסח א גאַסט, דער חתן איז גע־קומען, פערגעסט דאָס ניט — פלעגט א דינסט־מיידעל דערמאָנען רבי וועלוויל׳ען, ווען זי האָט איהם דערלאַנגט דעם בעכערל אויף חרוסת.

— וואָס בין איך א גר אין שטאָדט, פלעגט רבי וועלוויל ענטפערן מיט א מין ברוגז — וואָס? איך וויים ניט, אז ביי אייך איז געקומען דער חתן? האָב קיין מורא ניט, וועסט שוין געפינען א חלק פאַר׳ן חתן אויך!

דער אמת׳ר פסח האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען ביינאַכט, ווען מען האָט זיך געזעצט צום סדר.

מיט דעם שטאָלץ פון אַ מלך זיצט זיך דער איד אויף דער הסבה בעט, מיט זיין אשת חיל, וואָס איז מיט אמאָל געוואָרען אַ מלכּה, ביים זייט, ארומגערינגעלט מיט זיינע קינדער — די בני מלך, די פּרינצען און פערצעהלט די וואונדער, די נסים ונפלאות, וואָס עס האָט פּאסירט מיט אונזערע עלטערן, ווען זיי האָבען זיך בעפרייט פון שקלאַפישען יאָך.

דער מיזשיניקל פרעגט „מה נשתנה" און דער טאַטע מיט די עלטערע קינדער ענטפערן איהם מיט אַ מערקווירדיג שעהנער שפּאַנענדער געשיכטע, וואו עס שטעהט געשריבען פון אָנפאַנג ביז ענד, ווי אזוי די עלטערן זיינען געוואָרען פערשקלאַפט, ווי אזוי פּרעה האָט זיי געפּייניגט, ווי אזוי דער גרעסטער פרייהייטס־קעמפּפער משה רבינו האָט געוועקט די פרייהייטס־געפיהלען און ווי אזוי איהם האָט זיך איינגעגעבען ענדליך צו שלאָגען פּרעה'ן און ארויספיהרען די אידען פריי פון שקלאַפען־לאַנד.

פסח צום סדר! ווי ליכטיג, ווי שעהן עס איז ביי יעדען אידען אין שטוב! דער ארעמסטער פון די אָרעמע מוז מאכען אַ סדר מיט מצות און פיער כּסות וויין. די גאנצע זוויערקייט פון לעבען איז פערשוואונדען צוזאמען מיט דעם חמץ. די געדריקטע גלות שטימונג האָט מען פון זיך ארויסגעטריבען, פּונקט אזוי ווי מען האָט אבגעטרייסעלט דעם שטויב און אויסגערייניגט דעם שימעל, וואָס האָט זיך פּאר אַ גאנצען יאָהר אָנגעקליבען. די גרויסע אידישע נשמה יתירה פון די בני חורין, די פרייע נאַציאָנאַלע נשמה פיהלט זיך אין אלע ווינקעלעך פון שטוב, די שכינה אליין איז געקומען צו בעזוך צום סדר, כּדי צו הערען די הגדה....

ניט לייכט קומט אָן דער אידישער פרוי ארייצוברייגען דעם פסח אין הויז. גאנצע פיער וואָכען נאָכאַנאַנד דאַרף זי שייערן, סקראָבען, וואַשען און פּלעטען. אין הויז איז אַ גאנצער יריד. אַ געפילדער, אַ ליאַרעם, אַ טומעל. איינער ווייס ניט פון צווייטען. אלעס איז פערטהון און פערארבייט. דער פסח איז אבער ווערט מען זאָל אויף איהם אזוי פיעל האָרעוועז. אזעלכע פייערליכע גרויסע מאָמענטען, ווי דער איד לעבט איבער פסח צום סדר, זיינען ווערטה אַ סך מעהר ווי די ערב פסח'דיגע

ארבייט. ווען נאך האט דער איד אזוי פיעל שעהנע עראינערונגען פון׳ם עבר און וואו נאך קען ער זיך דערוואָרעמען מיט אזוי פיעל זיסע האָפע־נונגען אויף שפּעטער, ווי פּסח צום סדר!

דער פרייער איד, וועלכער איז ניט קיין אדוק אָן פיעל מצוות, וועט פּסח אָבהיטען מיט אַלע קליפּערלעך. אויב ניט פון זיינט וועגען, טאָ לכל הפּחות פון די קינדערס וועגען.

פּסח איז ניט קיין רעליגיעזער יום טוב, נור א נאציאָנאלער. ער פלאנצט אריין מעהר אידישקייט, מעהר נאציאָנאלען גייסט, ווי אלע טעג פון יאָהר. א מערקווירדיג שעהן ליכט איז פּסח אויסגעגאָסען אין די אי־דישע הייזער. דער טאטע, די מאמע, די קינדערלעך — אלע שטראהלען און לייכטען פון פרייד. די מאמע האָט לכבוד פּסח אָנגעטהון איהר טייערסטע צירונג און האָט אויפ׳ן טיש אויסגעשטעלט דאָס גאנצע בי־סעל גאָלד און זילבער, וואָס זי האלט בחדרי חדרים אויף דרשה געשאנק פאר איהרע קינדער, ווען זי וועט אם ירצה השם זוכה זיין צו פיהרען זיי אונטער דער חופּה. פּסח ברענען די ליכט עפּעס העלער. ניט נור די הויז איז גע׳כשר׳ט, ניט נור די כלים זיינען גע׳כשר׳ט, נור דער איד גופא איז עפּעס אויסגעוואשען און גע׳כשר׳ט געוואָרען לכבוד פּסח. קיין וואונדער איז ניט, מען וואַרט אויף א גרוי־סען גאסט. אליהו הנביא דאַרף קומען...

פון עסען האָט מען פּסח ווענינ הנאה. די עלטערע מענשען, די זיידעס און די באָבעס ווערען ארויסגעריסען איידער זיי צוקייען די האַר־טע טרוקענע מצה־שמורה און דעם כזיית מרור. אבער וואָס פאר א בע־טרעף האָט דאָס עסען אום פּסח. ווי איינאיינציג מוטנער טראָפּענדל אין א פליסענדען קלאָהרען טייך איז די ביסעל ביטערנים אין דעם גאנצען ים פון תעניג, וואו דער איד באָד זיך אום פּסח.

ווי געמיטהליך דער טאָטע מיט די קינדער זאָגען די הגדה, ווי שעהן זיי זינגען שירה! עפּעס דוכט זיך, אז דער אידישער פּסח ברייננט מיט זיך דעם גאנצען פריהלינג, ווען ניט פּסח וואָלט תמיד זיין ווינטער, קאָלט... די גאנצע נאַטור האָט זיך לכבוד פּסח בעניית, זי האָט בעדעקט די ערד מיט דער שעהנער גרינער קאָלדרע, אונטער וועלכע עס ליגען

איינגעטוליעט מילי מיליאַנען נייע לעבענס. גאַנצע שטראָמען פון בשמים ריחות טראָגען זיך פון די פעלדער און די וועלדער און רייסען זיך אריין אין די אידישע ריינע, כשר'ע הייזער. אפילו דער הימעל, וואָס איז א גאַנצען ווינטער אזוי אין כעס, אָנגעבלאָזען, פערכמארעט, האָט זיך אויסגעקלעהרט צום סדר און ווייזט זיין טיעף בלויען קאָליער. עס איז דאָך עפּעס אליל שמורים! דער שיין פון דער לבנה גופא מוז בעלייכטען דעם וועג פון די יוצאי מצרים...

* * *

אין מאנכע צייטען, איבערהויפּט די לעצטע פאַר־צעהנדליג יאָהר, איז פסח, דער חג האָביב, וועלכער האָט געדיענט פאַר'ן אידען אלס א קוואל פון חיות, פערוואַנדעלט געוואָרען אין א שרעקענס־צייט, וואָס האָט אָנגעפילט די אידישע הייזער מיט מורא און פחד.

דער גרויסער, שעהנער, הרחבה'דיגער אידישער בעפרייאונגס־פעסט, דער שיר השירים פון דער אידישער נאַטור־פּאָעזיע, איז געוואָרען אויס־גענוצט פון פערשידענע פינסטערע, ווילדע עלעמענטען אלס א צייט פאַר די שענדליכסטע בלבולים און בלוטדורשטיגסטע רדיפות.

די געבורטסצייט פון דער אידישער נאַציאָן איז געוואָרען די צייט פון אידישע צרות.

דער זמן חרותינו איז געוואָרען די צייט פון אידישע **גזירות.**

אין דער צייט, ווען מיר קוויקען זיך מיט די פריידיגע ערינגע־רונגען, גרייטען זיך אונזערע שונאים אויף אן אָנפאַל.

דער יום־טוב פון אידישען פריהלינג, פון אידישע זוניגקייט, איז פערפינסטערט געוואָרען מיט אידישע שחיטות.

די צייט פון ליעבע און לעבען איז געוואָרען די צייט פון פערניכ־טונג און טויט.

אין דער צייט, ווען מען דארף זינגען שיר השירים, האָט מען גע־
מוזט קלאָגען איכה.

די געגענוואַרט איז געוואָרען א בלוטיגער תהום צווישען אונזער
פערגאנגענהייט און די צוקונפט.

דער ליל שמורים — א וואָרפאלעם נאַכט.

אָבער ישראל סבא, וואָס פייערט שוין פיערטויזענד יאהר דעם יום־
טוב פסח, וואָס טראָגט שוין אזוי פיעל דורות די הייליגע אידישע
טראדיציעס ביי זיך אין הארצען, וועט אויך ווייטער געהן זיין וועג מיט
דעם אלטען וואנדער־שטעקען ביז וואנעט די מענשהייט וועט דערלעבען
דעם גרויסען פריהלינג, דעם פסח של עתיד.

# שבועות.

פּסח זענען אידען ארוים פון מצרים, שבועות איז געגעבען געוואָרען די תורה.

פּסח איז דאָס אידישע פאָלק געבוירען געוואָרען, שבועות האָט מען איהם אנפערטרויט די גרויסע שליחות פאר דער וועלט.

פּסח איז בעשאפען געוואָרען דער גוף פון דער אידישער נאַציאָן, שבועות איז אין איהר אריינגעבלאָזען געוואָרען די נשמה.

שבועות איז אָנגעצונדען געוואָרען דאָס הייליגע פייערל, וואָס האָט די אידען געלויכטען דעם וועג אין פערלויף פון טויזענדע יאָהרען.

שבועות האָט דאָס אידישע פאָלק איינגענומען דעם געטראנק פון לעבען, דעם לעבען־עליקסיר, און איז געוואָרען אונשטערבליך.

שבועות האָט מען די אידען אָנגעטהון א פאנצער, וואָס האָט זיי בע־שיצט פון די גיפטיגסטע און שעדליכסטע קוילען.

שבועות איז דאָס אידישע פאָלק אויסגעלייטערט געוואָרען אין דעם געטליכען טיגעל, פון וואנעט עס איז ארוים שטארק ווי א פעלז און אונבע־זיגבאר ווי א ריעז.

שבועות האָט משה רבינו פון בארג סיני איבערגעגעבען דעם אידי־שען פאָלק די צוויי לוחות, וואו עס זענען געווען אויסגעקריצט די עשרת הדברות — די גרויסע אלמעכטיגע אייביגע פאָהן פון אלע מענשען־קינדער פון אלע צייטען.

שבועות איז דער חג הקציר, א נאַטור יום טוב, ווען אידען האָבען אין די אלטע צייטען — דעמאָלט, ווען זיי זענען נאָך געזעסען אויף זייער

לאנד — אָבגעשניטענע און אָנגעפאנגען צו געניסען פון דער הייאָהריגער תבואה.

שבועות האָט מען אָנגעפאנגען הנאה צו האָבען פון דער פרוכט פון דער ארבייט.

ביז שבועות האָט מען געגעסען ישן, די פאר א יאָהריגע ברויט, שבועות האָט מתיר געמאכט חדש, האָט אריינגעבראכט נייע גארבען, נייע נאהרונגסמיטעל אין לאנד.

פאר א פאָלק, וואָס איז אָבגעריסען פון דער נאטור, איז די שניט־צייט ניט אזוי וויכטיג, — א נייער גארב פון די היי־יאָהריגע פעלדער איז ניט אזא גרויסע מציאה. אידען לעבען אבער ניט מיט דער געגענוואַרט, נור מיט דער פערגאנגענהייט און צוקונפט. ווען עס קומט שבועות טראָגט זיך דער איד אריבער מיט זיינע געדאנקען אין דער אמאָליגער תיים, ווען ער האָט אליין געאַקערט. אליין געזייעט, אליין געשניטען, אליין גע־בונדען און אליין געקליבען די גארבען.

פאר א לאנד־ארבייטער איז א גרויסע שמחה, ווען ער דערזעהט די אויפגעגאנגענע תבואות, וואָס ער האָט אליין געזייעט און אן אמת׳ר יום־טוב איז ביי איהם, ווען ער איז זוכה צו שניידען זיין פעלד און צו עסען די ברויט פון זיינע געבונדענע גארבען.

פון אלע שלוש רגלים האָט דער איד מעהר הנאה פון שבועות.

סוכות דארף ער זיצען אין א קאלטע, ווינדיגע סוכה, וואו מען פער־קיהלט זיך און מען פאנגט אָן צו הוסטען. פסח דארף ער קייען די מצה און עסען אזוינע מאכלים, צו וועלכע ער איז א גאנץ יאָהר ניט גע־וואָהנט. שבועות אָבער מעג דער איד זיצען, וואו ער וויל און עסען, וואָס ער וויל. אגב, קומט שבועות אויס אין דער שעהנסטער צייט פון יאָהר. שבועות פייערט די נאטור גופא איהר יום טוב.

אין די ליטווישע שטעדטלעך פאלט שבועות אויס אין רעכטען פריה־לינג. די נאטור איז דעמאָלט איינגעטוליעט אין איהר שעהנער פראכטפו־לער הילע, וואָס איז געוועבט פון אלערליי מינים גרינסען, וועלכע זיינען מחיה אונזער געמיטה מיט דעם ריח ניחוח, מיט דעם בשמים אראָמאָט, וואָס לאָזט זיך פון זייהערן.

די מוטער־ערד, געוואָרעמט און געלאָסצעט פון די זונען־שטראַהלען, האַלט אין דער צייט אָפען איהרע בריסט און זויגט אָן מיט גרויס הרחבה און צערטליכקייט די אונצייליגע מיליאָנען ברואים און בּרואים׳לעך, וועל־כע געפינען זיך אין אונזער וועלט.

די פיעלפאַרביגע אינזעקטען — די ליבע שלוחים פון די פלאַנצען — קאָנקורירען אין זייער אויסזעהן מיט די דופטיגע, אַלערליי קאָלירען־דיגע בלומען, וועלכע האָבען זיך אָנגעטהון אין זייערע שעהנסטע חתונה־קליידער, אום געפעלען צו זיין אָט טאַקי דיעזע שדכנים, וועלכע טראָגען איבער די זאמען פון ליבע, פון נייע לעבענס.

אַלץ איז אין דער נאַטור פריש, ליידענשאַפטליך, פול מיט יוגענד, ליבע און לעבענסלוסט. דאָס זשומען פון די פליגעלעך, דער שטילער גע־רויש פון דעם פליסענדען וואַסער אין טייכעל מישט זיך אוים מיט דעם גע־זאַנג פון די פויגעל, וועלכע טאַנצען, שפּרינגען, זינגען און גיבען אָב אַ שבח, אַ לויבגעזאַנג צו די הייליגע נאַטור, וואָס האָט אַזאַ צוציהענד־חנו׳דיג אויסזעהן.

די אַרומיגע נאַטור דערמאָנט דעם אידען בולט׳ר אָן זיין אייגענעם שניט־פעסט פון אַמאָל, זי רופט אין זיין פאַרשטעלונג אַרויס די אַלטע שעהנע צייטען, ווען ער איז געווען אַ נאַטור־קינד און זוכט אָבצולעבען אין זיין זכרון כאָטש מיט בלאַסע סמנים זיין אַמאָליג׳ס נאַטור־לע־בען.

דער איד פוצט אוים זיין הויז מיט גרינס לכבוד שבועות.

ניט גאָלד, ניט זילבער, ניט טייערע כלים שטעלט די אידישע פּרוי שבועות אויף איהר טיש, נור גרינס, בלומען, וואָס די אינגלעך האָבען ערב שבועות אָנגעריסען אויף די לאָנקעס און אין די פעלדער און וועלדער.

גרינס לכבוד שבועות...

מיט וואָס פאַר אַ שמחה מיר, חדר אינגלעך, פלעגען דאָס העלפען ירוחם דעם בעל עגלה שפּאַנען זיין פערדל אין דעם הילצערנעם וואָגען און פאָהרען אין וואַלד נאָך גרינס.

דאָס פערדיל האָט געהונקען אויף איין פוס און איז געווען בלינד אויף איין אויג. קיין גוטע קעסט האָט עס ביי ירוחם׳ן, משמעות, ניט

געהאט. ווי שלעכט דאס פערדל האט זיך געפיהלט ביי ירוחם'ן אין שטאל, האט עס ווייניג חשק געהאט צו פערלאזען זיין שטרויענעם געלעגער, וואו עס האט געקענט ליגען און דרעמלען איידער ארויסצוגעהן אויף די פרייע וועלט... ירוחם האט געקענט זיין בהמה און פלעגט מיט איהר דעריבער זיך ווייניג צערעמאָניען. מיט א שטארקען ניט העפליכען בריק אין בויך פלעגט ירוחם זיין שקאפע אויפוועקען און איידער זי האט נאך געהאט צייט זיך אויסצוהירזשען, האט ער איהר שוין געשלעפט פאר די צופרינעס אויפ'ן געהעפט.

אונטער דער צייט, ווען ירוחם האט זיך געפארקעט מיט זיין קליאַטשע, האבען מיר דערווייל געשלעפט דעם וואגען, געטראגען די האלאבליעס, געקייקעלט די רעדער און געבראכט די שמיר צו בעשמירען די אקסען. ירוחם'ס וואגען איז קיין מאל ניט געווען „פארטיג צו דינען". דא איז געווען צובראכען א צאפען אין ראד, דא איז דער אקס געווען צו פיעל אויסגעדילעט און מען האט בעדארפט אונטערשטוקעווען מיט א שפאן; דא איז די שאסקע געווען איינגעשמירט מיט טער; דא האט די ציעג אבגעגריזשעט די שטרוי פון כאמוט. אבער אונזער חברה האט דאס ווייניג געארט. מיר האבען געהאלפען ירוחם'ן „שפאנען" מיט גרויס שמחה. ערשטענס איז סתם פרעהליך, ווען מען פאדעט ארום ירוחם'ס פערד און וואגען און צווייטענס האבען מיר געוואוסט, אז וואס גיכער מיר וועלען זיין פארטיג אויף ירוחם'ס געהעפט, וועלען מיר גיכער זיין אין וואלד, וואו מיר וועלען זיך אויסטהון די רעקלעך, ארונטערנעהמען די שיכלעך און די זעקלעך, לויפען ווי די האזען, טאנצען ווי די זומער פויגעלעך און רייסען גרינס לכבוד שבועות...

ווען „דער פערד און וואגען" איז שוין געווען איינגעשפאנט האט ירוחם גענומען דעם בייטש, זיך געזעצט אויפ'ן שאסקע און מיר אלע, איבער א טוצענד קיין עין הרע, האבען ארייגעקלעטערט אין וואגען און זיך אויסגעזעצט לעבען ירוחם'ן אויפ'ן שאסקע און די הינטערשטע ברעטער, וואס האבען ביי ירוחם דעם בעל עגלה געהייסען „ביינק".

די קליאטשע ריהרט זיך אבער ניט פון ארט.

— וויא! וויא! — שרייט ירוחם מיט זיין קוויטשקע, אבער די

קליאטשע מאכט זיך ניט ווייסענדיג.

— א כאַלערע אויף דיין קאָפּ, גער שוין צו אַלדע שווארץ יאָהר! — שרייט ירוחם מיט כעס או זאיז מכבד מיט'ן בייטש זיין ברוינטגעבעדקע.

די קליאטשע רייסט זיך פון די האָלאָבליעס, אבער מיט איהר גאנצען כח קען זי ניט ארויסשלעפּען דעם וואָגען פון געהעפּט.

ירוחם שילט זיך און די קליאטשע, ווענדעט אָן פערשידענע סגולות ווי דאס פערדל זאָל מיט אמאָל א שלעפּ טהון דעם וואָגען. אבער אַלץ אומזיסט.

— קינדער — האָט זיך ירוחם צו אונז געווענדעט, קינדער, מיר מוזען אַלע ארויסקריכען פון וואָגען! די שטיינער, פערשטעהט איהר מיך, לאָזען ניט געהען דעם וואָגען.

קיין גאנץ בעקוועמע ערטער האָבען מיר אין וואָגען ניט געהאט און אין איין הרף עין האָבען מיר איהם אויסגעליידיגט און געהאָלפען אונטערשטופּען ביז וואנעט מיר זיינען ארויס פון געהעפּט.

אויפ'ן גאס האָבען מיר זיך צוריק ניט געזעצט. מיר האָבען גע־וואוסט, אז די שקאַפּע וועט זיך ווייטער איינ'עקשן'ען, ניט קוקענדיג אויף ירוחם'ס קללות.

מיר זיינען נאָכגעגאנגען דעם געשפּאַן און צייטענווייז געהאָלפען ירוחם'ן שרייען וויאָ! וויאָ! און שטופּען דעם וואָגען.

לייכטער פאר די שקאַפּע איז געוואָרען אויסען שטאָדט, אויפ'ן גלייכען גאָסטשעניס, וואו עס זיינען ניט געווען קיין שטיינער און קיין גריבער.

דאָרט האָט דאָס פערדל זיך פריי אויסגעהירזשעט, ירוחם האָט אויסגעטהאָן זיין ראָק, מיר — אונזערע שיכלעך און זיינען צוריק אריין אין וואָגען. אויסען שטאָדט איז עפּעס געוואָרען פרייער, נערווימער. ירוחם האָט ניט געשריען און ניט געשאָלטען, די שקאַפּע איז געגאנגען מיט האסטיגע טריט און געפיהרט אָהן בעזונדערע כחות דעם וואָגען, און מיר האָבען געזונגען הויך, הויך

אל תירא עבדי יעקב....

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער געדיכטער טונקעלער וואלד האָט אויף אונזער גענאנג געענט־פערט מיט דעם זעלביגען נגון און מיט דיזעלבינע ווערטער.

אונזערע הערצלעך האָבען געשפרונגען פון פרייד, מיר האָבען זיך אלע ווײלע געהויבען פון וואָגען א קוק צו טהון אויפ'ן וואלד, וואו א געהיימניספולער כח האָט אונז ווי א מאגנעט געצויגען צו זיך...

אין וואלד האָבען מיר געהאָלפען ירוחם'ן אויסשפּאנען, נאָכגעגאנ־גען מיט דער קליאטשע ביז'ן טייכל, וואָס איז זיך אזוי בנעימות'דיג געלאָפען און געזשורזשעט, געוואַרט ביז וואנעט זי האָט זיך אָנגעטרונקען און שפּעטער איהר צוריק בעגלייט ביז'ן אָרט, וואו עס איז געשטאנען דער וואָגען מיט אונזערע און ירוחם'ס רעקלעך און אנדערע חפצים.

די קליאטשע האָט מיט גרויס אפּעטיט געצופּט די גראָז און מיר האָבען זיך אוועקגעלאָזען טיפער אין וואלד ניט ווייט פון דעם זורשזע־דיגען טייכעל, וואו מיר האָבען אונגעשטערט געקענט קלעטערן אויף די בוימער, זיך יאָגען נאָך די באראבייטשיקלעך און אגב אורחא אָנ־רייסען בלומען און גרינס לכבוד שבועות...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צוריקפאָהרענדיג האָבען מיר די דוע און דעם כאָמעט פון ירוחם'ס פערדל אויסגעפּוצט מיט בלומען. אין וואָגען האָבען מיר, א חוץ די גרינס פאר אונזערע הייזער, אויך איינגעפּאקט דריי זעקלעך גראָז, וואָס מיר האָבען געהאָלפען ירוחם'ן אָנפּליקען, די בהמה זאָל ניט אום שבועות דארפען אויסנעהן פון הונגער.

בערוישט פון דעם שטארקען וואלד־לופט און בעכשופט פון דער גאנצער זיננענדיגער נאטור, זיינען מיר, נעקרעפּטיגט און אָבגעפרישט, געקומען אהיים מיט די בינטלעך בלומען, קאדיקעס,, צווייגלעך, און אנדערע גרינס, וואָס מיר האָבען אָנגעקליבען אין וואלד לכבוד שבועות...

שבועות האָט אומעטום זיך געהערט דער ריח פון גרינס. אפילו אין בית המדרש, וואו קיין בלומען זיינען ניט געשטאנען, האָט זיך געפיהלט דער אראמאט פון גרינע פעלדער.

ווען מען האָט געלייענט מגלת רות האָט דער גאנצער עולם זיך אריבערגעטראָגען אין די גרויסע און ברייטע קאָרן פעלדער פון דריי־

פיער טויזענד יאָהר צוריק, אין דער צייט פון די שופטים און האָט גע־אָטהעמט מיט'ן גאנצען כח די פרישע ערקוויקענדע קלאָהרע לופט פון מזרח. עס האָט זיך געדוכט, אז אָט יענע שניטערס, וואָס האָבען געבונדען די גארבען אויף בועז' פעלדער, זיינען ניט ווייט פון אונז און אז מיר אלע זעהן די שעהנע, איידעלע רות...

ווי קרעפטיג, ווי שטארק עס איז דער איינדרוק, וואָס בלייבט איבער נאָכ'ן לייענען די מגלה!

אן איינפאכע, נאאיווע ערצעהלונג. פשוטע, ניט געקליבענע ווער־טער, אבער ווי שעהן, ווי גרויס, ווי מעכטיג, ווי בעצויבערנד זי איז אָט די מגלת רות, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די הערליכסטע אידיליע פון דער וועלט ליטעראטור!

---

די שבועות'דיגע מאכלים זיינען געווען אויך אין הסכם מיט דער גאנצער מילדער נאטור־שטימונג, מיט דעם גאנצען אריענטאלישען חן. וואָס איז געווען אויסגעגאָסען אין אונזערע הייזער.

וויינעג פלייש, וויינעג בלוט, וואָס וועקט אויף די חיה אין מענשען. אונזערע מאמעס האָבען לכבוד שבועות געמאכט לייכטע, מילכיגע גע־ריכטער, וואָס זיינען אי גרינג צו פערדויען, אי אפעטיטליך אין אויסזעהן.

שבועות איז געווען דער איינציגער גרויסער יום טוב, וואו מען האָט זיך אויף אן אמת אויסגערוהט פון דעם שטענדיגען טומעל, פון דעם וואָכעדיגען הו־הא און געקליבען נחת פון דער שעהנער נאטור, פון דער אלטער שעהנער רות־לעגענדע און פון יענע גרויסע, יא, גרעסטע טעג אין דער אידישער געשיכטע, ווען משה רבינו האָט אונז פערזאמעלט ארום בארג סיני און געגעבען די תורה... אָט די תורה, וואָס איז טיפער פאר'ן ים, גרעסער פון דער ערד און ליכטיגער פון דער זונן.

# די "נײַן טעג".

אין די „נײַן טעג“ האָט די גאַנצע שטעדטעל געהאַט אַן אַנדער אויס־זעהן, ווי אין די טעג און די וואָכען פון אַ גאַנץ יאָהר.

עפּעס האָט זיך געדוכט, אַז אַ שווארצער שלייער האָט בעדעקט די הייזער און די מענשען פון שטעדטעל. שוין ניט גערעדט פון חתונות און תנאים׳ס און אַנדערע שמחות, האָט מען אין די „נײַן טעג“ פּשוט ניט געזעהן אַ פרעהליך פּנים. די געזיכטער זיינען געווען ערנסט און פער־זאָרגט. אַ מאָדנער אומעט האָט גענאָגט די הערצער, אַן אונבעוואוסטע, אונקלאָרע בענקעניש האָט צוריסען די נשמה.

דער נאַציאָנאַלער טרויער איז געווען אויסגעגאָסען אומעטום: אין די דירות, אויפ׳ן מארק און מעהר ווי אומעטום איז ער געווען קענטיג אין די שוהלען און אין די בתי־מדרשים. די שווארצע, טונקעלע פּרוכת׳ן, מיט וועלכע דער ארון קודש איז געווען איינגעהילט, האָבען יעדען דערצעהלט אַלטע, גאַנץ אַלטע, אבער טרויעריגע געשיכטען...

דער קלאָרער טיעף־בלויער הימעל, די זוניגקייט, וואָס איז אין די ליטווישע שטעדטלעך אין די חדשים תמוז־אָב פאַראַן בשפע, האָט דעם אומעט און בענקעניש צוגעגעבען אַ מין פּאָעטישע שעהנקייט. ער איז אָבער ניט געווען אימשטאַנד זיי צו פערטרייבען. פערקעהרט, וואָס ליכטיגער עס איז געווען דרויסען אויף דער פרייער נאַטור, אַלץ טונקע־לער איז געווען אין הארצען. קיין שטארקע משקאות, קיין מאכלים, וואָס זאָלען קענען אויפרעגען דעם מענשען, זיינען ניט געברויכט געוואָ־רען. נאָר פאַר אַ חולה מסוכן, פאַר אַ געפעהרליכען קראַנקען האָט דער רב

מתיר געווען צו קוילען אן עוף אין „די ניין טעג“. די גאנצע שטעדטעל האט זיך בענוגענט מיט מיליכיגס.

די טאטעס פלעגען פערברייינגען איבעריגע שעות אין די שוהלען אין זאגען סליחות, די מאמעס פלעגען פערגיסען טרעהרען ביי דעם „מגלת איכה“ אין עברי טייטש, די חתן־בחורים זיינען געגאנגען מיט ארונטער־געלאזטע קעפ און די כלה־מיידלעך האבען די שנירלעך פערל פון זייערע ווייסע העלזער אראבגענומען.

אפילו דער טייך, וועלכער פלעגט אין די געוועהנליכע הייסע זומער־טעג זיין אנגעפיקעוועט מיט מענשען, איז ווי פער'יתום'ט געווען אין די ניין טעג. זיינע שטענדיגע געסט האבען איהם פערלאזען און א מעלאנ־כאלישע, פערטראכטע שטילקייט האט געשוועבט איבער איהם.

די אבילות, אין וועלכע די גאנצע שטעדטעל איז געווען איינגע־טונקט, האט אויך געלעגט איהר שטעמפעל אויף אונז, קליינע יונגאטשעס, וועלכע פלעגען „איבערקעהרען די שטאדט קאפויר“. אין די געוועהנליכע זומערדיגע גאלדענע טעג און אין די לבנה'דיגע זילבער־נעכט האבען מיר האלד געהאט צו לויפען, טאנצען, שפרינגען און אזוי הנאה האבען פון גאטס שעהן וועלטעל. אין די ניין טעג אבער האבען מיר ניט געוואגט צו געבען א הויכען פיפס און ארויסלאזען אן איבעריגע נגינה. אפילו מיט אונזער געליעבטען שפיעל „אין האזען“, אין וועלכען מיר פלעגען פער־בריינגען צווישען מנחה און מעריב ארום שוהל און בית המדרש, האבען מיר זיך געשיידט אין די ניין טעג. אנשטאט צו לויפען ווי די „האזען“, פלעגען מיר זיך צוזאמענקלייבען אויפ'ן שוהל־בערגעל און קוקען ווי די פויגעלעך בויען קונציג זייערע נעסטען אין די אויבערשטע ווינ־קעלעך פון די הויכע פענסטער, ווי זיי ברייינגען די פעדערלעך און די שטרויעלעך פאר זייערע עופה'לעך, וועלכע קענען נאך אליין ניט פלי־הען.

מיר זיינען געווען גרויסע ליעבהאבער פון טויבען, ווארא־בייטשי־קעס און אנדערע מינים פויגלען, אבער מיר האבען געטראגען א מאדנע שנאה אויף די שוואלבען מיט די רויטע העלזלעך. אט די שוואלבען זיינען געווען די ערשטע, וואס האבען געבראכט פייער אין בית המקדש, — זיי־

נען מיר געווען זיכער. אונז האָט זיך געדוכט, אז אין די „ניין טעג“ איז פאַראַן מעהר שוואַלבען מיט די פייערדיגע העלזלעך ווי אַלע מאָל, און ווען זיי פלעגען זיך צופיעל דרעהען ארום בית המדרש, האָבען מיר עס געהאַלטען פאר א שלעכטען סימן. מיר האָבען שטארק מורא געהאַט, זיי זאָלען אַקאַרשט ניט אָבטהאָן א שפיצעל, ווי זייערע עלטער־זיידעס אין טיטוס הרשע׳ס צייטען.

דער תהום, וואָס איז שטענדיג געלעגען אין חדר צווישען רבי׳ן און די קינדער, איז אין די ניין טעג פערשוואונדען. מיר פלעגען מיט גרויס חשק וועלען קומען וואָס פריהער אין חדר. דער רבי פלעגט אונז בעגע־גענען מיט א פריינדליך ווייך פנים, איבער וועלכען עס איז געווען אויס־געגאָסען א מין רחמנות.

אין די „ניין טעג“ איז דער רבי געווען מילד, ווייך צו אונז און פלעגט זיך ניט בייזערען אפילו ווען מיר מיט דעם לערנען זיינען ניט געווען אזוי שוה בשוה. דער אומגליק פון חורבן בית המקדש האָט פעראייניגט אזעלכע צוויי פיינדליכע וועלטען ווי דעם רבי׳ן מיט די אינגלעך, וועלכע האָ־בען זיך אין די „ניין טעג“ שטארק ליעב געקראָגען איינע די אנדערע.

דער רבי פלעגט זיצען שעות־ווייז און אונז דערצעהלען מעשות ווע־גען די רציחות, וואָס נבוזארדען און טיטוס הרשע זיינען בעגאַנגען נע־גען אונזערע עלטער־זיידעס. די מעשות זיינען געווען אזוי בעצויבערט, אזוי שפאַנענד און פלעגען אזוי אנגענעהם ציהען פאר הארצען, אז אונז פלעגט ניט איבערדריסיג ווערען צו זיצען און צוהערען א גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד. פון מאנכע מעשות פלעגען מיר פשוט צונעהן אוים מיטלייד און רחמנות.

פון די ליעבלינג־מעשות פאר׳ן רבי׳ן צו דערצעהלען און פאר אונז צו הערען איז געווען די מעשה פון חנה מיט איהרע זיבען קינדער און וועגען די עשרה הרוגי מלכות. מיר, פיצלעך, האָבען שטארק מקנא געווען חנה׳ס קינדער און מיר זיינען געווען בערייט בעסער זיך צו לאָזען פייניגען איידער זיך בוקען צום צלם...

שפעטער, אין די רעוואָלוציאָנערע יאָהרען, ווען פיעלע פון אונזערע חברים זיינען געווען אזוי אונערשראָקען און האָבען דורכגעמאכט געוואל־

דינגע העלדישקייטען, האָב איך אימער געטראַכט, אז דער רבי פון אַט די מוטיגע רעוואָלוציאָנערען איז געווען דער קליין שטעדטעלשער מלמד מיט זיינע זיסע שעהנע מעשות איבער די אידישע מוטער חנה מיט איהרע זיעבען קינדער און איבער אנדערע אידישע גבורים, וואָס האָבען זיך מקריב געווען על קדוש השם. איך בין נאָך איצט איבערציינגט, אז אונזערע רביים האָבען א שייכות מיט די ארויסטרעטונגען פון די אידישע רעוואָלוציאָנערען.

די געוועהנליכע למודים אונזערע זיינען אין די „ניין טעג" אוועקגעלעגט געוואָרען אָן א זייט. דער אויער־רייסענדיגער, לעבעדיגער אבער ניט מוזיקאַלישער גמרא נגון איז פערשוויגען געוואָרען און די מעלאָדישע טענער פון מגלת איכה האָבען פערנומען זיין פּלאַץ.

איך קען נאָך עד היום ניט פערגעסען דעם טיעפען איינדרוק, וואָס האָבען געמאכט אויף אונזערע יונגע נשמה'לעך ירמיהו'ס קלאָג־לידער. מיר האָבען דעמאָלט נאָך ניט פערשטאַנען די טראַגישסטע פּאָעטישע מאַטיוען פון דער אלוועלטליכער ליטעראטור, מיר האָבען אָבער נ ע פּ י ה ל ט דעם וועהטאָג, דעם טיעפען שמערץ, מיט וועלכען זיי זיינען דורכגעדרונגען.

אונזער רבי איז געווען א גרויסער מנגן. אין די יונגע יאָהרען האָט ער זיך געשניטען אויף א חזן און א שוחט. נאָך דער חתונה, איידער ער איז נאָך געוואָרען א מלמד, פלעגט מען פון זיינע מוספים לעקען די פינגער. פון דעם קנעלען האָט ער געקראָגען א קורצען אָטהעם און א האלז. וואו עס האָט איהם שטענדיג געוואָרגען א שטיק ליחוץ. זיין שטים איז געווען א הייזעריקע און ניט קיין שטאַרקע. פאר מוספים איז זי איהם אין גאנצען פערלוירען געגאנגען. נאָר אין א גוטער שעה, ווען ער איז געווען אויפגעלעגט, פלעגט ער אין חדר פאר די אינגלעך ליעב האָבען צו מאַכען א וואָלעכיל, וואָס פלעגט צוגעהן אין אלע גליעדער פון מתיקות. דאָס איז געווען א ווידער־קול פון זיין אמאָליגער גדולה.

אָבגעלעבט און אָבגעפרישט איז דעם רבי'נס שטים געוואָרען, ווען ער האָט געלערענט מיט אונז איכה. זיין הייזעריגקייט האָט איהם דאָ ניט געשטערט, פערקעהרט, זי האָט נאָך צוגעגעבען א שעהנע בעגלייטונג.

„איכה ישבה בדד" — האָט דער רבי געזונגען אַזוי מעלאַדיש, אַזוי האַרץ־נאַגענד, מיט אַ טיעפען אינערליכען געפיהל, אַז זיין טרויעריגער ניגון האָט געקלונגען אין אונזערע אויערען ווי די פאַרבענרייכסטע סימ־פאָניע.

אויב טאָלסטאָי איז גערעכט, אַז קונסט איז דאָס, וואָס שטעקט דעם צווייטען אָן מיט דעם זעלבינגען געפיהל, איז אונזער רבי געווען אַן אמת'ער קינסטלער, ווייל מיר זיינען אַזוי פערכאַפּט געוואָרען מיט דעם רבי'נס זיסען איכה ניגון, אַז אונז האָט זיך געוואָלט זיצען, זיצען אין חדר און הערען און מיטזינגען אָהן אַן אויפהער.

# שבת חזון.

שבת חזון האָט זיך די שטילע אבילות אין שטעדטל נאָך מעהר פער־שטארקט.

אין מיטען וואָך האָט מען זיך ווי עס איז „ארויסגעשלאָגען" דורך דעם האנדלען און וואנדלען. שבת איז יעדערער געווען פערטיפט אין זיך און אין זיינע געדאנקען. די שבת'דיגע נשמה יתירה האָט ניט אריינגע־בראכט פרעהליכקייט. פערקעהרט, זי האָט פערטאָפּעלט דעם אומעט און נעמאכט מעהר פיהלען דעם טיפען שמערץ. אפילו די מלאכים, וועל־כע פלעגען קומען מיט דער נשמה יתירה און שטעהן מיט איהר ביז שבת בין השמשות, זענען געווען איינגעהילט אין שווארצען. דער פרעהליכער, קלינגענדער, זיסער „גוט שבת" איז פערביטען געוואָרען דורך א קוים הערבאָרער בעגריסונג. יעדער איינער האָט זיך עפּעס אונטערגעמור־מעלט פאר זיך און ניט געקוקט דעם צווייטען גראד אין פנים.

די „טייטשע" גאס, וואו פרייטאָג צו נאכט נאָכ'ן עסען פלעגט שוויב־לען און גריבלען פון ארומשפּאצירער, איז געווען שטיל און רוהיג ווי אויף א בית עולם. די שבת־ליכט אין די לייכטערס האָבען קיינעם ניט בעלויכ־טען. זיי האָבען געצאנקט אָהן א צוועק, איינזאם און פערלאָזען. קיינער האָט זיך אין זיי ניט גענויטיגט.

עס קען מעגליך זיין, אז א יונג פערליעבט פּאָרעל איז געזעסען ארומגענומען ערגעץ וואו אָן א זייט גאס, אונטער א בוים אָדער אויפ'ן מיהל בארג און האָט נאָך מעהר הנאה געהאט פון דער טויטער שטיל־קייט וואָס האָט איבעראל געהערשט; עס קען אויך זיין, אז די חברה „וואוילע יונגען" האָבען זיך צוזאמען מיט דער „גאָלדענער מויד" פער־

קליבען אין דער „רויטער קרעטשמע", צוויי וויאָרסט אין וואלד און האָבען געטרונקען ביער און גערויכערט פּאַפּיראָסען און געטהאָן נאָך זאַ־כען, וואָס מען טאָר ניט, אין שטעדטעל, אויף די גאסען איז אָבער געווען פּוסט און וויסט, ווי ארומגערינגעלט פון שונא.

שבת אין דער פריה איז דער שחרית אוועק זעהר שנעל. אפילו דער בעל תפילה, שלום־הירש, וואָס פלעגט האַלד האָבען זיך צו ציקלען ביי שוכן עד און ביי דער ערשטער קדושה, האָט איצט קיין שהיות ניט גע־מאכט. גאנץ געשווינד האָט מען אויך אָבגעפּטר'ט קריאת התורה מיט די עליות ביז מפטיר. ביי מפטיר האָט דער עולם אזוי ווי ערוואכט. מען האָט אנגעפאנגען זיך אויסצוהוסטען, צו שנייצען מיט א קוויטש די נעזער און מאכען אנדערע הכנות צו לייענען מפטיר, וואָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון'ם גאנצען אומעטיגען שבת.

דער בעל קורא פון אונזער בית המדרש הגדול, ר' פייוועל דער זייגער־מאכער, איז געווען א גרויסער מפורסים אין זיין פאך. עס איז געווען א דבר ידוע, אז אין גאנץ קאָוונער גובערניע און ווילנער אָקרוג איז ניטאָ אזא בעל קורא ווי ר' פייוועל זייגערמאכער. די גאנצע מחלוקה צווישען דעם „גרויסען בית המדרש" און דער שמשית'ער שול איז ארויסגעקו־מען צוליעב ר' פייוועל'ען. די שמשית'ע שול האָט געטענה'ט, אז ר' פיי־וועל דארף זיין איהר בעל קורא, ווייל ער וואוינט אויף דער דייטשער גאס, פינף טריט פון שול און די גבאים פון „גרויסען בית המדרש" האָבען געענטפערט, אז דער „גרויסער בית המדרש" דארף אויך האָבען דעם גרוי־סען בעל קורא.

די שוסטערס, די שניידערס, די קצבים קענען זיך אויסקראצען אָהן ר' פייוועל'ען! — האָבען די בית מדרש לייט מיט גרויס גאוה מודיע גע־ווען.

א מפורסם איז ר' פייוועל געוואָרען ניט אזוי מיט'ן לייענען די תורה, ווי מיט זיין לייענען די מגלות. ביי די מגלות האָט ר' פייוועל ארויס־געוויזען זיין גרויסקייט. ער פלעגט לייענען א מגלה מיט אזוי פיעל זיסקייט, מיט אזא מתיקות, אז דער עולם האָט פשוט ניט געקענט זיך אבפאשמא־קעווען.

איז ר׳ פייוועל געווען גרויס ביי אנדערע מגלות, האָט ער ביי מגלת איכה ארויסגעוויזען פשוט׳ע גאוניש. פאר דעם נגון פון איכה איז ר׳ פייוועל געווען א העלד, — א בריה. אין יעדען פסוק האָט ער אריינגעגעבען אזוי פיעל קומער, אזוי פיעל נשמה, אזוי פיעל הארץ, אז עס האָט זיך ניט געפיהלט ווי די צייט געהט אוועק.

עס פערשטעהט זיך, אז דער גאנצער עולם האָט געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד אויף דער מינוט ווען ר׳ פייוועל וועט מיט זיין זיסען קול לייענען די הפטירה מיט דעם איכה ניגון, וואו ער איז געווען א מייסטער. „חזן ישעיהו בן אמוץ, אשר הזה על יהודה וירושלים“... ר׳ פייוועל׳ס נגון האָט זיך אָבגעהילכט אין אלע פיער ווינקלען פון בית המדרש. יעדעס וואָרט האָט דורכגעשניטען די פערגליווערטע שטילקייט. דער עולם האָט איינגעהאלטען דעם אָטעם און איז געשטאַנען פערגאַפט ביז ר׳ פייוועל האָט מיט כונה געענדיגט דעם לעצטען פסוק פון דער הפטרה, וואָס האָט געקלונגען ווי א טיפע מעלאָדישע ליעד פון קלאָג און פערצווייפלונג.

---

ערב תשעה באב איז דער גאנצער מענערשער און ווייבערשער עולם געווען פערנומען מיט די הכנות צום תענית. די ווייבער נאָך מעהר ווי די מענער. אין כמעט יעדען אָפענעם פענסטער איז קעגען דער זון געלעגען אויסגעשפרייט א בלאט לאָקשען און זיך געטריקענט. די בריה׳ס האָבען די לאָקשען געשניטען בעצייטענס. אויפ׳ן מארק־פלאַץ זיינען קיין פוה־רען כמעט ווי ניט געווען. די איינציגע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויפ׳ן מארק מיט אויסגעשפאנטע וואָגענס, זיינען געווען די מילכיגער. זיי, די מילכיגער, האָט מען געזאָגט, מאכען אוצרות געלט ערב תשעה באב. ביילע נאָטע׳ס די מילכיגערין פלעגט ערב תשעה באב נתעשר ווערען. א העלפט ארענדא פאר׳ן פאכט פלעגט זי האָבען פון׳ם ערב תשעה באב־דיגען פדיון.

— ווער עס וויינט און ווער עס פרעהט זיך — פלעגט יחנה די גבאי־טע אריינוואָרפען א שטאָך־ווערטעל ביילע דער מילכיגערין אין פנים

אריין, דערפאר וואָס זי האָט איהר לאנג אָבגעהאלטען מיט איהר ליימע־נעם מילך טעפעל.

— ניט מעהר אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען, רבונו של עולם — האָט ביילע זיך גלייך אָנגעצונדען און האָט געגעבען יחנה'ן א גוטען אָבשניט, וואָס זי פערגינט איהר ניט.

— דער וואָס פערגינט אייך ניט זאָל אליין ניט האָבען, טאטע־פאָטער! — האָט יחנה שוין געענטפערט מיט א ווייכערען טאָן, אייגזע־הענדיג אז זי איז געוועזען אביסעל צו האסטיג קעגען דער אלטער ביילע'ן.

מילך ערב תשעה באב האָבען געקויפט אלע, אָרעם און רייך. די רייכע האָבען געקויפט פרישע. די אָרעמע אבגעסמאָנטע מילך. אבער אָהן מילך איז קיין אידישע הויז ניט אויסגעקומען. מילכיגע לאָקשען צום פערפאסטען איז אזא מצוה ווי די פיער כסות צו די סדרים — שטעהט נעשריבען אין די הייליגע ספרים. עס איז אפילו געווען א סברא, אז דאָס פערפאסטען מיט מילכיגע לאָקשען איז ניט קיין דין, נאָר א מנהג, אבער על כל פנים האָבען פון דעם מנהג אלע געהאלטען.

נאָך האלבען טאָג זענען אלע קראָמען שוין געווען צוגעמאכט און ווען די זון איז נאָך געשטאַנען הויך און הימעל איז מען שוין געלאָפען אין שול אריין דאווענען מנחה, כדי מען זאָל קענען פערפאסטען אין צייט פאר שקיעת החמה.

אין די בתי מדרשים און אין די שולען איז געווען אויסגעקעהרט און עס האָט מחיה'דיג נעשמעקט פון דעם פרישען היי, וואָס איז נעווען פערשפרייט אויבען־אָן און צווישען די ערשטע „לאווקעס". די איינפאכע ניט מזרח אידען האָבען אליין מיט זיך געמוזט מיטברייננגען א שטרוי זאָק אָדער א קליין ביינקעלע, אויף וואָס צו זיצען. דער שמש האָט זיך וועגען דעם „המון" גאנץ ווייניג גע'דאגה'ט.

דער נאקעטער אָפענער ארון קודש אָהן דעם פרוכת, פון וואנעט עס האָבען ארויסגעקוקט די ספר־תורה'ס, איינגעהילט אין שווארצען, האָט געוואָרפען אן אימה. ביי קיינעם איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז אָט דיזע פארמעטענע ספר־תורה'ס האָבען א נשמה און פיהלען דעם חורבן בית המקדש א סך א סך טיפער ווי די מענשען.

אין חדר איז ערב תשעה באב געווען איינער פון די אנגענעהמסטע טעג.

דעם טאָג פלעגט דער ג א נ צ ע ר חדר „לערנען דעם חורבן". אין חדר איז בכלל ניט געווען קיין גרויסע דעמאָקראַטיע. די אינגלעך פון די העכערע כתות האָבען ניט געהאַט צו טהאָן מיט די אינגלעך פון די נידעריגערע כתות. א גמרא־אינגעל האָט געהאַלטען פאַר א פחיתת הכבוד זיך צו שפּיעלען מיט א תנ"ך־אינגעל און דער תנ"ך־אינגעל האָט ניט געוואָלט מאַביר קריאה זיין די סדרה מיט דעם חומש־איינגעל. ערב תשעה באב זיינען אָבער אַלע אויסגעמישט געוואָרען, ניט געווען קיין יחסנים. אַלע האָבען דעמאָלט געלערנט גמרא און דיזעלביגע דפים. אינגלעך וואָס האָבען דעם ערשטען זמן געלערנט רש"י האָבען שוין אין הער פריה אַנגעזאָגט מיט ניט ווייניג נאוה זייערע טאַטעס, אז דער רבי האָט זיי געהייסען בריינגען פון זייער ש"ס מסכתא גטין, צו לער־נען דעם חורבן.

דער חדר גופא האָט אויך געהאַט אַן אנדער אויסזעהן ווי אַלע טעג. דער רבי מיט די עלטערע גמרא־אינגלעך האָבען צוזאַמענגערוקט אַלע טי־שען אין איין פּלאַץ, ווי א פּיער־עק, אוועקגעשטעלט לעבען זיי די ביינק אַזוי, אז א ל ע חדר־אינגלעך זאָלען זיך קענען אויסזעצען מיט זייערע גמרא'ס. וואָס אינגער דער אינגעל אַלס נעהענטער איז ער געזעסען צום רבי'ן, װעלכער איז דאָס מאָל ניט געווען אין כעס און האָט געוואָרפען ליעבליכע בליקען אויף זיינע תלמידים.

האָבען אַלע קינדער זיך אויסגעזעצט און געעפענט דעם דף, האָט דער רבי אָנגעפאַנגען:

אתרנגול ותרנגולתא חרב טור מלכא — איבער א האָן און א הון איז חרוב געוואָרען טור מלכא;

אשקא דריספק חרב ביתר — איבער אַן אקס פון א וואָגען איז חרוב געוואָרען ביתר;

אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים — איבער קמצא און בר קמצא'ן איז חרוב געוואָרען ירושלים.

און מיט דעם ספּעציעלען נגון ווי מען לערנט הנדתא, האָט דער רבי אונז געלייענט פון גמרא און פערטייטשט און דערצעהלט, אזוי שעהן, אזוי אנגענעהם דערצעהלט, אז מיר האָבען נעשלונגען יעדעס וואָרט, יעדע בעווענונג.

די רבי'צין איז געזעסען אויפ'ן צובראָכענעם הילצערנעם שטול, מיט א קנויל וואָל אונטער'ן אָרעם, די שפּיזלען אריינגעשטעקט אונטער'ן שייטעל און האָט פערשטשאָבעט זאָקען. זי איז געזעסען און האָט אויך מיט גרוים חשק צוגעהערט צו די שפּאנענדע מעשיות, וואָס איהר מאַן, אויף וועמען זי האָט איצט געווים קיין שנאה ניט געטראָגען, האָט אזוי זיס דערצעהלט.

אלע זיינען געזעסען שטיל, אונבעוועגליך, מיט די פּנים'לעך פּער־ריסען צום רבי'ן. און דער רבי האָט מיט פערגניגען גערעדט און גע־לייענט אין דער גמרא; גערעדט און געליינט ביז וואנעט די רבי'צין האָט בעמערקט, אז די עופה'לעך (אזוי האָט זי אונז גערופען) זיצען נעבעך מיט פער'חלש'טע הערצעלעך, אז עס איז שוין צייט פאר זיי צו געהן אנבייסען.

— נא, אָט האָסטו שוין א פּאָר נאנצע זאָקען אויף היינט און מאָר־גען — האָט זי געענדיגט איהר געשפּרעך מיט'ן רבי'ן, ארויפלענענדיג א פּאָר דיקע, גרויע, וואָלענע זאָקען, וואָס זי האָט איצט לכבוד תשעה באָב פערשטשאָבעט...

# תשעה באב.

איך בין א געווייזטער מענש, איך בין אויסגעווען א האלבע וועלט, איך האָב געוואָגעלט פון לאנד צו לאנד, פון שטאָדט צו שטאָדט, איך האָב דורכגעשניטען ימים און דורכגעוואנדערט מדבריות, אבער אין קיין אָרט האָב איך ניט געזעהן אזא שעהנעם זונען־אונטערגאנג ווי אין מיין זאמד־טער שטעדטעל ניט ווייט פון׳ם באלטישען געגענד.

טהירינגען, אין דייטשלאנד, וואו איך האָב פערבראכט א פּאָר יאָהר אין מיין סטודענטען צייט, איז בעריהמט מיט איהר זונען־אויפגאנג און זונען־אונטערגאנג. געטהע האָט אין טהירינגער וואלד געהאט א ספּעציעלען פּלאץ, וואו ער פלעגט צוויי מאָל אין מעת לעת קומען פער־נעטערן די נאטור, אין דער פריה, ווען די זונן פלעגט אויפגעהן און פאר־נאכט, ווען די זונן פלעגט אונטערגעהן. ער פלעגט דאָרטען שעפּען בע־גייסטערונג פאר זיין גרויסער נשמה, אבער ווי הערליך עס איז ניט דער זונען־אונטערגאנג אין טהירינגען, קומט עס ניט צו מיין געבורט־שטעד־טעל.

מערקווירדיגע קאָלירען נעהמט אָן דער הימעל, ווען די זונן געהט צו איהר נאכטרוהע ארום די קארפּאטען בערג, מאיעסטעטיש איז די זונן. ווען זי געזעגענט זיך מיט׳ן טאָג אין די „ראקי מאונטענס“ פון קאָלאָ־ראדאָ, א מאָדנע רעליגיעזע, ערהויבענע שטימונג בעשאפט אין אייך דער בין השמשות אין „סיערא נעוואדא“, אבער קיינער פון אָט די זונען אונ־טערגאנגען קען זיך ניט פערגלייכען מיט דעם זונען - אונטערגאנג אין מאנכע הייסע און לאנגע זומערטעג אין די זאמוטער שטעדטלעך...

אזייגער זעקס־זיבען ווערט די גאנצע שטעדטעל אזוי ווי אנגע־צונדען. די שויבען פון די פענסטער שפיגלען אב גאנצע פייערען. די שפיצען בוימער פערזינקען אין רויטע, גליהענדע פלאמען, וואס פער־שפרייטען זיך פלוצלונג איבער די דעכער פון די הייזער. א פרעמדער, וואס איז ניט בעקאנט אט מיט די נאטור ערשיינונגען, וואלט געווים מיינען, אז א גרויסע שרפה האט, חלילה, אויסגעבראכען אין שטעדטעל און אלע הייזער מיט די קראמען געהען אט אט אוועק מיט׳ן רויך. אפילו די וועלכע האבען זיך אויסגעהאדעוועט אין די שטעדטלעך און האבען דארטען פערבראכט זייער גאנצען לעבען, קענען זיך נאך עד־היום ניט צוגעוועהנען צו דעם פלאמיגען רויטען שיין, וואס נעהמט ארום די גאנצע שטעדטעל אזוי ווי דער עמוד הענן, דער וואלקענדיגער זייל — די אידישע געצעלטען אין דער מדבר.

די הויכע בנינים מיט א סך פענסטער ווי די טיפלע און די שוהל, להבדיל אלף הבדלות, זיינען געוועהנליך מעהר בעלויכטען און פון זייערע שויבען שטראהלט אלץ מעהר און מעהר דער רויטער גליהענדער שיין.

— מלאך גבריאל איז ארויסגעפאהרען אויף׳ן הימעל מיט זיין פייערדיגען רייט־וואגען — האבען די קינדער צווישען זיך געשושקעט.

— דער קאלך־אויווען פון גהינום איז אנגעצונדען געווארען כדי צו ברענען און בראטען דארטען די רשעים און זיי שמייסען מיט פייערדיגע ריטער — האבען מאנכע פון די עלטערע געגלויבט.

— דאס איז א נצוץ פון דעם עמוד האש, וואס האט בעלויכטען דעם וועג פון די אידען אין דעם מדבר זיי זאלען ניט בלאנדזשען — האבען אנדערע ערקלערט.

גאנץ אפט פלעגט אום ערב תשעה באב פארקומען אט דער מערק־ווירדיגער זונען־אונטערגאנג און מען האט זיך געזאגט, אז גאט ווייזט דאס זיין ליעב פאלק ישראל ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן ירושלים, ווען דער בית המקדש האט געברענט...

מאדנע האבען געפיהלט די מאנסלייט, ווען זיי זיינען ביים פער־פאסטען געזעסען אויף דער ערד און געטונקט די איי אין אש, בעת דער „פייער", וואס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש און ירושלים האט

נעשלאָגען דורך די פענסטער און געקראָכען אזש אין פּנים אריין. שטיל, אָהן ווערטער איז מען געזעסען אויף דר'ערד, לעבען אויוועז ווי אבלים, מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ און אָהן חשק געגעסען די סעודה המפסקת. וואָס איז א חוץ פון דער הארטער איי בעשאָטען מיט אש, בעשטאַנען פון קיילעכדיגע בייגעל און לאָקשען.

גלייך נאָכ'ן שטילען בענשען איז מען אָהן א „גוט נאכט" ארויס פון הויז צו געהן אין בית המדרש זאָגען קינות. אין בית המדרש האָט קיינער ניט געשמועסט, אפילו די ברענענדסטע פראגען אין פּאָליטיק, וועגען וועלכע דער רעדאקטאר פון „הצפירה" האָט זיך דורכגעשמועסט אין „דברי הימים", זיינען ניט בעריהרט געוואָרען. יעדערער האָט אויסגעטהאָן די גומענע קאלאָשען און געזעצט זיך אויף דער אויסגעשפרייטער היי אָדער קליינע פוס־בענקעלעך, אין איין האנד א הלב'ענע ליכט, אין דער צווייטער די קינה און געווארט ביז ר' פייוועל דער בעל קורא וועט אָנפאַנגען. מיר, קליינע ווערוריקעס, האָבען זיך דוקא יאָ צונויפגעקליבען הינ־טער'ן בימה, אָבער ניט צום שטיפען חס ושלום, נאָר זיך דורכצושמוע־סען וועגען דעם גרויסען אונגליק וואָס האָט פּאסירט דעם פּאָלק ישראל מיט אכטצעהנהונדערט יאָהר צוריק.

— אָט, אָט איצט, אין דער מינוט, מיט אכטצעהן הונדערט יאָהר צוריק איז אָנגעצונדען געוואָרען דער בית המקדש פון טיטוס הרשע — האָט איינער פון אונז געשאַצט.

— אין דער צייט איז שוין אפילו דער שולחן און די מנורה געווען פערברענט — האָט א צווייטער פּאר געווים ערקלערט.

— וואָס רעדסטו? איצט איז שוין אפילו פון די כרובים קיין זכר ניט געווען — מישט זיך אריין א דריטער.

און אזוי זיינען מיר געשטאַנען רוהיג, אנשטענדיג, אזוי ווי גרויסע און מיט פערביטערניש גערעדט קעגען די רומיים און זייער „הערפּיה־רער„ טיטוס הרשע און טאקע אויך קעגען די אידישע בריונות גופא, מיט וועלכע מיר האָבען זיך בעקענט אין דער פריה, ווען מיר האָבען גע־לערענט דעם חורבן. מיר זיינען געשטאַנען און געשמועסט ביז וואַנעט

אונזערע טאטעס האבען אונז א וואונק געגעבען, אז עס איז שוין צייט זיך צוזעצען אויף דער ערד לעבען זיי און הערען מגלת איכה.

נעקומען אהיים נאך די נאכט־קינות, האבען מיר געטראפען אונזע־רע מאמעס זיצענדיג אויף דער ערד מיט פערוויינטע אויגען, ארומגערינ־געלט מיט א סך אנדערע ווייבער, וועלכע האבען אליין ניט געקענט „זאגען" און האבען זיך געשאקעלט איבער'ן טייטש חומש, וואו חורבן ירושלים איז געשילדערט מיט די שרעקליכסטע פארבען. צוליעב די גרוי־שרפות, וואס פלעגט פאסירען אין דער צייט פון יאהר אין די שטעדט־לעך, האט דער רב געהייסען פערשליסען דעם עזרת נשים (די ערשטע כפרה זיינען תמיד געווען די ווייבער) און אונזערע מאמעס זיינען נעבאך געווען געצוואונגען אבריכטען גלות אין דער היים. דער בחיי הקדוש, זאל ער מיר מוחל זיין, האט אנגעשריבען אזעלכע שרעקליכע, גוזמא'דיגע מעשות וועגען חורבן, אז אונזערע מאמעס האבען זיך פשוט געווייקט אין טרעה־רען.

אויף מארגען האבען מיר זיך געפעדערט גלייך בעני־נען, און אוועק אין בית המדרש. וואשען זיך האט מען ניט געטארט על פי דין, חוץ אפגיסען זעקס מאל ביז די קנעכלעך נעגעל וואסער, וואס איז געשעהן כהרף עין. די מאמעס, ווי פרום זיי זאלען ניט האבען גע־ווען, האבען שטארק געוואלט מיר זאלען ניט ארוים אויפ'ן ניכטערן האר־צען און געהמען וואס אין מויל אריין, אבער א ו נ ז, זיבען־אכט יעהריגע בחורים, איז ניט אנגעשטאנען צו עסען תשעה באב פאר'ן דאוו־נען, און מיר האבען געשווארען מיט טויזענד שבועות, אז ס'חלש'ט נאך ניט דאס הארץ.

פאר די שחרית־קינות איז ניט געווען א י י ן חזן אדער א י י ן בעל־תפלה, יעדער חשוב'ער בעל הבית, וואס האט געהאט א קול נגנה, האט זיך געכאפט זינגען פאר'ן עולם די ערשטע פסוקים פון א קאפיטעל. דערביי איז געווען א חזקה, אז דער קאפיטעל פון די עשרה הרוגי מלכית האט געהערט צום רב. מיט די אנדערע ניט אזוינע וויכטיגע קינות האט־בען זיך איינגעטיילט די אנדערע פני פון דעם עלטערען דור. די „ציון'ס" אבער — האט מען געוואוסט — בעלאנגען צו דעם איינגערען דור, צו די

איידעמס אויף קעסט, צו די משכילים הייסט עס. זיי, די יונגע איידעמס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען איניגע חובבי ציון, האבען זיך געהאל־טען פאר געהענטערע מחותנים מיט יהודה הלוי ווי די עלטערע אידען.

מאנכע פון אט די יונגע איידעמס האבען אין אמת'ן טיעף פערשטא־נען די בריליאנטענע פערלען פון יהודה הלוי'ס פאעזיע און האבען זיי געלייענט מיט געפיהל, מיט הארץ, מיט נשמה, אז מען האט געקענט זעהן, דאס זיי לעבען איבער דעם פאעט'ס וועהטאג און דעם פאעט'ס בענקעניש צו דעם לאנד פון די נביאים.

די „ציון'ס" האבען ארייגגעבראכט א לעבעדיגערע, מונטערע שטי־מונג ביים עולם. דער גייסטיגער געגוס פון יהודה הלוי'ס מאטיוועז האט די אבילות־שטימונג פערטריבען און האט געשאפען העכערע אמת פאעטישע איבערלעבונגען. די שטימונג איז נעווארען נאך לעבעדיגער, ווען דער חזן מיט די משוררים האבען געזונגען אזוי שעהן „אלי ציון ועריה", מיט וואס די קינות האבען זיך געענדיגט.

נאך די קינות האבען זיך געעפענט די קראמען און דער געוועהנ־ליכער עולם איז הונגעריגערהייד אוועק צו דער טאג־טעגליכער דאגת חיונה. פאר אונז, חדר־אינגלעך, האט זיך אבער ערשט אנגעפאנגען די רעכטע גדריכטע.

קודם כל זיינען מיר אוועקגעלאפען אהיים און אנגעזאגט דער מא־מען, אז מיר פיהלען ניט, חלילה, קיין ברעקעל הונגער, אז מיר זיינען „זאט ווי די יונים" און אז מיר ווילען געווים האבען א לייכטען תענית. די מאמע, געוועהנליך, האט ווייניג וואס אונז געגלויבט און האט געצוואונ־גען, פשוט נעצוואונגען מיט גוטען און מיט בייזען, אז מיר זאלען אונטערלעהנען דאס הארץ, און אזוי ווי זי איז געווען א למדן און האט געוואוסט, אז פאר בר־מצוה איז מען פטור פון פאסטען, האט זי אויסגעפיהרט און מיר האבען נעבאך געמוזט א ביים טהאן ניט ווי־לענדיג.

ניט געמאכט קיין גרויסע שהיות אין דער היים, האבען מיר אנגע־גורט אונזערע שווערדלעך אויף די לענדען און האבען זיך אין א גאנצער חברה אוועקגעלאזען צום „ריינעם ארט".

די שווערדלעך זיינען אונז שוין נעלעגען אין קאָפּ א היבשע צייט פאר תשעה באב. יאָשע דער שינדעלמאכער, וואָס האָט געדעקט ביי הירשעל חאַנעס דעם דאך, האָט דערפון געוואוסט און האָט געוואָרפען בליקען פול מיט חשד, ווען מיר פלעגען זיך דערנעהענטערען צו זיין קופּע שינדלען.

— די משומדים געהען שוין מיר בדלות שטעלען — פלעגט ער דער־צעהלען זיין פּועל, קלמן'קען, גלייך נאָר ווי ער האָט געזעהן, אז מיר פּאַרענגען צופיעל ארום זיינע שינדלען.

— איך וועל מסר'ן דעם רבי'ן! — האָט ער אונז גופא מתרה גע־ווען, ווען מיר האָבען זיך ניט געמאכט וויסענדיג און מיט גרוים אונ־געדולד אויסגעוואַרט די מינוט, ווען ער וועט שוין ארויפקלעטערען אויפ'ן דאך.

יאָשע איז געווען זעהר א בייזער איד און מיר וואָלטען טאקע בשום אופן ניט געקענט „א לקח'ע" טהאָן א פּאָר שינדלען, איז אבער געווען א נס, וואָס יאָשע'ס איינגעל האָט געלערענט מיט אונז אין איין חדר און דורך איהם האָבען מיר שוין אויך געהאט א צוטריט צו זיין סקלאַד. יאָ־שע'ס איינגעל איז געווען א גוטער חבר און האָט מעהר געזאָרגט, אז מיר זאָלען האָבען שינדלען אויף שווערדלעך, איידער זיין טאַטע צו דעקען דעם דאך.

א חוץ די שווערדלעך האָבען מיר אויך ניט פערגעסען מיטצונעהמען די פלעשעלעך שמעק־טראָפּענס.

א תענית אָהן שמעקטראָפּענס האָט געהאט אזא מין טעם ווי א סדר אָהן חרוסת, ווי פּורים אָהן א גרעגער, ווי חנוכה אָהן א דריידעל און ווי ראש חדש אלול אָהן א שופר.

אין די אפּטייקען איז דאָס געווען איינער פון די וויכטיגסטע אר־טיקלען, אפילו דער „טייטשער אפּטייקער" האָט געוואוסט אז ערב א תענית — איבערהויפּט ערב תשעה באב און ערב יום כפּור — לייזט מען א סך געלד פון די „יודען" פאר שמעק־טראָפּענס.

די כעמישע צוזאמענזעצונג פון שמעק־טראָפּענס האָבען מיר, פּער־

שטעהט זיך, קיינער ניט געוואוסט. מיר האבען נאר געוואוסט, אז עס האט א שטארקען ריח און אז עס איז גוט פאר הארץ חלשות.

היינט קען איך אייך אויסזאגען דעם סוד, אז שמעק־טראפענס זיי־נען ניט אנדערש, ווי א שטארקע קאנצענטרירטע לייזונג פון אמאניאק. אנדערע האבען זיך מיט געוועהנליכע שמעק־טראפענס ניט בענוגענט און האבען עס „צונעריכט“ מיט ביטערע שמעק טאבאק, אזוי, אז מען האט פאר א מייל געקענט פיהלען דעם ריח.

וואלטען אונזערע שטעדטלעך געהאט אן אסעמבלי, א סענאט און א קאנגרעס, וואלטען זיי געוויס די שמעק־טראפענס אריינגערעכענט צווישען אלע „דראגס“ וואס זייער געברויך איז שטרענג פערבאטען. אזוי אבער, ווי קיין אסעמבלים האבען מיר ניט געהאט, האט זיך יעדער איד, וואס האט געפאסט, גע'ריח'ט פון די שמעק־טראפענס און האט זיך מחיה געווען. גלייך נאר ווי מען האט נעפיהלט, אז עס קלעמט אונטער'ן הארצען, האט מען פארזיכטיג געעפענט די פלעשעלע און א שמעק גע־טהאן. דער הונגער איז פערטריבען געווארען און די קלעמעניש איז גע־ווען פערביי. דער קאפ האט שפעטער, אמת, שטארק אנגעפאנגען צו רייסען, אבער ווער קימערט זיך דאס אין א תענית מיט קאפ־וועהטאג?

אויפ'ן וועג צום בית עולם האבען מיר זיך איינע די אנדערע מכבד געווען צו שמעקען און יעדער איינער האט געדארפט פערזוכען א שמעק פון צווייטענס פלעשעלע. פלעגען מיר אנטרעפען גרויסע אידען מיט בלייכע פנים'ער און אויסגעלאשענע אויגען, האבען מיר אויף זיי רחמנות געהאט און זיי געגעבען שמעקען פון אונזערע פלעשעלעך. די בלייכע אי־דען פלעגען זיך פאסמאקעווען און האבען אונז שטארק געדאנקט דער־פאר. גאנץ אפט פלעגט טרעפען, אז א קונדס א אינגעל פלעגט בכיון דער־לאנגען א שטופ די האנד, ווען יענער האט געהאלטען די פלעשעלע פון ווייטען צו ריח'ן, די טראפענס פלעגען אריין אין נאז, און אנדערש מאל אויך אין די אויגען, דאס מען האט דערזעהן דעם זיבעטען הימעל.

צום בית עולם זיינען מיר געגאנגען, ערשטענס, בעזוכען די טויטע און אריינשטעקען אין די יונגע קברים אונזערע אבגעפארבטע שווערד־

לעך און צווייטענס, אנצורייסען די קלעפיגע האלב־דויטע, האלב־גרויע בערעלעך. דאס צווייטע איז נאך געווען וויכטיגער ווי דאס ערשטע.

צוריקגעהענדיג זיינען אלע אונזערע קעשענעס געווען אנגעפאקט מיט בערעלעך און מיר האבען מיט זיי מכבד געווען די אינגלעך און מיידלעך און אפילו גרויסע אידען, מיט וועלכע מיר האבען ניט געלעבט בשלום.

די מיידלעך האבען שפעטער געהאט צו זינגען און צו זאגען אייגער זיי האבען בעפרייט זייערע לאנגע צעפ פון די בערעלעך, וועלכע די קליינע מזיקים האבען אנגעקלעפט....

נאך מנחה, ווען די זונן האט זיך אנגעפאנגען צו לייגען, האט זיך דער גרויסער עולם אידען צוזאמענגעקליבען קופעס־ווייז ארום בית המדרש און שוהל און האבען ווי דורשטיגע געטרונקען די קלארע, מחיה'דיגע לופט פון דרויסען.

— האט איהר היינט געהאט א לייכטען תענית? — האט גע־פרעגט אברהם הירש דער שמש ר' מענדעל איצע'ס, דעם גבאי, פון וועמען ער איז געווען אבהענגיג מיט זיין חיונה.

— זעהר א לייכטען, ברוך השם, הלואי יום כפור ניט ערגער. ווען עס וואלט מיר נאך די קינות ניט שוואך געווארען דאס הארץ, וואלט איך אפילו דעם תענית ניט געפיהלט. איצט איז דער הונגער פערביי, נאר דער קאפ טהוט אביסעלע וועה. אבער דאס איז גארנישט. איך וואלט קענען איצט פאסטען און פאסטען.

בעת ר' מענדעל האט גערעדט, האט ער אלע ווייל: געווארפען די בליקען אויפ'ן הימעל און גלייך נור ווי ער האט דערזעהן דעם ערשטען שטערן, האט ער מיט גרויס שמחה אויסגעשריען: „רבותי, שוין צייט צו זאגען והוא רחום"...

# שבת נחמו.

דער איד איז בטבע א שטימונגס־מענש. זיין גייסטינער צושטאנד געפינט זיך גאנץ זעלטען אויף דעם מיטעלמעסינען, נארמאלען פונקט. אמאל איז ער צופיעל נידערגעשלאגען, אמאל צו פרעהליך. ווי די כוואליעס פון ים זיינען עגטוועדער העכער פון ים־שפינעל אדער נידרינער, אזוי קומען אויך פאר די בעוועגונגען אין אידען'ס נשמה. דא איז ער מרה־שחורה'דיג, נעדריקט ווי אונטער אן אונערטערגליכער משא און דא איז ער צו גוט אויפגעלעגט, אין א צו נעהויבענער שטימונג.

כ ל ל ישראל איז אין דעם פרט עהנליך צו ר ב י ישראל.

דאס אידישע לעבען, דאס רבים־לעבען פליסט ניט רוהיג, שטיל, נע־לאסען, עס איז שטענדיג ברויזיג, שטורעמדיג, הויבט זיך ארויף און ארונ־טער. די אידישע שטעדטעל האט פיינט די לאנגזאמע, מאנאטאנע, גרויע טאג־טעגליכקייט. זי איז זעלטען ווען גלייכגילטיג, אין אן איינערליי שטימונג, זי לעבט שטענדיג וואס עס איז איבער, זי איז אדער אומעטיג אדער פרעהליך, אדער זי איז אנגעטהאן אין אבילות אדער זי מאכט שמחות.

נאך די שווארצע אומעטינע, מרה־שחורה'דינע „ניין טעג" איז אין שטעדטעל מיט אמאל נעווארען לעבעדיג, מונטער. דער הימעל איז מיט אמאל געווארען קלארער און די זון האט אנגעהויבען ליכטיגער צו לייכ־טען.

אינגאנצען איין וואך טיילט אב שבת־נחמו פון שבת חזון, אבער וואס פאר א גרויסע ענדערונג עס איז פארגעקומען אין דעם אינערליכען און

אויסערליכען לעבען פון שטעדטל ! ? דער שווארצער שלייער איזארונטער־געריסען געוואָרען און איהר פנים האָט אָנגעפאנגען צו שטראהלען פון אן אינערליכער פרייד, אויף דעם קאלטען בארג אש פון די עבר'דיגע חורבונות האָבען אָנגעפאנגען צוגליהען פונקען, פונקען פון טרייסט, פונקען פון האָפנונג...

נחמו, נחמו עמי יאמר אלהיכם !

טרייסט זיך, מיין פאָלק, טרייסט זיך, אזוי טהוט זאָגען אייער גאָט.

א טרויסט־וואָרט האָט תמיד א גרויסע בעדייטונג אין לעבען פון איד. דאָס ווירקט ווי א באַלזאַם אויף א וואונד. טרייסטען אן עלענ־דען, ארייננעבען א שטראהל פון האָפנונג אין'ם האָפנונגסלאָזען איז איי־נע פון די גרעסטע מצות.

די עלטערע אידען פלעגען אוועקווארפען אלע זייערע עסקים און געהן מנחם אבל זיין. זייערע אידענעס פלעגען זיי קיין וואָרט ניט רעדען, אפילו ווען זיי פלעגען זיך לאנג זאמען און איבערלאָזען אלץ אויף זייערע פלייצעס. און אין אמת'ן, וואָס קען נאָך זיין א גרעסערע מצוה, ווי צו פערטרייבען דעם יאוש, די פערצווייפלונג ביי א נידערגעשלאָגענעם ? וואָס קען נאָך זיין שעהנער, ווי צו ערמוטיגען א מוטהלאָזען ?

און דאָ קומט דער וואָס לעבט אייביג, דער הכל יכול, און זאָגט טרויסט־ווערטער, בעפליגעלט מיט האָפנונגען אויף א גלענצענדע צו־קונפט, בלאָזט אריין א נייע נשמה אין די פערטריקענטע ביינער. ער טרייסט ווי א פאָטער זיין קינד, ווי א געליעבטער זיין געליעבטע !.. „טהו אויס דיינע אבילות־קליידער — זאָגט ער — נעהם ארונטער דעם זאק, וויש אָב דיינע טרעהרען, וואש זיך אָב, פוץ זיך אויס, פערגעס אלעס וואָס ס'איז געווען און שטארק זיך צו א נייעם לעבען, צו א לעבען פול מיט נחת און גליק"...

איז עס דען א וואונדער, אז אזוינע טרויסט־ווערטער האָבען גע־ווירקט אויף אונזערע טאַטעס און זיידעס און דאָס גאנצע אויסזעהן פון שטעדטעל האָט זיך געענדערט ?

ווי די נאכט־שאָטענס פערשווינדען פאר דער אויפגעהענדער זונז, אזוי איז פערשוואונדען געוואָרען גלייך נאָך תשעה באב די שווערע, כמו־

רעדיגע אבילות־שטימונג. אלע זיינען געווארען ווי נײ־געבוירענע, אבגע־פרישט, מונטער און לעבעדיג. קיין סימן פון דעם נעכטיגען קלאָג, קיין זכר פון די נעכטיגע טרעהרען. דער אונשולדיגער, הארציגער, הויכער געלעכטער פון די אידישע טעכטער האָט נאָך א לאנגער אונטערברעכונג צוריק אנגעפאנגען צו קלינגען, דער ווייבערשער שמועס און די מענערשע ויכוחים האָבען זיך צוריק געהערט אויף די גאסען, וואו דער פולס פון לעבען האָט אנגעהויבען שטארק צו קלאפען.

שבת נחמו איז געווען דער סעזאָן פון שמחות אין שטעדטעל. די מייסטע תנאים׳ס, חתונות, בר־מצוה׳ס זיינען פאָרגעקומען ערב אָדער מוצאי שבת נחמו. אויף שבת נחמו פלעגט דער מחותן איינלאדען זיין טאָכ־טער׳ס חתן אָדער זיין זוהן׳ס כלה, שבת נחמו פלעגט דער חזן מיט די משוררים דאווגען „אויף בילעטען“ און צוגרייטען לכבוד דעם נייע נגונים: א נייעם תכנת שבת, א נייעם אב הרחמים, א נייע קדושה.

גלייך תשעה באב אָבענד, נאָכ׳ן אבפאסטען, האָט דער חזן אנגע־פאנגען זיך צוצוגרייטען צו זיין שבת־נחמו׳דיגען דאווגען, וואָס האָט איהם אריינגעבראכט פון די בילעטען פאר א האלב יאָהר דירה־געלט. די גאס, וואו דער חזן האָט געוואוינט, איז דאַן געווען שווארץ פון מענשען, וועלכע זיינען געקומען הערען דעם חזן׳ס הכנות, אָדער ווי מען וואָלט דאָס איצט אָנרופען די „רעפעטיציעס“.

געזאנג און מוזיק האָט מען אין דער וואָך פון שבת נחמו געהאט לרוב. א חוץ דעם חזנ׳ס הכנות צום דאווגען האָבען זיך איבער׳ן שטעד־טעל געטראָגען די זיסע טענער פון די כלי־זמר, וועלכע האָבען זיך מכין געווען צו די פרייטאָגדיגע חופות און צו דעם „טאנץ“, שבת אָבענד, נאָך זמירות.

אוי ווי שעהן די קאפעליע פון אונזער שטעדטעל פלעגט שפּיעלען א פרעהליכס און דעם „כשר־טאנץ“ !... יעדער ציטער פון די שטרונעס ביי חיים דעם כלי־זמר׳ס פיעדעל פלעגט אזוי זיס, אזוי מחיה׳דיג אָב־קלינגען אין די נשמות פון די צוהערער, אז עס פלעגט ניט איבערדרי־סיג ווערען צו שטעהן הינטער׳ן פענסטער פון חיים׳ס דירה און הערען א גאנצע נאכט.

איבער די כחות פלעגט ארבייטען די וואך פון שבת נחמו קיילע די לעקעך־בעקערין. גאנצע נעכט פלעגט זי זיך ברענען און בראטען ביים אויוועז און באקען לעקעך. א חוץ וואס זי פלעגט דארפען באקען לעקעך פאר די בעלי־שמחות גופא, האט זי אויך אויסגערעכנט, אז יעדע באַלעבאסטע וועט מסתמא קויפען א לעקעך צו שיקען צו מחותנת'טעס.

— וואס ארבייט איהר, קיילע לעבען, אזוי איבער די כחות? איהר וועט דאך, אל תפתח פה לשטן, אנווערען אייערע אויגען, זעהט ווי זיי זיינען שוין אזוי רויט געווארען פון רויך. — פלעגט לאה האדעס מיט רחמנות מוסר'ן די פרומע קיילע'ן.

— וואס מען כאפט אריין איז אריינגעכאפט, נישקשה, נישקשה, איך וועל זיך אי"ה אויסשלאפען נאך שבת נחמו—האט קיילע געענטפערט, צולעגענדיג, אז זי האט נאך א גאנצען זמן דעם מלמד קיין שכר־למוד ניט געצאהלט פאר איהר וואויל־קינד, וואס איז שוין געבליבען א יתום'ל. ווען זי איז נאך געוועזן מיט איהם אויף דער צייט.

א שטארקער טרוד איז געוועזן אין די טעג פאר שבת נחמו אבא דער בית־דין שמש.

צווישען די פיעל מלאכות וואס אבא פלעגט האבען, איז אויך געווען זיין ארבייט צו בעטען אויף חתונות און אנדערע שמחות.

די מחותנים פלעגען צוזאמענשטעלען גאנצע רשימות, וועמען צו בעטען אויף זייער שמחה און אבא דער שמש פלעגט די שליחות ערפילען.

אבע דער בית־דין שמש איז ניט געוועזן קיין גרויסער בעל עברי, א כתב יד איז פאר איהם געוועזן א פערזיגעלטער בריעף, אבער דער אונטער־שמש'ל פון קלויז פלעגט איהם פאר א בערלינקע אויסהעלפען און יעדען מארגען נאכ'ן דאווענען איבערלייענען די רשימה פון די געסט, וועמען מען דארף בעטען אויפ'ן קבלת־פנים און ווענען אויף ברכה.

ניט זעלטען פלעגט טרעפען, אז אבא האט זיך טועה געוועזן, אנשטאט צו רופען אויף חתונה ביי רבי יאנקעל'ס טאכטער, האט ער געבעטען אויפ'ן שלום זכר פון רבי יאנקעל'ס אייניקעל, אבער קיין לייטישע געלעכטער פלעגט דערפון ניט ארויסקומען. מען האט געוואוסט, אז אבא

דער שמש טראָגט איצט צופיעל אויף זיין קאָפּ, און אז ער איז ניט קיין מלאך, אז ער איז ניט מעהר ווי א מענש.

פרייטאג פארנאכט האָט איבער אלע גאסען אָבגעקלונגען דער זיסער נגון, וואָס חיים דער פידלער האָט ספּעציעל צוגעגרייט, זיין קאַפּעליע זאָל שפּיעלען, ווען זי וועט פיהרען דעם חתן צו דער חופּה. אזוי ווי ערב שבת נחמו איז געווען א סך חופּות האָט זיך די קאַפּעליע געמוזט צוטיי־לען און חיים דער פידלער פלעגט נאָר שפּילען אויף דעם גביר'ס חתונה. אויף די אָרעמערע חתונות איז מען יוצא געווען מיט בערעל דעם לאַטוט־ניק און זיין ברודער, וועלכע האָבען קיין מאָל ניט געלערנט די מלאכה פון קלעזמעריי, נאָר האָבען זיך אויסגעלערענט שפּילען פון הערען. בשעת חיים האָט געהאַט אין איין פרייטאג א סך חתונות פלעגט ער צודינגען בערלען און איהם שפּעטער אָבגעבען א טייל פון דעם, וואָס מען האָט געמאַכט פון „טאַנץ".

שבת נאָכ'ן דאַוונען זיינען אלע מאַנסלייט אוועק אויף א ברכה.

געהן צום בעל־שמחה אויף ברכה האָט יעדערער געהאַלטען פאר זיין הייליגסטען חוב.

— געהן אויף ברכה איז אַן אָבגעגעבענע זאַך — פלעגט זאָגען אברהם הירש דער אויבער־שמש, וועלכער האָט סתם האָלד געהאַט א לחיים—מען איז דאָך לעבעדיגע מענשען, מען האָט דאָך עפּעס קינדער און מען וויל דאָך, אז לייט זאָלען די שמחה בעשעהנען.

שבת נחמו איז די גאַנצע שטעדטעל געגאַנגען אויף ברכה. איינער צוליעב דער חתונה פון זיין קרוב'ס זוהן, א צווייטער צו א בר־מצוה, א דריטער צוליעב דעם חתן, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו דער כלה, אנ־דערע זיינען געווען פון חתן'ס צד, אנדערע פון כלה'ס צד, אנדערע זיי־נען סתם געגאַנגען, ווייל עס איז א מצוה צו מאַכען ברכה.

צו סתם־געהער האָט בעלאַנגט מרדכי חיים יאַשעס, וועלכער פלעגט ניט פערביילאָזען קיין ברעקעל שמחה אָהן א ברכה. אין שטעדטעל האָט מען דערפון געוואוסט און די בעלי־שמחות פלעגען תמיד צווישען זייערע געסט אריינרעכענען ר' מרדכי'ן.

אום צו בעווייזען אויף אלע שמחות, פלעגט רבי מרדכי אויפשטעהן שבת באגינען, זיך טובל זיין, דאווענען ותיקין, אבלערנען דעם פרק משניות און אָנפאנגען צו געהן אויף ברכה.

ווען רבי מרדכי איז אריינגעקומען צום בעל־שמחה אין הויז, האָט מען איהם מכבד געווען צום ערשטען. דער בעל־שמחה האָט געוואוסט, אז רבי מרדכי קען לאנג ניט בלייבען, ער מוז נאָך געהן אנדערשוואו.

צוליב די שמחות האָט רבי מרדכי שבת־נחמו געטראָגען זיינע יום־טוב'דיגע מלבושים, וואָס איז בעשטאַנען פון צוויי דיקע מאנטלען. איינער האָט געדיענט פאר'ן ראָק, דער צווייטער פאר'ן אויבער־ראָק. איין אר־בעל פון אויבער־ראָק פלעגט ביי רבי מרדכי'ן שטענדיג הענגען, כדי ער זאָל מיט דער פרייער האנט לייכטער קענען צוקומען צו דער רויטער פאטשיילע, מיט וועלכער ער האָט ארומגעגורט דעם אונטערשטען מאנ־טעל, דעם ראָק הייסט עס. אין שטעדטעל איז אפילו געווען אן ערוב און מען האָט געמעגט טראָגען. ווען עס פלעגט טרעפען, אז די שונאי ישראל, די שקצים ימח שמם, האָבען דעם ערוב אויף להכעים צוריסען, פלעגט דער שמש אויסרופען נאָכ'ן דאווענען אז „מען טאָר ניט טראָגען".

רבי מרדכי איז אבער געווען א מחמיר אויף זיך און האָט תמיד מורא געהאט די שקצים זאָלען חלילה ניט צורייסען דעם ערוב נאָכ'ן דאווענען. ער האָט אפילו ניט געוואָלט זיין א מחלל שבת בשוגג און האָט דעריבער מיט דער פאטשיילע זיך ארומגעבונדען.

שבת נאָכ'ן שלאָף איז דער גאנצער עולם אוועק הערען דעם רב'ס דרשה.

דריי שבתים אין יאָהר האָט יעדער רב געמוזט דרשה'נען: שבת שובה, שבת הגדול און שבת נחמו. די איבעריגע שבתים זיינען געווען א רשות, ווי דער רב האָט געוועלט, די דריי שבתים איז אבער געווען א חוב. אזוי איז געווען אויסגענומען אין כתב הרבנות.

דער תוכן פון די דריי דרשות איז געווען פערשידען.

שבת שובה פלעגט דער רב מוסר'ן דעם עולם, מאכען דעם עולם וויינענדיג; שבת הגדול פלעגט דער רב האלטען א לומדישע דרשה, א פלפול, אבער דער תוכן פון דער דרשה שבת־נחמו איז בעשטאַנען פון

טרויסט־ווערטער. דער רב פלעגט אנפאנגען מיט א פסוק פון דער הפטרה און ריידען און ערמוטיגען דעם עולם מיט שעהנע, זיסע רייד.

דער רב האט בעוויזען מיט פסוקים פון מדרשים, אז די כנסת ישראל איז פּאַרט דאס אויסערוועהלט פאלק, דאס אתה בחרתנו־פאלק, און אויב גאט האט אונז אזוי געשטראפט, האט ער געשטראפט, ווי א פאטער שטראפט זיין איינציג קינד.

איצט האט ער שוין פערגעבען די זינד און וועט צוריק פיהרען אין ציון און ירושלים...

נחמו, נחמו עמי.

טרייסט זיך מיין פאלק, טרייסט זיך..

# אלול-צייט.

אום צו האָבען א בעגריף ווי אזוי אונזער פרומער אידישער עולם פון שטעדטעל האָט געפיהלט אלול־צייט, דארף מען זיך פארשטעלען מענשען אויף אן אונזיכערע שיף אין מיטען ים, וואו יעדע רגע קען קור־מען א שטארקע כוואליע און איבערקעהרען די שיף און אראָפּלאָזען אלע־מען אָדער א טייל פון זיי אויפ'ן תהום; אָדער איינוואוינער אויף א שפּיץ פון א וואולקאן, וועלכער קען אָהן א בעוואָרעניש אָנפאנגען צו שפּייען מיט פייער און צעשמאָלצענע מעטאלען און מאכען א תל פון זייער לאנג־יעהריגער הארֹאוואניע און אויך פון זיי גופא.

אלול־צייט האָט יעדער פרומער איד און יעדע פרומע אידענע אָנ־געפאנגען צו איבערלעבען א מאָדנע אונרוהיגקייט, א מאָדנע אונזיכערקייט מיט זייער אייגענעם לעבען און מיט דעם לעבען פון זייערע ליעבע און טייערע.

אין די דאָזיגע טעג איז יעדער פשוט'ער איד און יעדע פשוט'ע אידע־נע געוואָרען גרויסע פילאָזאָפען, ניט געקוקט וואָס זיי האָבען אפשר קיין מאָל אזא וואָרט ניט געהערט. זיי האָבען אָנגעפאנגען טיעף צו פער־שטעהן זייער אונבערייטענדען פלאץ אין דער נאטור. מישטיינס געּ־זאָגט, וואָס איז דער מענש? א פּיצינקער זאמד־קערנדעל אין גרויסע, ריע־זיגע בערג, א טראָפּענדעל וואסער אין ים אוקינוס, א ווערימל אויף אן אינזעל פון שלאנגען און עקדעשען, פון טיגערס און לעמפּערטען, א גרע־זעלע אין די גרויסע פעלדער און וועלדער. איין הויך פון ווינד, איין טראָט פון א ווילדער חיה, איין מאך מיט דער קאָסע פון שניטער — און

ער ווערט א גאַרניט, עפר ואפר, בעגראָבען און פערשאָטען, אז קיין זכר ווענט ניט בלייבען.

אין די אלול־טעג ווערט דער איד א מין פאוסט, וואָס אנערקענט טיעף זיין מאכטלאָזיגקייט, וואָס ווייס, אז איבער איהם שטעהט מעפיס־טאָ און מאכט חוזק פון איהם...

אוי, דער מעפיסטאָ, דער שטן, דער מקטרג — ווי די אידען אין אונזערע שטעדטלעך האָבען מורא געקראָגען פאר איהם!

מה אני, מה חיי!

ווער בין איך און וואָס איז מיין לעבען!

און דער איד פאנגט אָן צו בעגרייפען די גאנצע קאָמעדיע פון לע־בען און די טראגעדיע פון טויט. דו ארבייטסט, דו האוועסט, דו שמאַ־יעסט, דו לויפסט אהין און אהער ווי א ווילדע קאַץ און מיט איין מאָל, פּלוצלונג, אונערוואַרטעט, ווי פון א בעהעלטעניש, אהא! — קומט דער מלאך המות און מאכט אַ ענד פון דיין גאנצען שטרעבען און לעבען, פון דיין גאנצען ווּעלען און קעמפּפען...

אויב עס זיינען ווירקליך געווען מענשען, וועלכע האָבען געלעבט ווי פילאָזאָפען און דענקער, וועלכע האָבען זיך ערקענט און מודה געווען זייער נישטיגקייט און אונבעדייטענדקייט אין דעם גאנצען אוניווערזום— זיינען עס געווען אונזערע קליינשטעדטעלדיגע אידען און אידענעס.

עס איז לייכט חוזק צו מאכען פון די ווייבערשע תחנות, פון די מע־נערשע מלקות, און אנדערע משונה מאָדנע מנהגים. אבער זיינען זיי דען ניט א רעזולטאט פון דער גרויסער פילאָזאָפישער מורא פאר דעם „אונ־בעוואוסטען"? זיינען זיי דען ניט א פועל יוצא פון דער מאכטלאָזיג־קייט, וואָס פאוסט האָט געפיהלט פאר דעם אונזעהבארען מעפיסטאָ?

און וואָלט דען ניט געטהאָן דאָסזעלבע וואָס אונזערע קליינשטעדט־טעלדיגע אידען טהוען א מאָדערנער פילאָזאָף, ווען ער וואָלט געגלויבט, אז דער סוד פון דער וועלט איז איבער־נאַטירליך, אז מיר אלע ליגען כחומר ביד היוצר אין די הענד פון אן אלמעכטיגען, פון אן אלוויסענדען גאָט, וואָס ווייס אלעס און קען אלעס, אין די הענד פון א גאָט, פון ווע־

מען מען קען ניט פערבארגען איין בעוועגונג, איין ווארט, איין הויך, איין מחשבה?...

וואס וואלט טהאן א געפאנגענער, אן ארעסטאנט, וואס זיצט מיט זיין פרוי און קינדער אין תפיסה, ווארטענדיג א משפט. ער ווייס, אז דער ריכטער קען איהם און זיין קינד אפ'משפט'ן צום טויט, ער ווייס, אז ער קען פון איהם צונעהמען זיין פרוי און זיין קינד און איהם אליין איבערלאזען עלענד און פערלאזען אויף דער גרויסער וועלט; ער ווייס, אז ער קען פון איהם צונעהמען זיין פרנסה, איהם צו'משפט'ען א קראנק־הייט, א צרה, אן אנשיקעניש; ער ווייס פון דער אנדערער זייט, אז דער ריכטער, אויב ער זאל נאר וועלען, קען איהם גליקליך מאכען, קען איהם שענקען וועלטען פול מיט גליק און נחת, ער קען איהם צו'משפט'ן גע־זונד, רייכקייט, כבוד און אלע אנדערע תענוגים, אלעם הענגט אב נ ו ר פון איהם, פון דעם ריכטער, ער דארף נור ו ו ע ל ע ן — וואלט דען דעמאלט דער געפאנגענער זיך ניט געבויגען, זיך ניט געקניהט, געבעטען רחמים, געוויינט מיט ביטערע זודיגע טרעהרען און געזוכט אנדערע מיטלען ווי אזוי מפייס צו זיין אט דעם, אין וועמעס הענד עס ליעגט זיין מזל?

און דא קומט די גרויסע בעדייטונג פון שופר.

דער שופר איז ניט קיין זיסער אינסטרומענט און שלום־וואלף דער בעל־תוקע איז נעווים ניט געוועזן קיין גרויסער שפיעלער, אבער דער קול פון שופר האט צומישט דעם שטן, דעם מעפיסטא: די תקיעות און די תרועות האבען ניט דערלאזען דעם קטיגור, דעם פראקוראר, צוזאמענצו־שטעלען זיין בעשולדיגונגס־אקט און דעריבער האט יעדער א הייליגען ציטער געגעבען, ווען ער האט געהערט דעם שופר בלאזען, און דעריבער איז ביי יעדען געווען אזוי הייליג און טייער אט דער פאלירטער הארן פון באראן, מיט וועלכען מען האט געקענט צוטומלען דעם ערגסטען שונא — דעם שטן־המשחית.

דער שופר איז דער אידיש־נאציאנאלער אינסטרומענט. אין דער גאנצער אידישער געשיכטע האט דער שופר געשפיעלט אן אונגעהויערע ראלע. אין מדבר, ווען די אידען זיינען געלעגען צעווארפען אין נייע־

רע געצעלטען, האָט מען דורך דעם שופר געגעבן דעם סיגנאַל, אז ס׳איז שוין צייט זיך צו בעוועגען, צו מאכען נעהענטער דעם מהלך. וואָס האָט זיי אָבגעטיילט פון דעם פערשפּראָכענעם לאַנד. האָט מען בעדאַרפט איינ־נעהמען די שטארקע פעסטונג פון ירחו, האָט מען זיך בענוצט מיט׳ן שופר, און לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, ווען עס וועט זיין דער גרויסער קבוץ גליות, ווען מען וועט דארפען צונויפקלייבען אלע צוזייטע און צושפּרייטע אידעלעך, פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום, וועט מען ניט אָנווענדען קיין אנדער אינסטרומענט, ווי אָט דעם שופר.

דער איד זעהט אין שופר זיין פרייהייטס־רוף, דעם סיגנאַל, וואָס זאָגט איהם אָן, אז עס איז שוין צייט, אז ער איז שוין גענוג שטארק צוצורייסען די קייטען פון זיין שקלאַפעריי, פון זיין עבדות. און דערי־בער קלינגען אָט די האלב־ווילדע, בערגיגע, ניט־עסטעטישע טענער פון די תקיעות און די תרועות און די שברים׳ס ווי די שעהנסטע, שטאָלצס־טע פרייהייטס־מעלאָדיע.

ניט דער טאָן נופא איז וויכטיג אין א מעלאָדיע, נור דער אינהאלט, די נשמה, וועלכע דער טאָן פערקערפּערט מיט זיך. און קענט איהר גע־פינען אין דער גאנצער מוזיק אזוי פיעל אינהאלט, אזוי פיעל געפיהלען, וועלכע זאָלען זיין אויסגעדריקט דורך טענער, ווי די וועלכע אָט דער אידישער שופר דריקט אויס?

מוטה, מאכט, האָפנונג, גבורה — אָט זיינען די געפיהלען, וועלכע ווערען אויסגעדריקט דורך דעם אלטען, פערצייטיגען בארג־סיגנאַל, דורך דעם אָרעמען קול פון שופר!

דער שופר האָט ניט פערשטארקט דעם אומעט, פערקעהרט, ער האָט איהם פערטריבען; ער האָט ערוועקט א מין נצחון־געפיהל, א פערלאַנג צו קעמפפען און צו זיעגען, צו בעזיעגען דעם שטן־מקטרג; ער האָט דער־מאָנט, אז אלע שונאי ישראל וועלען אין דער צוקונפט אויך בעזיעגט ווערען מיט דעם שופר של משיח.

דער שופר איז ביים אידען געווען א שטארקער וואפען, ווי זיך צו בע־שיצען פון די אָנגרייפער, פון די שונאים, און טאקע גלייך ראש חודש

אלול נאָכ'ן דאווגען, ווען ער האָט געהערט די ערשטע תקיעה, תרועה, שברים, תקיעה, האָט זיך דער איד גענומען צו דער ארבייט — צו עבודת הבורא. זיין לענגער אין בית המדרש, זאָגען מעהר תהילים, געבען א ריכטיגע מאָס און וואָג, ניט רעדען קיין לשון־הרע, ניט טריי־בען קיין רכילות און טאקע געבען אביסעל מעהר צדקה, ווי אין די טעג פון א גאנץ יאָהר, ווען דער משפט איז ניט געשטאַנען אזוי נאָהנט פאר די אויגען.

און די אידישע פרויען! מישטיינס־געזאָגט, וואָס זיי האָבען גע־קענט פיהרען מלחמה מיט'ן שטן! לערנען קענען זיי ניט, צום מנ־ין רעכענט מען זיי ניט, און זיך לאָזען שלאָגען מלקות טאָר א אידענע ניט; די איינציגע זאך, וואָס זי האָט יא געקענט טהאָן, איז וויינען. נו, האָט זי טאקע געוויינט. געוויינט פאר די אייגענע זינד, פאר די זינד פון מאַן און איהרע קינדער און פאר די זינד פון כלל ישראל.

די אידישע פרוי האָט חודש אלול געוויינט, פערגאָסען טרעהרען, גע־געבען צדקה אין מאיר בעל־הנס, געגאַנגען אויפ'ן רייגעם אָרט, געמאָס־טען פעלד, געריסען קברים, געבעטען זכות אבות, דערוועקט רחמנות ניט אזוי פון איהר'ט וועגען, ווי פון איהרע קליינע קינדערלעך'ס ווע־גען, וועלכע זיינען דאָך געווים ריין און אונשולדיג און האָבען נאָך ניט פערזוכט דעם טעם פון זינד.

אז מען וויינט זיך אוים ווערט לייכטער אויפ'ן הארצען, און די אידישע פרוי האָט אין אמת'ן געפיהלט נאָכ'ן וויינען, ווי א שטיין איז ארונטער; זי האָט זיך אָנגעפאַנגען צו טרייסטען, אז נאָך אלעמען איז זי דאָך ניט עלענד, גאָט איז דאָך א פאָטער, אן אל רחום וחנון, און אויב ער וועט ניט פערגעהמען א י ה ר געבעט, דעם געבעט פון א זינ־דינער אשה, וועט ער דאָך געווים רחמנות האָבען אין דעם זכות פון איהר זיידען דעם צדיק, זכרונו לברכה, און פון איהר מאמען, די צדקניות, וועל־כע זיצען שוין געווים אין גן־עדן מיט די קרוינען אויף זייערע קעפּ און נעניסען פון דער שכינה. אָט זיי, דער צדיק און די צדקניות, האָבען געווים א גרויסע דעה, דאָרטען אויבען, אין דער פמליא של מעלה און ווע־לען שוין מלמד זכות זיין...

* * *

גרוים הנאה האָבען געהאַט פון ראש חודש אלול די חדר־קינדער.

ערשטענס, האָט ראש חודש אלול דערמאָנט אָן דעם בין־הזמנים, ווען מען וועט געהן דעם גאַנצען טאָג פריי, און אז אין צוויי וואָכען ארום, חצי אלול, וועט מען שוין אָנפאַנגען צו געהן האלבע טעג; צווייטענס, איז געקומען די סדרה פון שופר בלאָזען, וואָס מיר האָבען שטארק האָלד געהאַט.

דער בעסטער שופר־בלאָזער, אָדער ווי מען וואָלט איצט דאָס גע־רופען, דער „סטאַר", איז ביי אונז געווען חיים'קע נאָטעס. חיים'קע נאָטע'ס זיידע איז געווען דער בעל־תוקע אין שוהל, און ער, חיים'קע, פלעגט זיך גאַנץ אָפט צוכאַפּען צום זיידען'ס טלית־זאַק און אנטלייהען פון דאָרטען דעם שופר, דעם אמת'ען פערלמוטערנעם שופר, וואָס בענע דער דרעקסלער האָט געמאַכט פון באַראַן'ס האָרן לשמו ולשמה פאַר דער שוהל.

צוליעב חיים'קען פלעגען מיר אויך געניסען א פּאַר בלאָזען. גע־וועהנליך האָבען מיר געזוכט אין דער צייט ניט צו זיין ברוגז מיט איהם, און ווען מען איז געווען מיט חיים'קען גוט, איז מען שוין ניט געווען קיין פערפאַלענער.

חיים'קע איז געווען א גרויסער בעל־יושר, און פלעגט קיינעם ניט פון זיין כתה פערטיילען. יעדער חבר האָט בעדאַרפט מאַכען דריי בלאָ־זען, ניט מעהר און ניט ווייניגער. עס פלעגט נאָר ארויסקומען אמאָל א מחלוקה, אויב דער בלאָז איז געווען א גאַנצער בלאָז אָדער ניט מעהר ווי א האלבער בלאָז, און עס קומט איבערצומאַכען. פּסק'ענען אזא האַר־בע שאלה האָט נאָר געקענט אזא מומחה ווי חיים'קע אליין. ווי ער האָט גע'פּסק'ענט, אזוי איז געבליבען.

חיים'קע איז אויך געווען אונזער רבי אין שופר־בלאָזען. ער פלעגט אָננעהמען זעהר פּאַרזיכטיג דעם שופר אין הענטעל און אָנפאַנגען צו בעפעהלען:

— אנו, שטעק ארוים דעם צונג, ניט דעם גאַנצען צונג — פלעגט ער ווייטער מושטירען, ווען ער האָט געזעהן, אז דער צונג איז צופיעל ארוים, — נאָר אַ קליין פּיצעל צינגעלע!

און ווען דער שפּיץ צונג איז לויט חיים'קעס השערה, נאָכדעם ווי ער האָט איהם אליין צורעכט געמאַכט מיט זיינע בלאָטיגע הענדטלעך, גע־ווען ארויס ווי עס בעדאַרף צו זיין, ניט מעהר און ניט וועניגער, האָט ער אריינגעשטעקט דעם שמאָלען ענד פון שופר אויפ'ן שפּיץ צונג אין זיין חבר'ס מויל און האָט געגעבען א קאָמאַנדע:

— נו, איצט נעהם צוריק ארויס דעם צונג און בלאָז!

דער בלאָז איז אבער געווען א פּוסטער, אָהן א קול.

חיים'קען האָט דאָס שטאַרק געקרענקט. „סטייטש, ער אליין האָט געלערענט און עס איז נאַרנים".

— באיסער (באשר) דו האָסט געבלאָזען מיט'ן גאַנצען כח — פער־ענטפערט זיך חיים'קע, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר שולדיג, וואָס דער שופר האָט בשום אופן ניט געוואָלט ארויסגעבען א קול.

— מיט'ן האַלבען כח בלאָז! מיט האַלבען כח!.. — קאָמאַנדעוועט ווייטער חיים'קע.

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך דאָ פיעל בריִיען, מיר האָבען גאַנץ פּינקטליך ערפילט חיים'קעס בעפעהלען. מיר האָבען געבלאָזען און גע־בלאָזען, מיט דער צונג און אָהן דער צונג, מיט א האַלבען כח און מיט דעם גאַנצען כח, ביז וואַנעט מיר זיינען געבליבען אָהן לונגען בלאָ־זענדיג.

מילא, מיט די תקיעות פלעגען מיר ווי עס איז נאָך דורכקומען, אפילו פאַר דעם פערלענגערטען קוויטש פון די תקיעות גדולות האָבען מיר זיך ניט נעשראָקען.

שווער איז אונז געפאַלען די שברים'ס און די תרועות. און איך האָב מורא, אז איהר וועט נאָך געפינען צווישען אונזערע חברים א סך, א סך, וועלכע קענען נאָך עד היום ניט גוט בלאָזען..

# די סקארבאווע ימים-נוראים'דיגע נגונים.

אין דעם לאנגען טויזענד־יעהריגען גלות האבען די סקארבאווע נגונים פערזיסט און בע'חן'ט דאס אידיש לעבען.

אלע נאציאנען זינגען ביי זייערע תפילות אין די קירכען, אבער די נגונים, ווי שעהן זיי זאלען ניט זיין, זיינען ניט פערבונדען היסטאריש מיט דעם לעבען פון פאלק. ווי יעדעס געזאנג דערהויבען די רעליגיעזע מעלאדיען דעם גייסט פון די, וואס האבען השתפכות הנפש, וואס טהוען זיך אויס פון דער גשמיות, פון דער טאג־טעגליכער וואכעדיגקייט און קומען אין א הייליגען ארט געניסען פון דער רוחניות, פון דעם העכע־רען סארט איבערלעבענישען און געפיהלען.

די רעליגיעזע ליעדער און מעלאדיען ביי די אומות העולם האבען אבער ניט דעם דורות־לאנגען ווידער־קול, וואס עס הילכט אב אין די אידישע הערצער, ווען עס ווערט געזונגען א סקארבאווער נגון פון די ימים נוראים.

די אידישע ימים־נוראים'דיגע נגונים זיינען ניט רעליגיעז, נאר נ א צ י א נ א ל, אין זיי קלינגען אב טרויעריגע פאסירונגען פון אונ־זער געשיכטע, זיי דערצעהלען אונז אהן ווערטער, אהן ריטמען, דאס, וואס מיר זיינען אמאל, אין מיטעל־אלטער, אויסגעשטאנען אין שפא־ניען, וואס מיר האבען איבערגעלעבט אין פראנקרייך און אין ענגלאנד, אין דייטשלאנד און אין פוילען, און וואס מיר לעבען איבער איצט אין רוסלאנד.

די סקארבאָווע נגונים זיינען טיעף איינגעוואָרצעלט אין דעם איד־דענ'ס נשמה. זיי זיינען געבוירען געוואָרען צוזאמען מיט די אידישע צרות און זיינען צוזאמען מיט זיי איבערגעגעבען געוואָרען בירושה. זיי זיינען נאָך עד היום דער אָבקלאנג פון די פריידען און ליידען, וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט דורכגעמאכט אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען.

יעדער נגון האָט הינטער זיך א געשיכטע. יעדער נגון האָט ארויס־געשפּראָצט פון א גרויסער פאסירונג אין אידישען פאָלקס־לעבען און איז דעריבער פערקניפּט מיט איהם דורך טויזענדער פעדים.

די אידישע נגונים דארפען ניט האָבען קיין אָרגעל־בעגלייטונג. די סטרונעס פון דער נשמה נופא בעגלייטען און גיבען־צו א זיסען האר־מאָנישען קאָלאָריט צו די הארציגע נגונים.

די סקארבאָווע נגונים האלטען געוויס ניט אוים די כללים פון קאָמ־פּאָזיציע און קאונטער־פּונקט, אבער האלט דען דאָס גאנצע היסטאָריש לעבען פון אידישען פאָלק אוים די געזעצען פון די פעלקער'ס געבורט און טויט?

דער כל נדרי פון'ם קאָמפּאָזיטאָר בארוך איז לויט דער וויסענשאפט פון מוזיק א העכערעס ווערק ווי דער כל נדרי, וואָס רבי יאָסעל, דער חזן פון דער אלטער שול, האָט געזונגען, אבער דעם חזן'ס כל נדרי נעהמט מעהר די אידישע הערצער. דער אידישער אויער הערט אין איהם דעם אידישען קרעכץ. ער פיהלט זיין התקרבות מיט איהם און דעריבער מאכט דעם פרומען חזן'ס נגון א סך א טיעפערען איינדרוק ווי בארוך'ס קאָמפּאָזיציע. די אידישע נגונים זיינען אלט, אבער ניט אָבגעלעבט. זיי טראָגען אין זיך דעם שטעמפּעל פון דעם גאנצען עבר. דאָס איז די אלטקייט פון א פידעל וואָס שפּיעלט אַלץ בעסער, וואָס מעהר יאָהרען זי האָט.

דער איד איז בכלל מעהר נוטה צו טרויעריגע, אומעטיגע נגונים. דער אַי־אַי־אַי איז איהם נעהנטער ווי דער אַי־אַי־אַי. אפילו אין א שמחת־תורה'דיג פרעהליכס זיינען פאראן מעהר טרויעריגע טענער ווי פרעה־ליכע; די מאָטיווען זיינען מעהר אומעטיגע ווי לעבעדיגע. אין די ימים־נוראים'דיגע נגונים פיהלט זיך דער איד איינגאנצען ווי א פיש אין

וואסער. דאַ הערט ער ז י י ן טאָן, דעם אמת אידישען טאָן, וואָס בעניסט מיט באַלזאַם זיין צובראָכענע האַרץ און זיין פערוואונדעטע נשמה.

דער איד פיהלט אַן ערלייכטערונג, ווען ער קען לכל הפּחות הויך קרעכצען, ווען ער קען הויך אָבזיפצען און ביי אַ סקאָרבאָווען נגון זיפצט ער וויפיעל איהם גלוסט זיך. ער זיפצט בקול רם, אין כאָר, צוזאַמען מיט אַלע אידען, וועלכע פיהלען אויך אַ נויטווענדיגקייט אַרויסצוזינגען די אינערליכע מרה־שחורה, וואָס איז שווער און גרויס און דריקט דאָס האַרץ אין דעם ענגען און שמאָלען ברוסט־קאַסטען.

האָט איהר אַמאָל געזעהן דעם זקן רבי ישראל שמחה'ס, דעם בעל שחרית פון אונזער בית המדרש, ווען ער זינגט אָדער בעסער, ווען ער זיפצט אוים דעם המלך?

אונז, קליינוואַרג, האָט מען געזאָגט, אַז מען טאָר ניט קוקען אין פּנים אַריין די כהנים, ווען זיי דוכענען און דעם יומים־נוראים'דיגען בעל תפילה, ווען ער איז זיך מכין צו זיין דער שליח־צבור.

מיר האָבען זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטען און האָבען צייטענווייז געכאַפּט אַ קוק. אַן אימה פלעגט אונז דעמאָלט אַרומנעהמען. שטעלט אייך פאָר אַן אַלטען גרייז־גרויען אידען, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אַן ערך זיבען צעהנדליג יאָהרען, וואָס האָט שוין באַלד אויסגעגעבענע איינין ניקלעך, שטעהט מיט אַן אָפען האָריג האַרץ, אָנגעטהאָן אין אַ ווייסען קיטעל, איינגעהילט אין אַ טלית, די עטרה אַריבערגעוואָרפען איבער'ן קאָפּ, שטעהט און שאָקעלט זיך איבער'ן אָפענעם גרויסען מחזור און זינגט מיט אַ שטאַרקער באַסאָווער שטים.

ער זינגט ניט אליין. דער גאַנצער עולם זינגט מיט איהם צוזאַמען. אַלט און יונג, קליין און גרויס — אַלע זינגען. הונדערטער, טויזענדער אידען שטעהען מיט טליתים אויף זייערע קעפּ און העלפען זינגען דעם אַי־אַי־אַי פאַר'ן ה־מ־ל־ך.

דעם בעל תפילה רבי ישראל אַרט ניט, וואָס די הונדערטער משוררים זינגען ניט אין טאָן. ער אַליין האָט אין זיין לעבען אפילו קיין שטים־גאָפעל אין האַנד ניט געהאַלטען און די אָקטאַוועס נעהמט ער ניט אַזוי

ווי עס שטעהט געשריבען אין די „נאָטען“. נאָר ווי ער איז אנגעלייגט. דריקט איהם שטארק אויפ'ן הארצען. נעהמט ער א הויכע אָקטאַווע און ברומט ווי א לייב דעם פארגעזאַנג פון ה־מ־ל־ך.

רבי ישראל, דער בעל שחרית, איז געווען א שטארקער איד מיט א שטארקע הארץ. זיינע פריוואטע צרות האָט ער איבערגעטראָגען ווי א גבור. ער האָט קיינמאָל זיך ניט בעקלאָגט אויף זיין מזל. ער פלעגט אויף אלע זיינע צרות מצדיק את הדין זיין. ווען ער האָט געהערט, אז זיין בעליעבטער זון, איינער פון די חובבי ציון, פון די ערשטע פּיאָנירען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין ארץ ישראל, איז געשטאָרבען פון דעם געלען פיבער און האָט איבערגעלאָזען א יונגע אלמנה מיט פיער יתומים־לעך, האָט ער ניט געהאט טענות צום רבונו של עולם. נאָך די ווערטער: ברוך דיין אמת, וואָס ער האָט ארויסגעזאָגט מיט די בלוט פון זיין הארצען, האָט ער אויפגעהויבען די האנט צום הימעל און האָט געזאָגט: ד' נתן וד' לקח — גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען.

רבי ישראל האָט אין זיין לעבען ניט געוויינט, אבער דאָ פאר'ן ה־מ־ל־ך האָבען גרויסע טרעהרען ארויסגעפליסט פון זיינע אויגען, זיך געקייקעלט איבער זיינע איינגעפאלענע, איינגעטריקענטע, געלע באַקען און ארונטערגערונען אויפ'ן מחזור.

איך קען נאָך עד היום ניט פערגעסען רבי ישראל'ס טרערען, די גרויסע, געזאַלצענע, וואַרעמע טרערען, וועלכע האָבען גערונען און גע־טריפט אויף דעם גרויסען מחזור.

דאָס זיינען ניט געווען טרערען פון אייגענע צרות. דאָס זיינען ניט געווען טרערען פון א יחיד. דאָס זיינען געווען כלל טרערען. אין רבי ישראל'ס טרערען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די צרות פון גאַנצען כלל. דאָס זיינען געווען טרערען, וועלכע פליסען אין דעם בעכער, אין דעם כס הדמעות, וואָס שטעהט אויבען אין די הימלען, נעבען כסא הכבוד און וואַרט ביז ער זאָל פול ווערען כדי משיח זאָל קענען קומען...

רבי ישראל האָט געוואוסט די גרויסע אחריות, וואָס ער נעהמט אויף זיך דערמיט, וואָס ער ווערט דער שליח צבור פאר אן עדה אי־דען אין דעם טאָג, ווען גאָט ברוך הוא אליין קעניגט. ער האָט געוואוסט,

אז אויב ער זאָל חס ושלום נכשל ווערען אין א תפילה, קען דערפון ליי־
דען דער גאנצער צבור; אויב ער זאָל חלילה פערבייטען א תקיעה אויף
א תרועה, א תרועה אויף א שברים, קען דער שטן האָבען א פתחון פה...
און ער האָט דעריבער אזוי געוויינט און נעקרעכצט ביים ה־מ־ל־ך, דאָס
ערשטע וואָרט מיט וואָס ער פאנגט אָן זיינע תפילות אלס א שליח צבור.

דאָס וואָס דער בעל שחרית רבי ישראל האָט געפיהלט און אויסגע־
קרעכצט מיט זיין אי־אי־אָי־אי פאר'ן ה־מ־ל־ך, האָט מיט איינינע שעה
שפּעטער אויסגעדריקט דער בעל מוסף רבי מרדכי־שמואל דורך ווערטער
מיט זיין הנני...

און אזוי ווי ביים ה־מ־ל־ך אזוי אויך ביי הנני האָט די עדה אידען
געזוננען צוזאמען מיט'ן חזן און עס האָט זיך בעקומען אן אלגעמיינע,
איינהייטליכע, הייליגע שטימונג, וואָס האָט געהערשט די גאנצע יומים
נוראים.

# די ערשטע סליחות.

שבת פאר די ערשטע סליחות איז די שטעדטעל געוואָרען אונרר־היג. א שטילער פחד האָט איבער אלעמען פערשפרייט זיינע טונקעלע פליגלען. די מורא פאר דעם גרויסען יום הדין, וואו דער שופט עליון וועט פאָדערן א חשבון פון אלע מעשים, איז געווען קענטיג אויף די געזיכטער.

אלע — פרויען און מענער, קליין און גרויס, אלט און יונג — אלע האָבען אָנגעפאנגען צו מאכען הכנות פאר ראש השנה, ווען דער מזל פון די רשעים גמורים און פון די צדיקים גמורים וועט גלייך ווערען בע־שטימט.

אַן אימה פאלט אַן, ווען מען זיצט אין א געריכט־הויז, וואו מען איז דן דיני נפשות. די, וועלכע זיינען אין משפט פערמישט, ציטערען ביי יעדער בעוועגונג פון ריכטער. די הכנות און דער גאנצער סדר פון אויסקלייבען די געשוואָרענע נעהמען ארויס די געזונט. און דאָ קומט דער לעצטער שבת פאר דעם גרויסען וועלט־געריכט! גלייך ווי דער שבת ענ־דיגט זיך, רופט דער ריכטער פון אויבען, דער שופט עליון, דעם קטיגור מיט'ן סניגור, זיי זאָלען זיך אָנגרייטען מיט זייערע טענות. איז דען א וואונדער, אז דער גאנצער עולם האָט געהאלטען אין איין פחדן, אין איין ציטערען אין די טעג פאר ראש השנה?

תפילה איז איינע פון די מיטלען, ווי מבטל צו זיין א שלעכטע גזירה און דער עולם האָט זיך זעהר שטארק גענומען אָט פאר דעם מי־טעל. אין די עטליכע טעג, וואָס זיינען געבליבען ביז ראש השנה, קען מען נאָך א סך פועל'ן ביי דעם רבונו של עולם און מען טאָר ניט פער־

לירען די געלעגנהייט, כל זמן עס איז נאך ניט צו־שפעט.

שבת נאך מנחה איז דער עולם ניט אוועק אהיים צו שלוש סעודות ווי דער מנהג איז, נאר איז געבליבען זיצען אין שול נופא. דאס עסען האט איבערהויפט געשפיעלט א קליינע ראליע אין די טעג פון די ערשטע סליחות ביז מוצאי יום כפור. אזוינע פרומע אידען ווי רבי נאטל לאה־דבורה'ס, ר' הלל וועלווע העלמען'ס און אבא דער בית־דין שמש פלעגען די גאנצע צייט פאסטען, בפועל ממש פאסטען. יעדען אווענד נאך מעריב פלעגען זיי זיך וואשען און נעהמען אין מויל אריין א פאר כזיית'ן, אבער ניט מעהר ווי כזיית'ן, אונטערצולעהנען דאס הארץ, כדי זיי זאלען קענען אויף מארגען ווייטער פאסטען.

גלייך נאר ווי עס האבען זיך געוויזען די ערשטע סמנים פון'ם בין השמשות איז ארויף אויפ'ן בימה שלמה תהלים זאגער און האט אנגע־פאנגען מיט אן אומעטיגער, וויינענדיגער, אבער הארציגער שטים:

אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ד.

און די עדה אידען האט געענטפערט:

אשרי נוצרי עדותיו בכל לב ידרשוהו.

און אזוי האט זיך א פסוק אום א פסוק נעביטען שלמה מיט'ן גאנ־צען צבור ביז וואנעט אין שול איז געווארען חשך פינסטער.

שלמה תהלים זאגער האט ניט בעלאנגט צו די כלי קודש. מען האט איהם וויפיעל מאל פארגעשלאגען, ער זאל ווערען אין א מנין א שמש, אבער ער האט די שמשות ניט אנגענומען.

— גאט ברוך הוא האט מיר געשאנקען א פאר הענט און איך וויל האבען חיונה פון יגיעי כפי — פלעגט ער שטענדיג בטעמה'ן זיין אבזאג פון א קהל'שע משרה.

מלאכות האט שלמה געהאט א סך. זומער צייט פלעגט ער זיך פארקע־נען אין זיין גארטען, וואס ער האט נעקראגען בירושה, פלעגט ארונטער־נעהמען אביסעל בולבעס, מערען, ספרוטען און אנדערע ירקות, זיי פערפאקען אין זעק און אליין אוועקטראגען אויפ'ן מארק פערקויפען.

ווינטער איז שלמה געווארען אן איינבינדער און האט זיך געפיהלט גליקליך, ווען זיינע הענט פלעגען דארפען איינבינדען די גמרא'ס, די

משניות'ן און אנדערע הייליגע ספרים. קיין למדן איז ער ניט געווען. אפילו ביים עיין יעקוב פלעגט ער זיצען אהן כונה און אונטערכאפּען אמאל א דרעמעל. דערפאר איז ער אבער געווען א גרויסער בעל תהלים.

פון א וואך נאך דער חתונה אן — און דאס איז געווען אן ערך פערציג יאהר — האט שלמה ניט פערפעהלט צו זאגען לכל הפחות א יום תהלים פאר'ן דאווגען. דאס איז געווען אין מיטען וואך.

שבת פלעגט שלמה ניט נאר זאגען פאר זיך, נאר אויך פארזאגען פאר אנדערע תהלים. זומערצייט פלעגט שלמה שבת נאכ'ן עסען, ווען אלע פלעגען נאך שלאפען, אוועק אין שול און צוזאמען מיט א פאר מנינים פון זיין חברה תהלים דורכזאגען דעם תהלים פון אנפאנג ביז'ן סוף. ווינטער, ווען די טעג זיינען קורץ און מען קען ניט בעווייזען דורכצוזאגען דעם תהלים בייטאג, פלעגט שלמה אויפשטעהן דריי אזייגער פארטאג.

אלע האבען געוואוסט, אז אין די פערציג יאהר האט שלמה נאך ניט פערפעהלט איין שבת אפילו צו געהן איז שול צו תהלים. און קומען פלעגט שלמה אין שול פינקטליך, צו דער רגע. קיינע שטורעמס, קיינע פרעסט און קיין רעגענס האבען ניט געקענט מאכען, אז שלמה זאל פערשפעטיגען צום תהלים. די וועלכע האבען געוואוינט אין די גאסען, וואו שלמה פלעגט דארפען דורכגעהן אין שול אריין, זיינען שוין געווען גוט בעקאנט מיט זיינע טריט און פלעגען דערקענען זיין גאנג. אפילו די הינט פון שטעדטעל האבען, דאמעות, שוין גוט געקענט שלמה'ס הילוך. זיי האבען קיינמאל ניט געבילט ווען ער איז געגאנגען.

— עס איז שוין דריי אזייגער פארטאג, שלמה געהט שוין תהלים זאגען — פלעגט א לוסטיגע חברה, וואס האט זיך ערגעץ וואו פערשפעטיגט און ניט געוואוסט די צייט, א כאפּ געבען.

אויך די וועכטער און די שטעדטעלשע גויים האבען נאך שלמה'ס טריט דערקענט די צייט. שלמה פלעגט געהן אהן א לאמטערן. ער האט געקענט דעם וועג אין דער פינסטער. פערציג יאהר ווי ער געהט אויף איהם...

דאָס תהלים זאָגן איז פאַר שלמה'ן געווען ניט א מצוה, ניט א חוב, ניט א מוז, נאָר א גרויסער תענוג, א שטיק עולם הזה. אזוי האָט שלמה טאַקע מפורש אליין זיך מודה געווען: „עס איז אן עולם הזה צו זאָגן א פּאָר פּסוקים תהלים".

ווען שלמה האָט א זאָג געטהאָן א למנצח בנגינות, א מזמור שיר, פלעגט ער ווערן מאָדנע בעגייסטערט, זיין פּנים האָט אָנגעפאַנגען צו לייכטען און פון זיינע אויגען האָט דורכגעשטראַהלט אן אינערליכע התלהבות. זיין נשמה איז דערהויבען געוואָרען פון דוד המלך'ס פּאָעזיע און מען האָט געזעהן, ווי ער הערט נאָך איצט, נאָך א שעהנע פּאַר טויזענד יאָהר, יעדען קלאַנג, יעדע בעוועגונג פון דוד'ס האַרפע.

אזוי ווי דאָס תהלים זאָגן פלעגט א גאַנץ יאָהר פאַרקומען, ווען דער געוועהנליכער עולם שלאָפט, האָט מען שלמה'ן ווייניג וואָס געזעהן. פון ראש חודש אלול האָט זיך שלמה אָנגעפאַנגען אָפּט צו ווייזען אויפ'ן בימה, אפילו ווען דער עולם האָט ניט געשלאָפען, און פון שבת נאָך מנחה פאַר די ערשטע סליחות ביז דעם אָווענד פון כפרות שלאָגן איז שלמה געווען דער אמת'ער הערשער פון דער בימה.

קוים האָט ער געזעהן, אז דער עולם שטעהט אין שול סתם אזוי און שמועסט, האָט ער גלייך דערלאַנגט א פּאַטש אויפ'ן שולחן און אָנ־געפאַנגען מיט א ניגון אן אשרי האיש אָדער אן אשרי תמימי דרך... און ווען שלמה האָט אָנגעפאַנגען, האָט ער זיך שוין פון תהלים ניט אזוי גיך אָבגעריסען. ער האָט געזאָגט און געזאָגט אָהן אן אויפהער ביז וואַ־נעט עס איז געקומען די צייט פון דאַוונען.

*  *

די הקדמה צו די ערשטע סליחות איז געווען דער „מזמור לדוד", וואָס דער חזן מיט די משוררים האָבען געזונגען פאַר מעריב.

דער מזמור לדוד איז געווען דער אריינפאָהר, די „אָוועריטיור" צו די סליחות טעג און צו די עשרת ימי שובה. מיט דעם מזמור לדוד איז דער חזן צום ערשטען ארויסגעטראָטען מיט זיינע ימים־נוראים'דיגע נגונים.

יעדעס יאָהר פלעגט דער חזן אנדערש זינגען דעם מזמור, אבער ווי דער ניגון זאָל געווען זיין ניי, האָבען זיך אין איהם שטענדיג אבגעקלונגען, ווי א ווידער־קול, די טענער פון די סקארבאָווע מעלאָדיען פון ראש השנה און יום כפור.

שעהן און הייליג איז געווען די שטימונג ביים מזמור לדוד.

אין שול איז געווען פינסטער. א געוויסע מעלאַנכאָליע האָט נע־קלעמט און גענומען פאַר'ן הארצען. איטליכער האָט געפיהלט, אז עס קו־מען אָן שרעקליכע, פירכטערליכע טעג; טעג, ווען דער גייסט דארף איינ־נעהמען דעם קערפער, ווען די רוחניות דארפען אריבערוועגען די גשמיות, ווען די נשמה דארף זיך טובל זיין אין א ים פון תפילות און תחנונים. עס קומט א צייט, ווען מען דארף זיך אויסטהאָן פון די קליינליכע מענש־ליכע בעגעהרען און תשוקות, ווען מען דארף זיך רייסען פון דער ערד און שטרעבען צו די הימלען, ווען מען דארף זיין מעהר געטליך ווי מענשליך. אין הסכם מיט אָט אזא שטימונג האָט דער חזן געזונגען; גע־זונגען א תפילה, א מזמור צו דעם קעניג פון אלע קעניגען, צו דעם מלך מלכי המלכים.

מאוים'דיג, אבער שעהן און הייליג האָט מען אין יענע מינוטען געפיהלט!

נאָך מעריב האָט זיך דער עולם געזעגענט, כדי אין גיכען זיך צו זעהן צו די ערשטע סליחות.

שבת־צו־נאכט זיינען אנדערע נעגאנגען שלאָפען צו־שפעט און אנ־דערע צו־פריה. די אינגערע, די וועלטליכע, די סוחרים האָבען גע־ווארט ביז האלבע נאכט און האָבען שוין דאן אָבגע'פטר'ט די סליחות. די פרומע אידען אבער האָבען זיך געלעגט פריה שלאָפען כדי אויפצושטעהן אויף מאָרגען קודם עלות הבוקר, ווען עס איז נאָך רעכט־פינסטער.

צוויי אזייגער ביינאכט איז אבא דער שול־רופער ארומגעלאָפען מיט זיין גראבען ראהרענעם שטעקען אין איין האנט און מיט א גרויסען לאמטערן, וואו עס האָט זיך געהויבען ארויף און ארונטער דער טונקע־לער פלאַם פון א חלב'נע ליכט, אין דער צווייטער האנט, און האָט נערו־פען צו די ערשטע סליחות.

אבא דער שול־רופער איז געגאנגען פון הויז צו הויז און האט אנגעקלאפט אין די לאדענס פון די פענסטער:

שטארקט זיך לעבודת הבורא!

שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!

א מוטער שטעהט מיט פערשלאפענע, קלעפיגע אויגען און וויגט איהר קינד, וואס איז אזוי אונרוהיג און וויל ניט אויפהערען צו וויינען. זי גיט א ציטער, ווען אבא קלאפט אן אין לאדען און שרייט אויס מיט זיין דיקען הייזעריגען קול:

שטארקט זיך לעבודת הבורא!

שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!

ערגעץ וואו דרעהט זיך א חולה אויף זיין קראנקען בעט, וואו זיינע וועהטאגען לאזען איהם ניט רוהען און צעוויינט זיך, ווען צו זיינע אויערען טראגט זיך אבא'ס אומעטיגער הארץ־נאגענדיגער פזמון:

שטארקט זיך לעבודת הבורא!

שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!

דער ווינט פייפט און ברומט און לאזט ארויס אלערליי משונה ווילדע קולות. די בלעטער פון די פייכטע בוימערווארפען זיך איינע אויף די אנדערע און סוד'ען זיך. ניט ווענינ פון זיי פאלען אויף דער ווייכער בלאטינער ערד. פון דער ווייטענס טראגט זיך דער רוגזה'דינער געוויש פון די וואסער אין טייך, וואס פליסט און פליסט אהן אן אויפהער, אהן א צוועק, און אבא דער שול־רופער קלאפט אין טיר און אין פענסטער:

שטארקט זיך לעבודת הבורא!

שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות!

# ראש השנה.

ניי־יאָהר ווערט ביי אלע פעלקער און נאציאָנען בעגעגענט מיט גרויס פאראד, ביי אידען ווערט ראש השנה בעגעגענט מיט שרעק. די גויים פרעהען זיך מיט'ן ערשטען טאָג פון'ם נייעם יאָהר. מען זינגט, מען טאנצט, מען הוליעט; די אידען בעוויינען איהם, מען קלאָגט, מען פערגיסט טרעהרען, מען יללה'ט.

געזונטע, נאָרמאלע, לעבענס פריידיגע מענשען זיינען זאָרגלאָז בנוגע דער צוקונפט; זייער לעבען פליסט רעגעלמעסיג, אָהן בעזונדערע איבערראשונגען און ענטוישונגען. ציטעריגע, נערוועאישע, בעזאָרגטע מענשען האלטען אין איין מורא האָבען, אין איין איבערקלעהרען.

דער איד האָט א רעכט צו זיין פערזאָרגט. ער וויים פון ערפאהרונג, אז ווי שלעכט עס איז, קען זיין נאָך ערגער און א מאָדנער פחד נעהמט איהם דורך. שווארצע, פינסטערע פאָרשטעלונגען און בילדער פאנגען זיך אָן צו מאָלען אין זיין קאָפּ, ווען ער דרינגט אריין אין דער צוקונפט, וואָס איז פערשטעלט מיט א געהיימניספולען שלייער. ווער וויים, וואָס דער נייער יאָהר וועט מיט זיך ברייננגען? אלע בעשעפענישען פון דער וועלט ווערען גע'משפט. אלעמענס מעשים ווערען איצט נאָכגעזוכט. דאָס בוך פון די פאסירונגען, פון די קלענסטע ביז די גרעסטע, ליעגט אפען פאר דעם אויבערשטען וועלט־ריכטער, פאר דעם שופט עליון. עס העלפט דאָ ניט קיין לייקענען. איטליכער האָט מיט זיין איינען האנד פערשריבען זיינע גוטע און שלעכטע מעשים. ווער וויים, ווי דער פסק דין וועט זיין? ווער וויים, וואָס פאר אן איבערקעהרעניש עס קען נאָך פאָרקומען?

דער שטאַרקסטער מאָמענט, דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פון ראש השנה, ווי פון די ימים נוראים בכלל, קומט פאַר ביים ונתנה תוקף. דער ונתנה תוקף דריקט אויס די שטימונג, וואָס הערשט: עס ווערט דאָ אויסגעזאָגט מיט ווערטער, וואָס דריקט אַלעמען אויפ'ן האַרצען. און דעריבער וויינען אַזוי אידען אין שול, ווען זיי זאָגען ונתנה תוקף:

„מי יחיה ומי ימות, מי בחרב ומי בחנית".

די גאַנצע געהיימנים פון דעם מאָרגענדיגען טאָג, די צוקונפט, שטעלט זיך דאָ די אידען פאַר אין איהר גאַנצער גרויזאַמקייט.

אפשר טאַקע — טראַכט זיך אַ גוטע אידישע מוטער — וועט איהר'ס אַ קינד פערוואָגעלט ווערען ערגעץ־וואו אין עק וועלט און זי וועט פון איהם אפילו קיין בריוועלע ניט האָבען; אפשר — טראַכט איבער אַ טרייער פרומער פאָטער — וועט זייגע אַ טאָכטער אַרונטער־געהן פון גלייכען וועג; אפשר — קלעהרען זיי ביידע איבער מיט שרעק — וועט קומען דער טויט און אַרויסרייסען אימיצען פון זייערע געליעבטע. אפשר...

מען איז ביי גאָט אין די הענד און מען ווייס ניט וואָס מאָרגען און איבערמאָרגען וועט זיין. מען ווייס ניט, וואָס די צוקונפט וועט מיט זיך ברייננגען. און אָט דיזער געדאַנק: טאָמער, אפשר קען זיך, חס ושלום, עפּעס וואָס טרעפען, רופט אַרויס אַ שוידער, אַ געוויין, אַ יללה.

די גאַנצע אידישע לעבענס פילאָזאָפיע איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די לעבענס פילאָזאָפיע פון די אומות העולם.

בעת מיר לעבען לעבען מיר,
און קומט דער טויט שטאַרבען מיר.
אַזוי דענקען די גויים.

דעם אידען געהט ניט איין דאָס לעבען אויס מורא פאַר'ן טויט.

דער איד פערטיפט זיך מעהר אין די פראַגען פון „זיין" און „ניט זיין", פון „ווערדען און פערגעהן" און פערשטעהט דעריבער גרינדליכער דעם אונזיכערען פלאַץ, וואָס ער פערנעהמט אין דער וועלט.

דאָס אידיש לעבען איז אַזוי אונגאָרמאַל, איז אַזוי אונטערגעוואָר־

פען פערשידענע סבות, דאָס עס האָט זיך געמוזט אויסאַרבייטען א מין שרעקעדיגער, אונזיכערער געדאנקען־גאנג.

דער איד האלט ניט נאָר אין איין קלעהרען, נאָר אין איין א י ־ ב ע ר קלעהרען, דער א פ ש ר הערט ניט אויף איהם צו נאָגען. אין יעדער גרויסער שמחה גנב'עט זיך ווי א גיפטיגער שלאנג אריין דער „אפשר" און פערשטערט זי.

ווערט געבוירען א קינד, פאנגט דער פאָטער אָן איבערצוקלעהרען: אפשר וועט דאָס קינד זיך ניט האָדעווען ווי עס בעדאַרף צו זיין, אפשר וועט עס ארונטער פון דרך הישר און וועט האָבען פון איהם מעהר צער ווי נחמה. פיהרט א מוטער איהר טאָכטער צו דער חופּה, האלט זי אין איין וויינען. איהר טאָכטער קומט איצט אריין אין א נייער וועלט, זי פאנגט אָן צו פיהרען א ניי לעבען, אפשר... אפשר וועט דאָס לעבען ברייגגען מעהר צרות ווי גליק, מעהר ליידען ווי פריידען.

ראש השנה און יום כפור לעבט דער איד איבער א וועלט מיט געדאנקען. אין זיין מח שטויסען זיך צוזאמען, ווי די כוואַליעס פון ים, פערשידענע געפיהלען: שרעק און בטחון, חרטה און בעשלאָסענקייט, יאוש און האָפענונג. דער גרונד־געדאנק, דער לייט מאָטיוו פון אַט די אלע נשמה־בעוועגונגען איז די מורא פאר דאָס אונבעוואוסטע, די אונזיכערקייט מיט דעם שפּעטער, דער מי יחיה ומי ימות, דער מי בחרב ומי ברעב; די אלע אנדערע געדאנקען און רעיונות זיינען בלויז ניואַנסען, בעגלייטונגען פון אַט דעם לייט־מאָטיוו, וואָס געהט דורך ווי א רויטער פאָדים ז'ורך אלע תפילות, פיוטים און שפּיגעלט זיך אָב אין די נגונים.

א חוץ ביי ונתנה תוקף, זיינען זעהר שטארק די מאָמענטען ביים שופר בלאָזען.

צום שופר בלאָזען מוזען קומען אלע, אלט און יונג, קליין און גרויס. די קראַנקע לאָזען איבער די בעט, די אמען — די זויגלינגע, אפילו די דיענסט־מיידלעך לאָזען איבער דעם צימעס, טהוען אָן א ווייסען פאַרטוך און קומען צו זייערע באַלעבאָסטעס אין דער וויבערשער שול הערען שופר בלאָזען.

דאַ דאַרף מען בייקומען דעם ערגסטען שונא, דעם אונזעהבאַרען שוואַרצען פיינד, דעם מקטרג, דעם שטן, און אַלע מוזען זיין דערביי, קיי־נער טאָר ניט פעהלען.

אום צו קענען שלאָגען דעם שונא דאַרף קודם כל בעשאַפען ווערען אַן אַלגעמיינע שטימונג, אַ מלחמה שטימונג. דאָס ווערט געטהאָן דורך דעם למנצח, וואָס יעדערער מוז איבערזאָגען זיבען מאָל נאָכאַנאַנד.

אין בית המדרש איז שטיל. אַלע שטעהען מיט די טליתים איבער די קעפּ, מיט'ן פּנים צום מזרח און וואַרטען. די קליינע קינדער שטעהען לעבען די טאַטעס, וועלכע היליען זיי איין מיט זייערע טליתים.

עס עפענט זיך די טיר פון בית המדרש און לייכטע לאַנגזאַמע טריט שניידען דורך די שטילקייט. דאָס קומט רבי שלום וואָלף דער בעל תוקע פון מקוה, וואו ער איז זיך טובל פאַר די תקיעות.

עס דויערט נים לאַנג און שלום וואָלף שטעהט שוין אויפ'ן בימה אין זאָקען, אַנגעטהאָן אין אַ קלאָר־ווייסען קיטעל און איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען טלית. אין עזרת נשים בעוועגען זיך ווייסע לייל־עכער— תכריכים, וועלכע לעבעדיגע מענשען האָבען אָנגעטהאָן. עס דוכט זיך, אַז אויך טויטע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע קברים און געקומען אין זייערע תכריכים הערען שופר צווישען די לעבעדיגע.

רבי שלום וואָלף הויבט אָן מיט אַ וויינענדיגער, הייזעריגער שטים, אין וועלכער עס האָט זיך געפיהלט אי געבעט, אי רחמנות, אי גבורה:

למנצח בנגינות מזמור שיר...

און גלייך נאָך, ווי שלום וואָלף האָט אַרויסגעזאָגט די ערשטע ווערטער, האָט די גאַנצע עדה אידען אָנגעפאַנגען צו זאָגען דעם למנצח.

ווי אין אַ ברויזיגען, שטורעמדיגען ים, וואו פערשידענע כוואַליעס מישען זיך אינאיינעם אויס און לאָזען אַרויס אַ מאָדנעם גערויש, אַזוי האָבען זיך די פערשידענע הונדערטער שטימען דורכגעמישט אין איין שטאַרקען שאַלען, וואָס איז בעגלייט געוואָרען מיט ביטערע געוויינען און שלוכצען, וועלכע האָבען זיך געטראָגען פון דער ווייבערשער שול. קיין איין־איינציג וואָרט, קיין איין־איינציג שטים האָט מען אין דעם

שאלען און דעם גאנצען מענשליכען זשומען ניט געקענט אונטערשיי־
דען. אלעס איז געווען דורכגעמישט און דורכגעפלאכטען אין איינעם.

מיט איין מאל האט דאס תהילים זאגען אויפגעהערט. דער ווייבער־
שער געוויין איז אבגעהאקט געווארען. אין בית המדרש איז צוריק גע־
ווארען שטיל, נאך שטילער ווי פריהער. די עלטערע האבען איינגעהאלטען
דעם אטעם און די קינדער האבען מורא געהאט ארויסצולאזען א פיפס.
די הערצער האבען געקלאפט. דער עולם איז געשטאנען אין ציטערניש
און נעדולדיג געווארט...

שלום וואלף האט זיך אויסגעהוסט און ווען אלע האבען געפיהלט,
אז ער האט שוין אריינגעשטעלט דעם שופר אין מויל, האט דער בעל
שחרית, רבי ישראל צעסנעם, וועלכער איז אויפגעשטאנען פינף אזייגער אין
דער פריה און פון דאן אן זיך ניט אוועקגעזעצט, וועלכער איז דריי שעה
נאכאנאנד געשטאנען פאר'ן עמוד און געדאווענט שחרית — פלוצלונג
א געשריי נעגעבען מיט גרויס גבורה:

תק־י־עה ! !

און שלום וואלף לאזט ארויס פון שופר א קלאהרע לאנגע תקיעה,
פאר וועלכער דער שטן האט געמוזט צוטומעלט ווערען.

ש־ב־רי־ם...

סופלירט ווייטער רבי ישראל מיט א שטארקען באסאווען קול.

און ר' שלום וואלף צוהאקט אזוי קונציג דעם לאנגען טאן פון דער
תקיעה אין קליינע טיילען און ענטפערט דורכ'ן שופר אויף רבי ישראל'ס
סיגנאל.

— תרועה ! !

שרייט ווייטער רבי ישראל מיט מעהר שטאלץ און מיט מעהר
כח, מיט'ן פולען בעוואוסטזיין, אז אט־אט ליעגט דער שטן א צו'הרג'ע־
טער, א דערשלאגענער אויף דער ערד, אז ער וועט שוין קיין פתחון פה ניט
האבען.

און רבי שלום וואלף צוהאקט די תקיעה אין נאך קלענערע פיצינקע

טיילכעלער, אזוי אז פון איין נאנצע תקיעה האט זיך בעקומען א סך צו־בראכענע, פערטיל תקיעות.

און אזוי האט רבי ישראל געזאגט מיט ווערטער און רבי שלום וואלף האט געבלאזען מיט'ן שופר די אלע תקיעות און די שברים'ס און די תרועות, וועלכע שטעהען אין מחזור, ביז דער לעצטער תקיעה גדולה, פון וועלכער דער שטן איז אזוי מבולבל געווארען, אז ער האט שוין מעהר קיין תקומה ניט געהאט...

# שבת שובה.

שבת שובה האט פערנומען א בעזונדערן ארט אין דעם נשמה־לעבען פון אונזערע טאטעס און זיידעס.

אויב ס'וואלט געווען מעגליך פארצושטעלען די געפיהלען און איבער־לעבענישען פון די עשרת ימי שובה אין א פלאסטישער, בולט'ער פארמע, וואלט איך געזאגט, אז שבת שובה איז א גרין, ווייך, חן'עווריג פעלד צווישען צוויי גרויסע, ריעזיגע בערג; א שעהן, רוהיג פליסענד טייכעל, וואס פעראייניגט צוויי מעכטיגע, ברויזענדיגע שטראמען.

צווישען דעם שאלען פון די טראמפייטען, צווישען די הויכע, שריי־ענדיגע, פיעל קולות'דיגע תפילות און תחנונים פון ראש השנה און יום כפור איז שבת שובה די קול דממה דקה, די שטילע, רוהיגע אינערלי־כע שטים, וואס בלייבט אין הארצען און געהט ניט ארוים אין דער אויי־סערליכער וועלט.

שבת שובה איז דער טאג פון חשבון הנפש; דער טאג, ווען מען פערטיפט זיך אין זיך אליין, ווען די גאנצע אויסערליכע וועלט, די אלע מעשים און פאסירונגען פון יאהר ווערען קאפירט און איבערגעמאס־טען אין דעם „איך", אין דעם חדרי חדרים פון דער נשמה, וואו עס ליע־גען בעהאלטען די גרעסטע סודות, די טיפסטע געהיימניסען פון לעבען.

דער קטיגור מיט'ן סניגור, דער אנקלעגער און דער פערטיידיגער האבען לכבוד שבת שובה אבגעלאזען זייערע טענות און וכוחים צווישען זיך, גאט אליין האט אויסגעטהאן זיינע ריכטער־קליידער, די מלחמות צווישען שטן און דעם מליץ יושר זיינען געקומען צו א שטילשטאנד און די נע'משפט'ע, וועלכע זיצען אויפ'ן אנקלאגע־באנק, האבען צייט אליין

צו בעטראכטען זייערע מעשים, אבצואוועגען דאס גוטע און דאס שלעכ־
טע, מאכען א סך הכל פון דעם פערגאנגענעם יאהר, חרטה האבען אויף
דאס בייזע און ווידערקעהרען זיך צוריק צו גאט, צו דעם סוד און תכלית
פון דער בריאה...

שובת בנים שובבים לד׳ אלהיכם...

קומט צוריק, קעהרט זיך אום צו אייער גאט...

שבת שובה רעדט דער איד ניט ארויס, וואס ער פיהלט. **איינעווע־
ניג,** אין הארצען פלאגט איהם דער געפיהל פון חרטה. די חרטה איז
צו־שטארק, מען זאל זי אבשוואכען מיט ווערטער; זי איז צו־הייליג פער־
שוועכט צו ווערען דורך דער בעריהרונג מיט דער אויסענוועלט.

שבת שובה הערט אויף דער איד צו זיין א טייל פון א רבים, א פרט
פון א כלל, זיין אייגען יחיד׳יש וועלטעל ווערט ברייט און גרויס. ער פער־
טיעפט זיך אין זיינע אייגענע געדאנקען; ער איז זיך מתבודד אין זיינע
איינענע רעיונות; ער בעטראכט דעם מהלך, די בעציהונג פון איהם צו
גאט און קלעהרט וועגען מיטלען ווי זיך צו דערנעהנטערען, זיין נשמה
זאל ניט ארומבלאנדזשען איינזאם און עלענד אויף דעם עולם התעה, זי
זאל בעסער קומען צו איהר תכלית, צו איהר מקור.

די אויסערליכע נאטור, וואס רינגעלט ארום דעם מענשען אין דער
צייט פון די עשרת ימי שובה. איז אין הסכם מיט דעם אידענס רעיונות
און מחשבות. דעם אידענס נשמה איז אין א געוויסען זין אן אבשפיגלונג
פון דער אויסערליכער נאטור.

אין דער צייט פון יאהר געזעגענט זיך אב דער זומער מיט גאט׳ס
וועלטעל. די זון לייכט, אבער ווארעמט שוין ניט אזוי ווי אין די זומער־טעג.
די גרינע בלעטער אויף די בוימער זיינען פערטריקענט, פערדארט. יעדער
בלאז פון ווינט רייסט זיי אראב פון די צווייגען, וואו זיי זיינען געוואק־
סען און בעקומען זייער יניקה, און פערטראגט זיי ערגעץ־וואו אין א טייך,
אין א בלאטע, וואו זיי ווערען אהן רחמנות פערפוילט און פערווערימט.
די זשומענדיגע, פון בלום צו בלום פליהענדע זומער־פויגעלעך און ביה־
נען, וועלכע טראגען אין זייערע פליגלען די זריעה פון טויזענדער לע־
בענס, זיינען פערשוואונדען. די נאטור האט שוין איבערגעלעבט איהר

ליעבע־צייט: זי האָט שוין בעזאָרגט פאַר דאָס קומענדיג יאָהר א סך נייע בעשעפענישען; זי ווערט עלטער, הערט אויף צו זיין לייכטזיניג; זי וואַרפט אוועק איהר קינדיש שמיפערישען, קאָקעטישען שמייכעל פון פריה־לינג, איהר חן'עוודיגע, גרינע היליע פון זומער; זי ווערט לייטישער, שטאָלצער און בעגעגענט ניט מיט א ליעבליך, קאָקעטיש פּנים. קעגען דעם פריהלינגס געזאַנג, דעם שיר השירים פון ליעבע און לעבען, פערשפּרייט זיך אין דער נאַטור דער הערבסט, די קהלת שטימונג, וואָס מאַכט מיט דעם הבל הבלים הכל הבל חוזק פון די יוגענדליכע טרוימען און האָפ־נונגען. אלעס שטאַרבט אָב פאַר די אויגען. די איינציגע וואָס בלייבען לעבען זיינען די מיט נאָדלען בעדעקטע סאָסנעס אין וואַלד, אבער זיי האָבען קיינמאָל זיך ניט געפּוצט מיט בלומען; זיי האָבען קיינמאָל ניט געשטיפט מיט די ביהנען.

אין די לעצטע טעג פון זומער האָט די גאַנצע נאַטור א מין חשבון הנפש. מיט א סקעפּטישען שמייכעל בעטראַכט זי די תענוגים פון לע־בען און דאָס לעבען גופא. אָט האָבען אויפ'ן פעלד געוואַקסען אזעלכע שעהנע, גרינע, הויכע און בייכיגע זאַנגען, וועלכע האָבען זיך אזוי שעהן, אזוי האַרמאָניש, אזוי פרום געשאָקעלט און געשעפּטשעט א:א הייליגע תפלה צום אלמעכטיגען; אין מיטען דערינען איז געקומען דער שניטער און האָט אָהן רחמנות זיי אַרונטערגעהאַקט מיט זיין שאַרפער, שטאָלענער קאָסע און האָט איבערגעלאָזען בלויז שטעכעדיגע גרודעס. אָט האָבען פוי־געלעך מיט אזוי פיעל טרחה, מיט אזוי פיעל קונסט און געשמאַק גע־בויט נעסטען פאַר זייערע קלייניקע עופה'לעך אין די ווינקלען פון די הויכע פענסטער אין שול און אין טיפלע, להבדיל, און דאָ קומט דער גלעזער און צושטערט, אפשר ניט ווילענדיג, אין איין הרף עין די חדשים לאַנגע ארבייט פון די פויגלען. אָט זיינען אין די גערטנער געהאַנגען אויף די קליינע קוסטעס שעהנע, פאַרביגע, אלערליי קאָלירענדיגע בלומען, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגען א שטאַרקער, בשמים'דיגער אראָ־מאַט און בעגינען איז געקומען דער פראָסט און האָט פון זיי געמאַכט א תל.

אומעטום, וואו מען זאָל זיך ניט קערען און ווענדען, בעגעגענט מען פערדאַרבענע, צושטערנדע כחות, וואָס מאַכען א חורבן פון אַלעס, וואָס האָט מיט א קורצע צייט צוריק אזוי געבליהט. אַן אונזעהבאַרע האנד פערדארבט דעם לעבענס - זאפט, וואָס האָט אָט נאָר ניט לאַנג צוריק זיך געגאָסען אין אַלע בוימער און גראָזען און געבראכט מיט זיך פרישקייט, יוגענד און שעהנקייט.

צוויי וועלטען שטויסען זיך צוזאַמען אנפאַנג תשרי; צוויי צייטען, די יונגענד און עלטער, בעגעגענען זיך; דאָס לעבען און טויט האלטען מלחמה צווישען זיך. דער פרעהליכער, ווארעמער זומער אנטלויפט פאר דעם נאַסען, כמורעדיגען הערבסט; די יוגענד טרעט אָב פאר דעם עלטער; דאָס לעבען ווערט בעזיעגט פון טויט.

אזוינע איבערקעהרענישען און ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר צווי־שען זומער און ווינטער, מוזען בעשאפען ביים מענשען א מין סקעפּטי־ציזם, א בטול היש און מען פאנגט אָן צו זוכען דעם תכלית פון „זיין“ ניט דאָ, אויף אונזער קליינער וועלטל, נאָר ערגעץ־וואו אַנדערש, וואו די ערדישע צושטערענדע כחות האָבען קיין שליטה ניט.

דער גלות האָט ביים אידען ענטוויקעלט א מעהר ערנסטע, פילאָ־זאָפישע בעציהונג צו דער ארומיגער וועלט און צו זיך אַליין און אין די טעג פון חשבון הנפש פאנגט ער אָן טיעף צו בעגרייפען די ווערטער:

אדם יסודו מעפר וסופו לעפר.

דענקער שרייען ניט, ליארמען ניט, פּילדערען ניט, זיי אנטלוי־פען פון די געוועהנליכע טאָג־טעגליכע שמועסען, זיי פערשליסען זיך אין זייער איינען וועלט — אין א וועלט פון ספּעקוליאציאָנען, פון השערות און געדאנקען. שבת שובה איז יעדער פשוט'ער איד א דענקער, און דע־ריבער האָט מען אין אונזערע שטעדטלעך בעגעגענט אין דעם טאָג אזוי פיעל פערטראַכטע, פערטיפטע מענשען, וועלכע זיינען זיך געגאנגען אזוי שטיל, נעלאַסען, רוהיג פון הויז אין שול און פון שול אין הויז.

די פערטראַכטע אין זיך'דיגע שטימונג פלעגט אָנהאַלטען ביז נאָך מנחה.

נאָך מנחה איז ד'ער רב ארויף צום ארון קדוש, וואו דער שמש האָט שוין פון פריהער אוועקגעשטעלט א שטענדער, האָט דערלאנגט א קוש דעם לאנגען ווייס־אטלאסענעם פּרוכת און האָט אָנגעפאנגען זיין שבת שובה'דיגע דרשה.

די דרשה איז געווען פול מיט מוסר. דער רב האָט אָהן רחמנות געשטראָפט דעם עולם פאר די בעגאנגענע און ניט בעגאנגענע חטאים, פאר די עבירות, וואָס מען האָט געטהאָן במזיד און בשוגג. דער רב האָט גע'מוסר'ט און געוויינט און דער עולם, דער מענערשער, ווי דער ווייבערשער, האָט געוויינט צוזאמען מיט איהם, געוויינט אויפ'ן קול, ווי אמת'ע בעלי תשובות, וואָס האָבען א טיעפע חרטה פאר די עבר'דיגע זינד. די גרויסע פאטשיילקעס מיט ווייסע בארטען זיינען דורך און דורך נאס געוואָרען פון די טרערען, וועלכע האָבען גערונען פון די אויגען־קוואלען אָהן אן אויפהער.

די דרשה, דורכגענעצט מיט די געוויינען, האָט געדויערט ביז א קורצע ווייל'ע פאר מעריב, אזוי, אז עס איז נאָך געבליבען צייט פאר שלמה תהלים־זאָגער ארייַנצוכאפען אן אשרי תמימי דרך און פאר די אָנגע'יחסן'טע שטאָדט בעלי דעות צו זאָגען מבינות אויף דעם רב'ס מוסר.

# ערב יום כפור.

ווי א שונד־וואָרט אין א הייליגער, געטליכער דראמא, ווי א ביליגער וויץ אין א גייסטרייכער פּאָעטישער שעפונג קלינגט דאָס כפרות שלאָ־גען פון ערב יום כפור. דאָס גרילצען און קוויטשען פון די הינער און העהנער, ווען מען בינדט זיי צו כפּרות, זייער פּאָכען מיט די פליגעל, ווען מען דרעהט זיי געבונדענערהייד ארום קאָפּ, די פעדערען וואָס פלי־הען ארום בעת מעשה אין הויז, ווי דער גאנצער נאַרישער זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפּרתי, ברייגגען אריין א מאָדנע דיסהארמאָניע, א דיסאָנאַנס אין דער שעהנער, געטליכער שטימונג, וואָס הערשט אין די עשרת ימי שובה.

ווילד, בארבאריש, עקעלדיג האָט אויסגעזעהן דער געהעפּט, וואו מען האָט נעקוילעט די כפרות.

ווי איך האָב געהאסט דעם שוחט, ווען ער האָט געהאלטען אין דער לינקער האנד די הוהן, וואָס האָט זיך געריסען, געוואָרפען מיט אלע כחות און זיך געוועהרט מיט איהרע פרייע פליגלען קעגען איהר תליון און אין דער רעכטער האנד דעם שארפען, קליינעם חליפ׳ל! ווי פיינד איך האָב איהם געהאט, ווען ער האָט ארונטערגעבויגען די הוהנ׳ס קע־פעל צו איהר רוקען, אויסגעצופּט די פעדערלעך פון איהר העלזעל און געמאכט מיט דעם חליף כיט־כיט...

איינמאָל, געדענק איך, בין איך מיטגעלאָפען צום שוחט זעהן ווי ער קוילעט די כפּרות, ניט מעהר ווי איין מאָל, אבער דאָס איז גענוג גע־ווען, אז עס זאָל ביי מיר בלייבען איינגעוואָרצעלט אן אייביגע שנאה צום תוכר, וואָס האָט פערקויפט פאר פינף קאָפּיקעס קאַראַבקע געלד די

צעטעלעך, אהן וועלכע דער שוחט האט ניט געקוילעט, און נאך מעהר צום שוחט גופא, וועלכער האט אהן רחמנות נעשניטען די העלזעלעך און געשאכטען אויף רעכטס און לינקס די אונשולדיגע עופות, וועמענס ווארעמע בלוט עס האט זיך געגאסען און געגאסען צוזאמען מיט זייער לעבען.

ווי פאסט זיך אט די איבערבלייבעכץ פון געצענדינעריי אין אזעלכע היילינע, געהויבענע טעג? ! ווי קומט דאס שוחט'ן, דאס פערניכטען פון אזוי פיעל לעבענס אום ערב יום־כפור? !

אבער ניט לאנג האט דאס כפרות־שלאגען געשטערט די שטימונג פון די עשרת ימי שובה. נאך די כפרות האט די ערנסטע, מאוים'דיגע שטימונג צוריק פערנומען איהר פלאץ.

נאך האלבען טאג, ווען די הערבסט זון איז נאך געשטאנען הויך אין הימעל, האבען זיך געצויגען פון פערשיעדענע זייטען שורות מענשען מיט לאנגע וואקסענע ליכט אין די הענד אין בית המדרש צו דאווענען מנחה מיט'ן אל חטא.

אין אריינגאנג פון בית המדרש, אין די „פאלעס", וואו עס איז א גאנץ יאהר אנגעשטעלט קאסטענס אלטע שמות, זיינען געווען לאנגע און שמא־לע טישען, בעדעקט מיט זויבערע טישטעכער, אויף וועלכע עס זיינען געשטאנען א סך קערות. די גבאים פון בית המדרש זיינען געזעסען אוי־בען אן ביי אן אפענעם פנקס, נעבען די ערשטע קערה און געחשבונ'ט די נדרים, וויפיעל איטליכער איז שולדיג פאר די עליות און סתם כבודים. יעדע חברה האט געהאט א בלייענע קערה, וואו עס האבען אלע ווייל גע־קלונגען מטבעות, קופערנע און זילבערנע, וואס יעדער מנחה־דאווגער האט אריינגעווארפען. צווישען אלע קערות איז אויך געשטאנען א קערה פאר דעם שבת־גוי, פאר דעם ליכטלעשער, אונטער דער השגחה פון איהם, פון דעם שבת־גוי גופא.

דער שבת־גוי איז געווען א מין אידישע אינסטיטוציאן, א טייל פון אידישען לעבען און איז געווען בערעכטיגט צו אידישע געלד אזוי ווי אלע אידישע ענינים.

די עלטערע אידען האבען נאכדעם, ווי זיי האבען אבגעצאהלט זייע־רע חובות און אויסגעטיילט געלד אין די פערשיעדענע קערות, זיך אריינ־גע׳גנב׳עט אין זייטען־שטיבעל, וואו אבא דער שמש איז געשטאנען און געשלאגען מלקות. אויף אן אויסגעשפרייטער ראגאזשע האבען זיך זעכציג־זיעבעציג יעהריגע אידען געלעגט אויף די קניה, די קאפ ארונ־טערגעבוינען צו דער ערד, די אויגען פערמאכט, און האבען געזאגט ודוי. דער בעל ודוי שעפּצעט מיט כונה אשמנו, בגדנו גזלנו... און גיט זיך ביי יעדען ווארט א קלאפ אין הארצען און אויפ׳ן רוקען שמייסט אבא דער שמש מיט׳ן רימען. אבא צעהלט אויך מיט כונה יעדע מלקה. ער איז געווען א גרויסער מקפיד, אבא דער שמש, אז עס זאל חס וחלילה ניט גע־מינערט ווערען פון די ניין און דרייסיג מלקות.

איז איין זקן אויפגעשטאנען, לייגט זיך אן אנדערער און זאגט אויך ודוי און קריגט אויך מלקות פון אבא דעם שמש, וועלכער האט מיט פערגלאצטע אויגען געשלאגען און געצעהלט, געצעהלט און גע־שלאגען.

נאך די מלקות האט מען זיך אנגעפאנגען צו בעטען איינע די אנ־דערע מחילה.

יום כפור איז נאר מכפר עבירות פון בין אדם למקום, אבער ניט פון בין אדם לחברו. פאר די עולות, וואס מען איז בעגאנגען קעגען מענשען, מוזען די געקריוודעטע, די מענשען גופא מוחל זיין. נאט קען דערביי גאר ניט העלפען.

— זייט מיר מוחל, רבי ישראל! איך בין אפשר אמאל ניט געווען אויסגעהיט מיט מיינע לעפצען קעגען אייך. איך האב חרטה און בעט אייך מחילה! — האט רבי נאטעל, ווי א פערזינדיגטער, זיך געבעטען ביי זיין משניות־חבר, רבי ישראל, מיט וועמען ער פלעגט אפט חולק זיין אין א פשט, אין א רש״י.

— איך בין אייך מוחל במחילה גמורה, רבי נאטל, — האט רבי ישראל מיט׳ן גאנצען הארצען געענטפערט.

— אפשר קענט איהר מיך אויך מוחל זיין, רבי נאטל, איך בין געווען צו האסטיג, צו גיך געווארען אין כעס, — בעט זיך גלייך רבי

ישראל מיט גרויס הכנעה ביי רבי נאטל'ען.

— במחילה גמורה... רבי ישראל! במחילה גמורה... — האט רבי נאטל געזאגט אזוי ערנסט אבער אזוי ווייך, אזוי צארט, ווי א פאטער צו זיין קינד.

רבי נאטל איז געווען אן איש תמים. ער פלעגט זיצען יום ולילה אין חברה תורה קלויז און לערנען. אויסער פאר דברי תורה זיינען זיינע ליפען געווען א גאנצען טאג געשלאסען. אויף זיין הוצאה, וואס איז בעשטאנען פון א פאר בערלינקעס א וואך, פלעגט פערדיענען זיין אשת חייל, לאה דבורה די הענדלערקע. איהרע פערדיענסטען פלעגען קלעקען ניט נאר פאר זיי אליין, נאר עס פלעגט נאך ארונטערקומען אמאל פאר אן אורח, וואס רבי נאטל פלעגט אפט מיטברייגנען פון קלויז.

ביי רבי נאטל'ען איז געווען א מנהג, ניט ארויסצולאזען אן אורח הונגעריג. מיט דריי סעודות, וואס זיינען בעשטאנען פון צוויי פיימענע פארווע בייגעל און א גלאז מילך, פלעגט ער יעדען אורח מוזען מכבד זיין.

האט עס אמאל געטראפען, אז לאה־דבורה האט א גאנצען טאג קיין איין פרוטה ניט פערדיענט און עס איז ניט געווען וואס אנצובייסען, איז רבי נאטל אריבערגעגאנגען צום גביר פון שטעדטעל און געבעטען א נדבה, ניט פאר זיך חלילה, ער האט פיינד געהאט קצבה און פלעגט בעסער אונטערהונגערען איידער אנצוקומען צו מענשען. עס איז אבער ביי איהם געווען אן אורח, וואס טאר ניט אוועקגעהן הונגעריג פון זיין הויז, און אט צוליעב דער מצוה פון הכנסת אורחים פלעגט ער בעטען ביים גביר א פאר גראשען.

דער גביר פלעגט גאנץ אפט אין כעס ווערען אויף רבי נאטל'ען, פארוואס ער דרעהט איהם די קאפ.

ערב יום כפור, נאכדעם, ווי ער האט זיך געלאזט שלאגען מלקות און זיך איבערגעבעטען מיט זיין חבר רבי ישראל, פלעגט רבי נאטל אוועק צום גביר און איינגעבויגענערהייד, מיט א וויינענדיגען קול האט ער געבעטען מחילה ביים נגיד.

ע ר, רבי נאטל, האט געבעטען מחילה ביים קארגען גביר...

* * *

נאכ'ן מחילה בעטען האט מען געאיילט אהיים צו דער סעודה המפסקת.

אין דער היים האט שוין געהערשט די גאנצע יום־כפור אטמאס־פערע. דער טיש איז געווען געדעקט מיט א צארטען ווייסען טישטוך, וואו עס זיינען געשטאנען די גלאנציג אבגעשייערטע זילבערנע לייכ־טערס. אין די לייכטערס זיינען געווען ארייגעשטעקט גרויסע וואקסע־נע אדער סטעארין ליכט. די מאכלים זיינען געווען געקליבענע און לייכ־טע. פון לאקשען און דעם כפרות־עוף איז די סעודה בעשטאנען. אויף די קונציג געפלאכטענע קיטקעס איז געווען אויסגעשפרייט דאס ווייסע, אטלאסענע אויסגענייהטע חלה־דעקעל. די מאמע איז געווען אנגעטהאן אין ריינע, געפלעטע ווייסע קליידער, די מיידלעך, וואס האבען צו כל נדרי געדארפט בלייבען אין הויז, זיינען געווען אין זייערע מארגען־קליידער, די אינגלאך ריין ארומגעוואשען און אויסגעפוצט. די מחזורים — דער ווייבערשער מיט'ן עברי טייטש און דער מענערשער מיט פרושים — זיינען געלעגען אויף א צווייטען טישעל שוין אנגעגרייט. אויפ'ן זעל־בען טישעל איז אויך געלעגען דעם טאטענס טלית און קיטעל.

ביים עסען זיינען אלע געזעסען שטיל און פערטראכט. די ווער־טער זיינען געווען געצעהלטע, די נויטיגסטע און זיינען ארויסגעזאגט געוואערן לאנגזאם, ווייך, מיט א בעזונדערער צערטליכקייט. איטלי־כער איז געווען פערטיעפט אין די געדאנקען. די געזיכטער האבען אב־געשפיגעלט דעם אינערליכען נשמה־צושטאנד. א שטראם מיט געפיהל־לען און רעיונות האט געפליסט אין מח. די רעיונות זיינען געווען פער־שיעדענע, טיילמאל ענטגעגענגעזעצטע. מורא און האפנונג, צווייפעל און בטחון האבען זיך דורכגעמישט. מען איז געזעסען שווייגענדיג און געווארט אויף דעם גרעסטען און הייליגסטען טאג פון יאהר, אויף דעם יום גדול ונורא, ווען דער פסק דין, דער אורטייל איבער'ן לעבען און טויט, איבער געזונד און פרנסה דארף ארויסגעטראגען ווערען.

וואָס וועט זיין איבעראיאָהר אין דער צייט? — האָט יע־דער איינציגער פאר זיך נעטראכט. וועט אויך איבעראיאָהר די גאנצע פאמיליע זיצען אינאיינעם און פערפאסטען, אָדער... ווער ווייס? און שווערע, פינסטערע, שווארצע פאָרשטעלונגען פאנגען אָן ארויפצו־קומען אויף דעם געדאנק און דאָס הארץ הויבט אָן צו קלעמען, צו ציהען, עס ווערט דורכגענומען מיט מורא פאר די צוקונפט. מען שטארקט זיך ניט צו טראכטען, ניט אויסטייטשען שלעכט, ניט אריינגעבען דעם שטן אין מויל אריין. פאָרשטעלונגען, האלבע, צופיצעלטע פאָרשטעלונגען שטויסען זיך צוזאמען און עס בעקומט זיך א מישמאש פון געדאנקען און איבערלעבענישען, אן איבערבליק אויף דאָס פערגאנגענע יאָהר, א מטושטש׳ער בליק אין דעם אונבעוואוסטען צוקונפטיגען יאָהר.

וואָס ווערט אין דער קורצער צייט פון דער ערב יום־כפור׳דיגער סעודה המפסקת ניט דורכגעזיפּט אין מח?

מעהר ווי ביי אלעמען איז דאָס הארץ געווען פערדריקט און פער־קלעמט ביי דער מאַמען. די מאמע האָט, משמעות, טיעפער איבערגע־לעבט די ספיקות, די אונבעוואוסטקייטען, וואָס האָבען אזוי גענאָגט און געצופּט די נשמה. זי האָט געקוקט אויף דעם טאַטען און די קינדער און געטראכט. לאנג טראכטען און פערבאָרגען א י ן ז י ך די פערשיע־דענע געפיהלען איז פאר איהר געווען אונמעגליך, זי איז געווען צו שוואך דערצו און גלייך נאָר ווי מען האָט אָנגעפאנגען צו בענשען האָט זי אָנ־געפאנגען צו וויינען אויפ׳ן קול. ווי שרעקליך, ווי הארצרייסענד עס איז געווען דער מאַמעס געוויין נאָכ׳ן פערפאסטען, ביים בענשען! א גאַנצער ים פון ניט קלאָהרע, מטושטישע געפיהלען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער מאַמעס טרעהרען און דער וואָלקען, וואָס איז שוין פון פריהער אָן געלעגען אויפ׳ן טאַטענס פּנים, איז געוואָרען נאָך טונקעלער און די שווע־רע מעלאנכאָליע, וואָס האָט געדריקט די קינדער אויפ׳ן הארצען, איז גע־וואָרען נאָך שווערער.

נאָכ׳ן בענשען, ווען די זון האָט זיך אָנגעפאנגען צו קלייבען צו איהר נאכטרוה, האָט דער טאַטע ארונטערגענומען די שיך פון די פיס, האָט

אנגעטהאָן דעם קיטעל, זיך איינגעוויקעלט אין טלית, און זיך גענומען קלייבען אין בית־המדרש אריין.

די מאמע מיט די קינדער זיינען אוועק צום זיידען זיך בענשען. אָהן דעם זיידענס ברכה האָט קיינער פון די קינדער ניט געוואגט צו געהן אין בית המדרש.

ביים זיידען אין שטוב האָבען זיך אלע אייניקלעך צוזאמענגעטראָפען. ביי אנדערע ימים טובים פלעגען אזוינע בעגעגענישען פון די אייניקלעך פיהרען צו שטיפערייען, צו געשרייען, וועלכע זיינען ניט געווארען שטיל ביז די גרויסע האָבען זיך ניט אריינגעמישט און געמאכט א פשרה.

ביי דער בעגעגעניש ערב יום־כפור האָט זיך די קליינוואַרג פערהאַלטען רוהיג, מיט דרך ארץ, קיינער האָט זיך ניט ערלויבט צו הויבען א הויכען קול און צו מאכען אן איבעריגע בעוועגונג.

דער זיידע איז געשטאַנען אָנגעטהאָן אין טלית און קיטעל. דער העלער פייער פון די אָנגעצונדענע גרויסע ליכט האָט בעלויכטען אין דעם דונקעלען צימער זיין געקנייטשטע פּנים. די אויסגעגעבענע טעכטער און שניר, וועלכע האָבען זיך גלייך נאָך די כפּרות איבערגעבעטען, זיינען געזעסען און געווארט ביז דער זיידע וועט זיי געבען א וואונק. די אייניקלעך זיינען געשטאַנען נעבען די מוטערס און האָבען מיט א מאָדנעם יראת הכבוד געקוקט אויפ׳ן זיידען, וועלכער איז אויסגעוואקסען אין א הייליגען.

מיר האָבען זיך געפיהלט רוהיגער, זיכערער ביים זיידען אין הויז. מיר האָבען געוואוסט, אז דער זיידע וועט אונז חס ושלום ניט ווינשען קיין שלעכטס, ער וועט אונז בענשען, און דעם זיידענס א ברכה וועט געווים מקוים ווערען.

בסדר, נאָכ׳ן עלטער נאָך, איז יעדער צוגעגאַנגען צום זיידען. פריהער די טעכטער און די שניר און דערנאָך די אייניקלעך.

דער זיידע האָט אויפגעהויבען זיינע מאָגערע, ציטערענדיגע הענד, האָט זיי ארויפגעלעגט אויפ׳ן קאָפּ און האָט מיט כונה, מיט׳ן גאַנצען הארצען געבענשט.

ווען מיר האָבען פערלאָזען דעם זיידענס הויז איז דער ראנד פון הימעל געווען רויט ווי פייער. אויף די שטילע גאסען האָבען מיר אויף יעדען טריט בעגעגענט מאנסלייט אין טלית און קיטעל, יונגע פרויען אין ווייס־אטלעסענע הילעס, די עלטערע, די באָבעס, איינגעדעקט אין ווייסע ליילעכער.

אלע זיינען געגאנגען אין בית המדרש צו כל נדרי...

# נעילה.

ניט לאנג איז געבליבען ביז דעם ענד פון די ימים נוראים. ניט מעהר ווי קנאפּע צוויי שעה. דער אורטייל, דער גזר דין איז שוין ארויסגעטראָגען געוואָרען. דער מזל פון יעדער בעשעפעניש, אריינגערעכענט אויך דעם מענשען, איז שוין אָנגעשריבען און כמעט פער'חתמ'ט. קיין גרויסע ענדערונג קען שוין אין משפט ניט פאָרקומען. האָט די פמליא של מעלה ארויסגעטראָגען א פסק „זכאי" אויף אימיצען, וועט דער שטן שוין געוויס מעהר קיין שליטה ניט האָבען עס צו פערוואנדלען אין א „חייב". די, ווידער, וועלכע זיינען אבגע'משפט געוואָרען, ביי וועמען דער גזר דין איז געוועזען „חייב", וועלען נאָר אין גאנץ זעלטענע פאלען, אין אויסנאהמספאלען, קענען פועל'ן ביי דעם מלך מלכי המלכים, ער זאָל משנה הדין זיין.

גאָט ברוך הוא איז געוויס בארעמהערציג, אַז אל רחום וחנון און טהוט פיעל חסד מיט די מענשען־קינדער; אין דער עלפטער שעה קען ער דאָס „חייב" פערוואנדלען אין א „זכאי". מיט מאנכע טהוט ער דאָס. ער שענקט זיי זיין גנאָד, זיין חסד. דאָס קען אבער נאָר זיין מיט יחידים, מיט איינציגע. בכלל וועלען שוין קיינע פערענדערונגען ניט פאָרקומען. ווי פערשריבען, אזוי וועט ווערען פער'חתמ'עט.

די גאנצע עדה פיהלט אַן ערלייכטערונג. די גאנצע פירכטערליכע, מאויים'דיגע פראָצעדורע פון משפט איז שוין פערביי. נאָך דעם שטורם קומט א שטילקייט. די שווערע כמארעס, וואָס האָבען ווי בליי געדריקט אויפ'ן הארצען אומגעפעהר זעקס וואָכען צייט, פאנגען שוין אָן

צו פערשווינדען. עס ווערט לייכטער, פרייער. די מרה שחורה טרעט אָב. אויפ'ן געמיטה ווערט ליכטיגער.

די אונזיכערע שיף, וואָס האָט געמוזט דורכשניידען אין די לעצטע טעג אזא שטורמדיגען, קאָכעדיגען ים, דערנעהנטערט זיך שוין צום ברעג. זי שווימט שוין אויפ'ן גלאטען, רוהיגען וואסער. ניטאָ מעהר קיין ווייגען, קיין טרערען גיסען. וויפיעל עס זיינען געוועזן — זיינען שוין אויסגערונען געוואָרען פריהער. עס קלעמט שוין ניט אזוי פאר'ן הארצען. די שווערע משא איז ארונטער. עס איז געוואָרען גרינגער.

די שטימונג האָט אויפגעהערט צו זיין שווארץ, געדריקט. זי איז אָבער ניט געוואָרען וואָכעדיג, קליינליך. די נעילה־שטימונג איז די שעהנסטע און די הייליגסטע, וואָס אונזערע טאַטעס האָבען אין זייער צייט דורכגעלעבט.

צו נעילה איז די נשמה ריין, ווי אין קדשי קדשים פון משכן. זי איז שעהן ווי די שכינה. זי איז צארט ווי דאָס געוועב פון די יריעות. דאָס שווערע, דאָס מגושם'דיגע איז ארונטערגעוואשען געוואָרען דורך די טרע־רען, אין וועלכע מען האָט זיך אזוי לאנג געבאָדען. דער גאנצער „איך" איז אויסנעלייטערט געוואָרען. די טהירישע ליידענשאפטען און תאות זיינען ווי ווילד־גראָז אויסגעוואָרצעלט געוואָרען פון דער נשמה. די נשמה האָט זיך בעפרייט פון גוף. א מלאך האָט זיך אין איהר בעזעצט און איז ארויף מיט איהר אין די הימלען.

וואָס פיהלט מען אין אזא צייט? אין אזא צייט ווילט זיך צוזאמען מיט די מלאכים זינגען א ליעד, א לויב־ליעד, א שבח צו דעם בורא, וואָס האָט בעשאפען אלע וועלטען, אלע חיות און פלאנצונגען, איבער וועלכע ער האָט געלאָזט קעניגען דעם מענש. דער בין השמשות פערשטארקט די הויכע, פּאָעטישע פיהלונג. דער צאנקענדיגער פלאם פון די וועקסענע ליכט, וואָס האלטען ביים אויסגעהן, פלאנצט איין אין דער נשמה, צוזאַ־מען מיט דעם בין השמשות, א שטילע, רוהיגע בענקעניש.

די נעילה־שטימונג קען ניט אויסגעדריקט ווערען דורך ווערטער, ניט דורך ליניען און פארבען. קולטור־מיטלען זיינען ניט גענוג אויסצודריי־קען אזא שטארקע, גייסטרייכע, הויך־פּאָעטישע פיהלונג, וואָס עס הערשט

אין אזוינע מאָמענטען. געזאַנג — איז דער איינציגער וועג, ווי אַרויסצו־טראָגען דרויסען דאָס, וואָס מען פיהלט אין אַזאַ צייט.

און דער עולם פאַנגט אָן צו זינגען...

דער ניגון פון נעילה־קדיש איז צוזאַמענגעזעצט פון איינפאַכע פּשוט'ע טענער, אָבער ווי שעהן, ווי הערליך אַט די פּשוט'ע טענער קלינ־גען! קיין סימפאָניע אין דער וועלט קען ניט איבערגעבען אַזאַ טיף־רע־ליגיעזע, אַזאַ פּאַטעטיש־געהויבענע בין השמשות שטימונג, ווי דער גע־זאַנג ביים קדיש פון נעילה.

דער נגון פון נעילה קדיש איז דאָס אידישסטע געזאַנג, וואָס מיר פערמאָגען. כל נדרי איז בעשאַפען געוואָרען אין פערלויף פון דער גע־שיכטע. די טענער פון נעילה־קדיש זיינען קיינמאָל ניט בעשאַפען גע־וואָרען. זיי זיינען געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט דעם אידען. אין איהם פיהלט זיך אונזער אָריענטאַלישע אָבשטאַמונג, אונזער לאַנגער גלות און די האָפנונג אויף שפּעטער. ווען מען זינגט דעם נעילה־קדיש לעבט מען איבער ניט דעם בין־השמשות פון טאָג, נאָר דעם בין־השמשות פון יאָהר, דעם בין־השמשות פון גאַנצען לעבען.

דער נעילה נגון גלעט און צערטעלט די נשמה. עס ווערט פון איהם אַזוי זיס, אַזוי מחיה'דיג, דאָס עס ווילט זיך, אַז ער זאָל דויערן אָהן אַן ענד. מען וואָלט זיך געפיהלט גליקליך, אויב די וועלט וואָלט זיך אָב־געשטעלט אָט ביים זינגען פון'ם נעילה־קדיש און ווייטער זיך ניט גע־ריהרט.

ווען דער רב פון אונזער שטעדטעל, רבי יאַנקעלע חריף, האָט מיט זיין זיסען, בנעימות'דיגען, האַרציגען קול אָנגעפאַנגען צו זינגען דעם נעילה־קדיש מיט דער בעגלייטונג פון דעם חזן'ס משוררים, וואָס האָבען אַרומגערינגעלט דעם עמוד, בעלויכטען מיט די לעצטע שטראַהלען פון דער יום־כפּור־דיגער זון, האָט זיך געדוכט, אַז די מלאכים פון הימעל זיינען אַרונטער מיט זייער גאַנצער הימעלשער קאַפּעליע און געהאָלפען מיטזינגען.

דער הונגער, די מידקייט און די גאַנצע אָנגעשטרענגטקייט פון דעם וויינען און זאָגען זיינען אַוועק ווי אַ רויך. מען איז מיטגעריסען און פער־

כאפט געווארען מיט דער שעהנער מעלאדיע. ווי א זיסער עלעקטרישער שטראם איז יעדער טאן דורכגעלאפען דורך די נערוועו, וועלכע האבען זיך פשוט געטרייסעלט, געציטערט, ווי די סטרונעס פון א פידעל.

צוויי מאל אין יאהר פלעגט דער רב אנטליהען פון חזן זיינע משוררים: שמחת תורה צו די הקפות און יום כפור צו נעילה. פון לאנגע צייטען איז געווארען א מנהג, אז דער שליח צבור פון נעילה זאל זיין דער גרעסטער איד, דער רב. די משוררים גופא האבען זיך דעמאלט נעפיהלט הייליגער אונטער דעם רב'ס השגחה און האבען געזונגען ניט גע־צוואונגענערהייט, נאר מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה.

נעילה איז דער קדשי קדשים פון די ימים נוראים. דער נעילה נגון— דער שיר השירים פון אלע תפילות. מאמענטענווייז הערט מען אפילו אויף צו טראכטען וועגען דעם גזר דין, וואס דארף איצט פער'חתמ'עט ווערען. מען פערגעסט זיך אן דעם מארגען. די צייט איז אזוי שעהן, אז מען פערגעסט אן אלעם. מען ווערט פערכאפט מיט איהר שעהנקייט. גאט איז הייליג, די מלאכים זיינען הייליג, די וועלט איז הייליג און דער מענש איז הייליג....

די טויערן פון די הימלען זיינען אין דער צייט אפען. ניטא קיין מחיצה צווישען אידען און די מלאכים. דער איד פיהלט די התקרבות צו דער שכינה און וואלט וועלען זיך מתדבק זיין, אויף אייביג פערבלייבען מיט איהר, מיט דער שכינה.

עס קלינגט דעריבער אזוי אויפריכטיג, אזוי שעהן, אזוי ריין דער יחביאנו בצל ידו תחת כנפי השכינה.

צו נעילה איז קענטיג אן אמת'ע התפשטות הגשמיות. אין יענער צייט איז דער איד אינגאנצען אויסגעטהאן פון די ערדישע גלוסטען און תשוקות. זיין גייסט שוועבט אין א סביבה פון הוילע רוחניות, אין אן עולם שכלו טוב, אין א הימעלשער וועלט, וואו מען לעבט אייביג, וואו דער מלאך המות האט קיין שליטה ניט; אין א וועלט פון אמת, צדק און יושר. דער נצוץ, דער געטליכער פונק, איז משפיע, גיט אריין חיות, הנם מען האט שוין איבער א מעת־לעת גארנישט אין מויל געהאט; ער וואו־

רעמט און לייכט, ניט געקוקט, וואס די זון איז שוין כמעט אונטערגע־גאנגען און די נאכט שאטענס שפרינגען ארום אויף די אינוועניגסטע ווענט פון בית המדרש.

צו נעילה הערט גאט אויף צו זיין דער ריכטער. ער ווערט דער סימ־באל פון הייליגקייט.

דער ה מ ל ך ה ק ד ו ש וועגט אריבער דעם דיין אמת, דעם אל קנא ונוקם.

און ווי גאט איז הייליג, אזוי איז אויך הייליג זיין פאלק ישראל!

יעדער פשוט'ער איד פון א גאנץ יאהר ווערט צו נעילה נעהיילינט, פיעל, זעהר פיעל וואלטען אין אזא צייט ביישטעהן דעם נסיון און זיך מקריב זיין על קדוש השם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נעילה האט אזוי פערכאפט דעם עולם, אז קיינער האט ניט בע־מערקט ווי די זון איז פערגאנגען. איין־איינציגער שטראהל בלאנדזשעט נאך ארום אויף דער ערד, וואס איז שוין איינגעהילט מיט דער טונקע־לער נאכט־היליע. די ליכט, וואס האבען געברענט איבער פיער און צוואנציג שעה, האלטען שויןביים אויסגעהן. דער פלאם פון די אויסגע־הענדיגע וואקסענע ליכט שפרינגט און טאנצט שטארק נערוועאיש און די אידען אין די ווייסע קיטלען און די טליתים, און די אידענעס אין די ווייסע לייכער דארטען אין עזרת נשים שטעהען נאך אויף די פיס. דער ארון קודש איז נאך אפען און די ספרי תורות אין די ווייסע העמדלעך קו־קען ארונטער אויף די מתפללים.

דער גרויסער טאג מוז נאך פערענדיגט ווערען מיט א תקיעה.

אויף דער תקיעה ווארטען אלע מיט אונגעדולד, מיט שרעק. מען ווייס, אז די תקיעה קען שוין קיין זאך ניט מתקן זיין. עס איז שוין פער־שריבען און פער'חתמ'עט. דער גרויסער משפט איז צו ענד. דער פסק דין איז שוין ארויסגעטראגען. די תקיעה וועט אבער בכלל ווייזען ו ו א ס פאר א פסק דין די עדה אידען האבען געקראגען. דארטען אויבען איז מאקע שוין אלעם בעשלאסען געווארען, צי „חייב“, צי „זכאי“, אבער דא אויף דער ערד וויים מען נאך ניט פון דעם פסק.

מעהר ווי אלע ציטערט ר' שלום וואָלף דער בעל־תוקע. ער וואָלט וועלען די תקיעה זאָל זיין א קלאָרע, א ריינע, אָהן א פּגימה, אָבער ווער וויים... ער איז דאָך ניט מעהר ווי א שליח. די תקיעה וועט נאָר לאָזען הערען דאָס, וואָס עס איז אָבגע'פּסק'ענט געוואָרען אויבען.

אָט שטעהט ער שוין אויפ'ן בימה. די ליפּען זיינען פּערטריקענט, די הענט ציטערען. ער שטארקט זיך אבער. ער האָט בטחון, אז אלץ איז דאָרטען גוט. גאָט איז דאָך אן אל רחום וחנון.

עס ווערט שטיל. יעדערער האלט איין דעם אָטעם. רבי ישראל צעמ־נעם גיט א געשריי מיט זיין בעקאנטען באסאָווען קול: תקיעה!

און רבי שלום־וואָלף בלאָזט מיט'ן שופר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ער האָט זיך ניט פערהיקעט. די תקיעה איז ארויס א קלאָרע.

„ז כ א י", „נ י ט ש ו ל ד י ג" הייסט עס. אזוי האָט מען גע־פּסק'ענט אויבען! אלע פאנגען אָן צו אטעמען פריי. אויפ'ן הארצען ווערט פרעהליך. די שווערע אָנשטרענגונג פון די ימים נוראים פערשווינדט און מען שרייט אוים מיט הויכע, קלינגענדיגע שטימען:

לשנה הבאת בירושלים.

* *

גלייך נאָך נעילה איז זיך דער ווייבערשער עולם צונאנגען אהיים און די מענער זיינען געבליבען אין שוהל ביז איבער מעריב.

נאָך מעריב איז שוין די נייע האלבע לבנה ווי א סערפּ געהאנגען איבער'ן שול־הויף און דער עולם האָט זיך געשטעלט איהר מקדיש זיין...

לעבעדיג, מונטער האָט מען זיך איינע די אנדערע געזאָגט און גע־ענטפערט: שלום עליכם, עליכם שלום...

— א גוטען חודש, א גוטען יאָהר!

— גם אַתם!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער היים איז געווען ליכטיג, וואַרעם, פרעהליך. דער גרויסער, בייכיגער סאמאָוואר איז געשטאַנען אויפ'ן טיש. הייסע, גליהענדע קויה־

לען זיינען געפאלען פון זיין קוימען אויפ׳ן מעשענעם טאץ. דאס וואסער האט פרעהליך געזידט און געקאכט. מען האט זיך דערצעהלט וועגען תענית און די נגונים. קרובים, שכנים און אזוי גוטע פריינד זיינען געקומען געוואר ווערען וואס מען מאכט.

נאך דער סעודה האבען זיך אלע אוועקגעלאזען צום זיידען, וועלכער האט אבגעפאסט שפעטער ווי אלע און צווישען די געריכטען האט ער און דער אורח און די אייניקלעך אנגעפאנגען צו זינגען דעם „הדו“, דעם פרעהליכען יום־טוב׳דיגען זמר פון שמחת בית השואבה.

* *

אין זעלבען אווענד פון מוצאי יום כפור, פאר האלבע נאכט, איז אריינגעשלאגען געווארען דער ערשטער צוואק פאר דער סוכה.

# סוכות.

אבגעריסען איז דער איד פון דער נאַטור. ער איז ווייט פון די פעל־דער און וועלדער, וואו מען קען פריי אַטהעמען און פריי הנאה האָבען פון די ברייטע לאַנדשאַפטען. דער חוש פאַר די שעהנע נאַטור איז אבער ביי איהם ניט פערטעמפּט געוואָרען. דער לאַנגער גלות האָט ניט געקענט פערדארבען דעם שעהנקייטס געפיהל, וואָס ליגט איינגעוואָרצעלט טיעף אין דער נשמה.

ביי יעדער געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען פּנים אל פּנים מיט דער נאַטור אדער מיט א טייל פון איהר קלייבט דער איד נחת. ער קוועלט אַז, ווען ער קען זיך ארויסרייסען פון שטוב און זיין אונטער'ן בלויזען הימעל. ער האָט האָלד די מצוות, וואָס רופען ארויס די זכרונות פון דער אלטער פערגאנגענהייט, פון יענע צייטען, ווען ער איז געזעסען תחת גפנו ותחת תאנתו.

פון אלע ימים טובים איז סכות דער פרעהליכסטער. סכות איז דער חג האסיף, דער ערנטע־פעסט.

ביי אלע פעלקער איז א גרויסער יום טוב נאָכ'ן שניט, ווען מען פיהרט ארונטער די גארבען פון פעלד. מען פרעהט זיך מיט דער מוטער־נאַטור, וואָס ערנעהרט אלע בעשעפענישען: די פיש אין וואסער, די פויגעל אין דער לופט און די חיות מיט'ן מענשען אויף דער יבשה.

דער איד איז זיך אויך משמח נאָך דעם, ווי די תבואה איז שוין אראָבגענומען פון פעלד. אין זיין זכרון טראָגט זיך דער איד אריבער אין יענע אלטע גוטע צייטען, ווען מען פלעגט אליין בעארבייטען די ערד, ווען מען פלעגט אליין אקערן, אליין זעען, אליין שניידען און אליין אריינ־

פיהרען די תבואה אין שייער.

דער איד וויל ניט טראכטען פון דעם אנקומענדיגען קאלטען, נאַ־סען ווינטער, ווען דער מוח וועט שטארק דארען אויף דער ביטערער חיונה, ער וויל פערגעסען אַן דער נאָהנטער צוקונפט און פאנטאזירט פון דער אלטער, גאַנץ אלטער פערגאנגענהייט, ווען אלע תבואות זיינען שוין גע־ווען אונטער'ן דאך, ווען די ווענד פון די זאסיקעס האבען זיך געבויגען אונטער די דיקע, פעטע זאנגען, ווען מען איז מיט דער חיונה פאר א גאַנץ יאָהר שוין געווען בעזאָרגט, ווען אלע ברכות פון ויתן לך זיינען מקוים געוואָרען.

די סוכה דערמאָנט אַן יענע שעהנע, גוטע, גליקליכע צייטען. ער זיצט דעריבער אין איהר מיט פערגעניגען, ניט געקוקט, וואָס דער הערבסט ווינד רייסט זיך אריין דורך די שפאלטען פון די דינע ווענטלעך, וועלכע זיינען צונויפגעשלאָגען געוואָרען פון אלטע ברעטלעך און שפענדלעך.

דער סכך דריקט ניט אזוי אויף'ן קאָפּ, ווי די סטעליע אין די היי־זער, און ניט געקוקט, וואָס די פענסטער זיינען אין סוכה קיינמאָל ניט אזוי געראָטען, דאָך פיהלט זיך אין איהר דער פרומער איד גאַנץ הרחבה־דיג. אפילו דער אויפגעקלעהרטער, דער משכיל, האָט ליעב די סוכה. ערשטענס דערפאר, וואָס זי דערמאָנט דאָס שעהנע נאַטור־לעבען און, צווייטענס, ווייל זי, די סוכה, איז דער סימבאָל, די עמבלעם פון איצטי־גען גלות, פון דעם נע־ונד לעבען.

וואלגערען זיך דען ניט די אידען ארום אין פערלויף פון צוויי טויזענד יאָהר אין לייכטע, ווינדיגע, אויף גיך אויפגעשטעלטע סוכות? האָט דען אונזער גאַנצעס לעבען ניט מעהר וואָלקענס ווי זונען־שיין?

אונזערע טאַטעס האָבען דעריבער מיט גרוים חשק געקלאפט די ברעטלעך, געשלאָגען די צוועקעס פאר די זיעבען־טעגיגע געצעלטען און מיר, אינגלעך, פלעגען שלעפען דעם סכך מיט'ן גאַנצען כח און העלפען דעקען די אידישע סוכה, וואו עס בעדארף זיין מעהר שאָטען ווי ליכט...

אפשר נאָך מעהר ווי די סוכה זיינען אונזערע טאַטעס געווען ליעב דער אתרוג מיט'ן לולב, די הדסים מיט די הושענות. ווי ציטריג דער אתרוג איז געווען ביים טאַטען? ווי ער האָט איהם געצערטעלט, עס זאָל

חס וחלילה אויף איהם קיין שטויבעלע ניט פאלען? ווי ער האט איהם געוויקעלט אין די פאקעלעס, וואס האבען אזוי געשמעקט מיט ציטראַנען אראמאט און געבראכט א גרוס פון ארץ ישראל — דאס לאנד פון די פאטערס.

א מוטער ציטערט איבער איהר בן־יחיד'ל ניט אזוי פיעל, ווי אונזערע טאטעס פלעגען ציטערען איבער'דעם אתרוג, דעם מהודר, וואס האט געמוזט זיין גאנץ, אהן א ברעקעל פגימה, אפילו ווי א שפילקע קעפעל, וואס האט בעדארפט האבען א פרוכטיגע, געלע פארב, א שעהנעם געוואוקס און א שעהנעם, ארויסגעוואקסענעם פטום.

מיר, קליינע וועוועריקעס, פלעגען ערב סכות ניט טארען זיך צוריהרען צום קאמאד, וואו עס איז געשטאנען די זילבערנע פושקע, אין וועלכער עס איז געלעגען גאנץ בעקוועם איינגעוויקעלט אין פאקעלעס מיט'ן פטום ארויף דער מחודר'דיגער אתרוג.

די מאמע האט אויך געהאט ניט וועניג צרות פון אתרוג. זי האט געמוזט אויפפאסען, אז עס זאל אין צימער, וואו דער אתרוג איז געלעגען, ניט זיין צו ליכטיג און צו פינסטער, ניט צו טרוקען און צו נאס. זי האט אבער ניט געזשאלעוועט איהר ארבייט און אבגעהיט די טעמפעראטור און די ליכט. זי האט געוואוסט, אז דער טאטע איז א גרויסער מקפיד צו האבען אן אתרוג א מהודר, א שעהנס, א פיינס און פלעגט טאקע אליין אויך קלייבען נחת פון איהם, פון מהודר.

אין אן אנדער ווינקעל פון צימער, וואו דער אתרוג איז געלעגען, איז געשטאנען א דייזקע וואסער, וואו עס זיינען געווען איינגעטונקט ביז א דריטעל, פונקט אזוי ווי דער אתרוגים סוחר האט גע'פסק'ענט, די הדסים.

די הדסים האבען געמוזט זיין לכל הפחות דריי טפחים פון אויבען, תלתא בקן אחת. די דריי בלעטלעך, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם שטאנגעל, האבען געמוזט ארויסגעהן פון איין נעסט.

אויף א קליינעם טישעל זיינען געלעגען אויף האלב־פייכטע מאך די ערבות (הושענות), וואס דער קברות איד פלעגט אנרייסען נעבען בית עולם. אנגעשפארט אין טישעל איז געשטאנען דער לולב — דער צענטר פון דעם גאנצען הייליגען בוקעט.

דער לולב מוז זיין א ירוק, א גרינער, א היי־יאָהרינגער. מיט א יבש, מיט א פערטריקענטען, מיט א פאראיאָהרינגען לולב פלעגט מען זיך בענר־צען נאָר על פי הדחק, אין א צייט, ווען קיינע אנדערע זיינען ניט געווען.

די בלעטער פון לולב זיינען געווען פליישיגע, זאנפטיגע, דורכגע־זעטיגט מיט דעם פעטען שטארקען פלאנצען־זאפט. עס האָט פון זיי גע־שפריצט א פרישקייט, עס האָט זיך געפיהלט אן אנגענעהמער געזונדער אראמאט. אויבען האָט דער לולב געמוזט זיין גאנץ. די צוויי צענטראלע בלעטער, וואָס וואקסען פריהער פאראלעל איינע קעגען די אנדערע און געהען זיך שפעטער פארנאנדער אין ענטגעגענגעזעצטע ריכטונגען, האָ־בען געמוזט זיין צוזאמענגעוואקסען. א סדוק, א געשפאלטענער לולב, איז פסול און מען טאָר אויף איהם קיין ברכה ניט מאכען.

מיט א טאָג פריהער איידער רבי שלמה זלמן פלעגט דארפען נעהן אנקוקען דעם „אתרוג“ (אונטער'ן ”אתרוג“ האָט געהייסען דער גאנצער געשטעל: דער אתרוג גופא, דער לולב און די הדסים), פלעגט ער פאמע־ליך דורכקוקען זיינע ברילען, אויב זיי זיינען גאנץ, זיי גוט אויסווישען מיט דער פאטשיילע און זיי האלטען אנגעגרייט.

ביים קלייבען דעם אתרוג פלעגט ער אונטערזוכען און נאָכזעהן יע־דען פינטעלע, יעדע שטויבעלע, וואָס איז געלעגען אויפ'ן אתרוג. אליין פלעגט רבי שלמה זלמן ניט געהן קויפען אן אתרוג. ער האָט זיך ניט אנ־געטרויט אזא וויכטיגע ארבייט, פלעגט ער מיטנעהמען מבינים, וואָס לייר דען ניט פון שנופען, רחמנא לצלן, וואָס האָבען א גוטען חוש הריח און ביי וועמען עס טרעהרט ניט פון די אויגען, וואָס האָבען א גוטען חוש הריאה.

ניט אזוי גיך פלעגט רבי שלמה זלמן ענדיגען מיט'ן אתרוגים סוחר. ער האָט געמוזט אפריהער פונאנדערוויקלען אלע אתרוגים, זיי אויסליי־גען אין א רייהע איינער קעגען די אנדערע און אָבוועגען די מעלות און חסרונות פון יעדען בעזונדער. דער אויסערוועהלטער אתרוג האָט בע־דארפט זיין דער גרעסטער מהודר פון קאסטען.

ווען דער אתרוג איז שוין געלעגען ביי רבי שלמה זלמן אין הויז אלס זיין אייגענטום, האָט די גאנצע שטעדטעל געוואוסט, אז רבי שלמה

זלמן האט איינגעהאנדעלט דעם טייערסטען אתרוג, דעם שעהנסטען מהודר.

רבי העשיל, איינער פון די פני, וואס האט אויך געהאט א חזקה צו האבען א גרויסען מהודר, האט שטארק מקנה געווען רבי שלמה זלמן'ען פאר דאס גליק, וואס איז איהם אריינגעפאלען.

אין דער פריה צום דאווענען, איז רבי העשיל צוגעגאנגען צו רבי שלמה זלמן'ען און האט, אזוי ווי ער ווייס פון קיין זאך ניט, א פרעג געטהאן:

— האט איהר שוין געזעהן אן אתרוג ביי לייבע דעם רבי'נס?

— שוין געענדיגט, ברוך השם, מיט איהם געכטען פאר מנחה — ענטפערט רבי שלמה זלמן מיט ניט ווייניג שטאלץ.

— נו, א מהודר? — פרעגט ווייטער רבי העשיל.

— שייך א מהודר, א מהודר שבמהודרים, א מובחר שבמוחברים! אן אמת'ער ארץ־ישראל'ניק און א פטום ווי ביי א קאראפירער. היינט א מראה! היינט דער גדול! פש... אן אמת'ע צאצקע. דער כהן־גדול אליין האט געמעגט מיט איהם בענשען. ווילט איהר אפשר א קוק טהאן אויף איהם, רבי העשיל?

— מהיכי תיתי. פארוואס ניט, לאמיך טאקע אויך אנקוקען אייער מציאה — האט רבי העשיל געענטפערט מיט אביסעלע קנאה, פאר וואס רבי שלמה זלמן האט אויסגעכאפט דעם בעסטען מהודר.

ביי רבי שלמה זלמן'ן אין שטוב האט מען קודם כל זיך גוט אויסגעשנייצט די נעזער, געוואשען די הענד, גוט, טרוקען זיי אבגעווישט און אנטהוענדיג די ברילען אויף'ן נאז, האט מען אנגעפאנגען צו קוקען אויף'ן מהודר. רבי שלמה זלמן מיט נחת און מיט גאוה און רבי העשיל מיט ערגערנים און מיט קנאה...

דעם ערשטען טאג סכות פלעגען די עלטערע אידען אויפשטעהן צוזאמען מיט די ערשטע שטראהלען פון דער מארגען־זון, פלעגען ארויסנעהמען דעם אתרוג און איהם איבערלעגען אין צארטע ווייסע וואטע. די הדסים זיינען ארויסגענומען געווארען פון דייזשקע און צוזאמען מיט די הושענות האט מען זיי ארומגעבונדען אונטען ארום דעם לולב. די הדסים

מיט די הושענות האָט מען בעהעפט צום לולב מיט רינגעלעך אדער מיט א הדס, וואָס די אינגלעך פלעגען קונציג אויספלעכטען פון לולב־בלעטער.

אז אלעס איז געווען צונויפגעשטעלט, איז מען אריין אין סוכה בענ־שען אתרוג.

אין סוכה איז געווען קאַלט. דער פערפרוירענער מאָרגען־טהוי האָט ערשט אָנגעפאַנגען אָבצוגעהן און האָט געטריפט פון׳ם סכך, וואָס האָט ארויסגעגעבען א שטארקען וואַלד־ריח.

אין איין האַנד דעם אתרוג, אין דער צווייטער דעם לולב, האָבען אונ־זערע אידען מיט גרויס כונה געמאַכט די ברכה שהחיינו.

דער סכך־דאַך, דער שעהנער גרינער פאַלמען־צווייג, די פרישע דריי בלעטערדיגע מירטען און די שעהנע פרי, דער אתרוג גופא. האָבען זעהר שטאַרק אָבגעפרישט אין זכרון די אלטע טרוימען פון א לעבען נאָהענט צו דער נאַטור.

נאָכ׳ן טאַטען איז געגאַנגען די מאַמע בענשען אתרוג. אליין א גע־לערענטע, האָט זי געוואוסט, אז דער אתרוג מוז אָנהאַלטען זיין מהודר׳־דיג פנים ביז הושענה רבה, און האָט אויפגעפאַסט איהרע הענד זאָלען זיין טרוקען בעת זי נעהמט דעם אתרוג.

צרות פלעגט זיין מיט דער דיענסט־מיידעל, וועלכע האָט געמוזט ניט נור וואַשען, נאָר שייערען די הענד א היבשע צייט איידער מען האָט איהר אויף א רגע אָנגעטרויט דעם אתרוג.

— זיינען דיינע הענד ריין? פלעגט די באַלעבאָסטע נעהמען צום דאָפּראָס דאָס מיידעל, וואָס איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג אין סוכה, זיך געווישט מיט׳ן פאַרטוך די נאָז און געוואַרט ביז וואַנעט עס וועט קומען איהר צייט צו בענשען אתרוג.

— ריין ווי גאָלד — האָט זי מיט שטאָלץ געענטפערט.

— ווייז אָקאַרשט — האָט די באַלעבאָסטע זיך געוואָלט אליין איי־בערציינגען. — וואָס מיינסטו, דאָס איז א בולבע, אן עפּיל, א באַרנע איז דאָס? דאָס איז דאָך אן אתרוג! — פלעגט די באַלעבאָסטע בע׳טעם׳ען איהר געניוע אונטערזוכונג.

אין בית־המדרש האָט יעדער נכבד געטראָגען דעם אתרוג אליין. שטאָלץ איז געווען רבי שלמה זלמן, ווען ער איז געגאַנגען מיט דעם מאַנ־טעל אויף די פּלייצעס, אין דער רעכטער האַנד די זילבערנע פּושקע מיט׳ן אתרוג און אין דער לינקער האַנד — דעם לולב. נור א געליעבטער, וואָס טראָגט א בוקעט שעהנע, פרישע בלומען צו זיין געליעבטע, קאָן פער־שטעהן, וואָס יעדער פרומער איד האָט געפיהלט, ווען ער איז זיך געגאַנ־גען מיט׳ן אתרוג און לולב אין בית־המדרש.

ביי דעם „אנא“ פון הלל איז געווען שעהן צו זעהן, ווי די לולבים האָבען זיך בעוועגט אזוי סימעטריש אין מזרח און מערב, אין צפון און דרום, אויבען און אונטען. דער גאַנצער בית המדרש איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין א גרין הויז מיט די שעהנסטע טראָפּישע פּלאַנצונגען.

נאָך שעהנער איז די פּראָצעסיאָן, די הקפות ביים הושענות זאָגען. די ספר תורה איז געשטאַנען אויפ׳ן בימה ארומגערינגעלט מיט א בעווענ־ליכען פערבטיגען רינג פון יונגע, גרינע, שעהנע פּאַלמען־צווייגען, וואו די בלעטער האָבען ארויסגעלאָזען א געהיימניספולען גערויש.

אין קאַלטען בית־המדרש האָט מען אָט איצט, הערבסט־צייט, דער־פיהלט דעם בשמים׳דיגען, פיעל־ריחות׳דיגען פריהלינג.

# הושענה רבה.

ווען איהר בלעטערט דורך א פנקס פון די חברות: משכיל אל דל, סומך נופלים, לחם עניים, בקור חולים און דאס גלייכען, וועט איהר שטענדיג געפינען אין דער רשימה פון די הכנסות א גרויסע סומע געלד פאר „הושענות“.

יעדע חברה פלעגט בארגען און לייהען און מאכען מעהר הוצאות וויפיעל מזומן עס איז פאראן ביים נאמן אויף דעם חשבון פון הושענות־אויסטראגען.

די הושענות זיינען געווען די בעסטע סחורה, פון וועלכער א חברה האט געקענט מאכען רוחים, און די נאכט פון הושענה רבה איז געווען די פאסיגסטע צייט דערצו.

פאר דעם שעהנעם סימבאלישען נאמען אליין, וואס די האלב אב־געוועלקטע קליינע ווערבעס האבען זוכה געווען, פערדיענען זיי, מען זאל מיט זיי האנדלען ניט פאר פריוואטע עסקים, נאר פאר חברות, וואס זייער צוועק איז אויסצוהעלפען, אונטערצושטיצען א נויט בעדערפטיגען.

די הושענות האבען בעסער ווי טויזענדע דרשות ערוועקט דעם רחמנות געפיהל און ארויסגערופען דעם געדאנק, אז איין מענש מוז דעם צווייטען ארויסהעלפען אין דער צייט פון נויט.

דער איד פערשטעהט גאנץ גוט, אז אום גאט זאל איהם העלפען, דארף ער, וואס וויינט און בעט זיך: „הושענה!“, קודם אליין העלפען אנ־דערן. מען קען ניט האבען פערשטאכענע אויגען און קומען בעטען

הילף, בעת מען וויל אליין ניט העלפען. וויל מען אז גאָט זאָל זיין צו
א ו נ ז גוט, דאַרפען מ י ר זיין גוט צו לייטען.

„העלף אונז, גאָט!“, שרייען די אידען אום הושענה רבה.

„העלפט זיך איינע די אַנדערע“, רופט אַן אינערליכע שטים.

און מען העלפט זיך טאַקע אויס.

הושענה רבה איז געווען דער הילפס־טאָג ביי אונזערע טאַטעס און זיידעס. אין דער צייט האָט יעדערער געפיהלט זיינע התחייבות'ן, זיינע פליכטען צו זיינע מיט־מענשען און האָט געהאָלפען מיט א פולער האנד און מיט א גאַנצען האַרצען.

די ווערבעס, די הושענות זיינען פערבונדען מיט א וויכטיגען קאַפּיטעל פון דער אידישער פערגאַנגענהייט. איינע פון די שעהנסטע בלעטער איז אין אונזער דיקען היסטאָרישען בוך דורך זיי פערשריבען געוואָרען.

אין דעם גלות בבל, נאָך דעם חורבן פון ערשטען בית המקדש, ווען מען האָט אונז פערטריבען פון אונזער לאַנד און מיר האָבען געמוזט זיך ארומוואַלגערן אין א גלות־לאַנד, ארום די טייכען פון אונזערע אונטער־דריקער, און אין דער שטיל וויינען אויף אונזער פערלוירען היים, אויף ציון, האָבען מיר אויף די ווערבעס אויפגעהאַנגען אונזערע פידלען.

ניט אויף בלומען האָבען מיר אויפגעהאַנגען אונזערע אינסטרו־מענטען פון פרייד, ניט אויף הויכע בוימער האָבען מיר געלייגט אונזע־רע האָפנונגען, נאָר אויף די אָרעמע, מאָגערע, פערדאַרטע ווערבעס.

על ערבים בתוכה תלינו כנורותינו...

די איינפאַכע ווערבעס, די וואָס וואַקסען פּאַזע טייך, אונטער'ן באַרג, די, אויף וועלכע מען טרעט אָהן רחמנות, ברייננגען מעהר טרייסט צו דער אידישער צוואָוועהטאָגטער נשמה, ווי די הויכע דעמבעס, וועלכע פערגרייסען דעם קאָפּ...

ווען אונזערע טאַטעס האָבען בעדאַרפט קלייבען געלד, האָבען זיי דעריבער גענומען א פּאַק ווערבעס אונטער'ן אָרעם און מיט זיי גענאַנגען פון הויז צו הויז.

מען האט געהאלפען מיט הושענות אום הושענה רבה...

אין דער נאכט פון הושענה רבה איז די גאנצע שטעדטעל געווען אויף די פיס. קיינער איז ניט געשלאפען; אלעמען האט זיך געוואלט זעהן ווי דער הימעל שפאלט זיך. ווער וואלט דאס וועלען פערשלאפען אזא וויכטיגען מאמענט, אזא גרויסע געלעגענהייט אין לעבען?

די עלטערע אידען זיינען געזעסען אין בית המדרש און געזאגט דעם תקון. די באלעבאסטעס האבען זיך א גאנצע נאכט געפארקעט אין קיך. די קליינע אינגלעך פלעגען ארומלויפען אויפ'ן שול־הויף און ווארטען מיט גרויס אונגעדולד אויף דער רגע, ווען מלאך מיכאל וועט ארונ־טערקוקען אויף דער ערד. די יונגע־לייט — זיי האבען געטהאן די וויכ־טיגסטע ארבייט: זיי האבען אויסגעטראגען הושענות פאר זייערע חברות.

* * *

צוויי אזייגער באגינען.

די נאכט איז קאלט אבער פריש. אויף דעם קלאר־רען געשטערענטען הימעל שווימט שטאלץ די לבנה. זי איז אינ־גאנצען ענטפלעקט מיט איהר ליכטיג פנים. ערגעץ וואו שטעהט א פער־טראכטער איד אוןווארט אויף דער רגע, ווען אלע זיינע בקשות קענען ערפילט ווערען. דערווייל זוכט ער אין דער לבנה יהושע בן נון'ס פרצוף. פון די ליכטיגע שולען און בתי מדרשים טראגט זיך א געמיש פון פער־שידענע אלערהאנדיגע שטימען. אין די סוכות, וועלכע זיינען בעגאסען מיט דער לבנה ליכט, ליעגט א מאדנע געהיימנים. די נאדלען פון דעם סכך היטען אב זעהר שטארק, אז אין זיי זאל אריינקומען וואס ווייניגער ליכט. אין די הייזער זיינען אנגעצונדען אלע לאמפען און פרעהליכע, קלינגענדיגע פרויען שטימען מישען זיך דורך מיט דעם אפטען קלינגען פון די זילבערנע לעפעל, גאפעל־מעסער און אנדערע געשיר.

ליכטיגער ווי אומעטום איז ביי יאָסעל רבי שלמה'ס. די באַל־באַסטע, פייגעל רבי יאָסעל'ס, האָט זיך אויף א ווײַלע צוגעלעגט. רבי יאָסעל אליין איז אין בית המדרש ביים תקון. געבליבען איז דער היים איז רבקה, די יונגע כלה, רבי יאָסעל'ס מוזינקע. זי פּוצט אויף די הויז מיט אלע קליפּערלעך. אויף דעם גרויסען רונדען טיש האָט זי אויסגע־שפּרייט דעם צאַרט־ווייסען לייגענעם טישטוך, וואָס איהר פאָטער האָט געבראַכט ערב יום טוב פון מקום. אויפ'ן טישטוך שטעלט זי אויס אלע גאָלדענע און זילבערנע געשיר מיט משקה און טאָרט און פערשידענע איינגעמאַכטסען. זי אליין איז שעהן פּערקעמט און אָנגעטהאָן אין איהר שעהנסטער מאַרגען־קלייד. זי איז אביסעלע נערוועזיש. איהר נערוועזיטעט קומט אָבער ניט פון פּערדרוס, נאָר פון פרייד. איהר האַרץ קלאַפּט פרעהליכער ווי געוועהנליך. ווען די דיענסט, וואָס העלפט איהר „גרייטען דעם טיש" געהט אריין אין קיך, כאַפּט זי זיך צו צום שפּיגעל און מאַכט צורעכט די האָר, איהר זאָל בעסער קליידען. אהן בעזונדערע כונות צום זינגען מורמעלט זי אונטער א שמחת תורה'דיגען נגון. איהר גאַנצעס וועזען ציטערט און זינגט. מינוטענווייז פערטראַכט זי זיך און ווערט טרויעריג. דער איצטיגער הושענה רבה איז דער לעצטער פאַר איהר חתונה, וועט זי פּועל'ן ביים רבונו של עולם, וואָס זי פּערלאַנגט?...

דיזע ספקות האַלטען אבער לאַנג ניט אָן. זיי ווערען בטל בששים, זיי פערשווינדען אין ים פון פּרעהליכע געדאַנקען, וואָס הויבען זיך ווי הויּ־בע כוואַליעס אין איהר מח.

אויף וועמען וואַרט זי?

זי וואַרט אויף איהר חתן, דעם וואָלאָזינ'יק, וואָס איז נעקומען צו איהר אויף יום טוב צו־גאַסט.

די וואוילע בחורים און די יונגעלייט פון שטעדטעל האָבען איהם אריינגענומען אין זייער חברותא, צו געהן אויסטראָגען הושענות פאַר דער חברה לחם עניים.

איהר חתן האָט זיך אזוי ווי אלע אנדערע יונגעלייט פון די נכבדים אָנגעטהאָן אין א צילינדער־הוט און אין א וואַרעמען שאַטען־פּעלץ, וואָס

ער האט מיטגעבראכט. ער האט אויך געטראגען די גאלדענע קייט מיט דעם גאלדענעם זייגער, וואס איהר פאטער האט איהם געגעבען אין די חתן מתנות.

ווי שעהן, ווי חנ'עוודיג ער, איהר חתן, זעהט אוים?... אזוי וועט ער אויך אויסזעהן אונטער דער חופה — האט זיך רבקה געטראכט — ווען זי מיט איהרע עלטערען, מיט די מחותנים וועלען ארום איהם מאכען די הקפות. זי וועט איהם דאן ניט קענען זעהן. איהר פנים וועט זיין פער־דעקט. אבער אזוי, פונקט אזוי וועט ער זיין אנגעטהאן...

זי הערט פון דער וייטענס א פרעהליכען „גוט יום טוב“ און איהר בלוט פאנגט אן געשווינדער צו קלאפען אין איהרע שלייפען. זי הארכט זיך צו ביים פענסטער... יא, דאס זיינען זיי, דאס איז ער... זי דער־קענט זייערע שטימען... אט געהען זיי שוין.

א פרעהליכער קלאפען אין טיר. ישראל דעם רב'ס שרייט אוים אין דער הויף, אז מען האט געקענט דערהערען אויף דער צעהנטער גאס: „פתחו שערים!“

— ויבא „גוי“ — רופט זיך אב איינער פון דער חברה.

אלע צולאכען זיך.

רבקה כאפט א גיכען קוק אין שפיגעל און לויפט אנטקעגען עפענען די טיר.

— גוט יום טוב, כלה! א גמר חתימה טובה!

— גוט יום טוב, גוט יאהר — ענטפערט רבקה מיט'ן גאנצען האר־צען און איהרע בליקען בעגעגענען זיך מיט די בליקען פון איהר חתן, וואס האט געטראגען א גאנצען מולטערל מיט הושענות. די חתן־כלה פער־שעהמען זיך...

— אה, משקה! כבוד! — שרייט אוים ישראל דעם רב'ס און נעהמט זיך גלייך אנגיסען א כוס.

אלע טהוען איהם נאך.

די כלה סארווערט און שטעלט אונטער יעדען א שטיק טארט צו פערבייסען.

— לחיים! — שרייט אוים ישראל. — לחיים כלה־לעבען!

— טרינקט געזונטערהייד — ענטפערט רבקה מיט נחת.

— און דעם חתן לאָזט איהר אויס? — פרעגט איינער.

— וואָס הייסט? לחיים חתן־לעבען!

— לחיים טובים!

האָט איהר שוין פערקויפט דער כלה הושענות? — פרעגט חיים'ל אברהם'ס, וואָס האָט געהאַלטען די רויטע פּאַטשיילע מיט די געלד.

דער חתן נעהמט ארויס א בינטעל הושענות און דערלאַנגט דער כלה.

די כלה האָט דאָס צוגענומען מיט א ליעבליכען שמייכעל, ווי דעם פרעכטיגסטען בוקעט בלומען און האָט מנדר געווען פאר דער חברה חי מאָל חי גילדען.

חי מאָל חי! — שרייט חיים'ל אויס אין דער הויך, דער חתן זאָל טאָקע וויסען, וואָס פאר א בריליאַנטענע האַרץ זיין כלה האָט.

— זאָל זייז צום לעבען — ענטפערען אַלע מיט אַמאָל און מען נעהמט זיך ווייטער צום טיש מיט די כבוד.

מען טרינקט לחיים'ס, מען זינגט פרעהליכע נגונים און ניט בע־מערקט פאר זיך אליין האָט מען פערקאַשערט די רעק און געטאַנצט א קאַרעהאָד מיט דעם חתן און מיט דער כלה. פון דעם טאַנץ האָט זיך פיינעל די מחותנת'טע אויפגעכאַפּט און האָט מיט גרויס נחמה צוגע־זעהן, ווי איהר טאָכטער טאַנצט צוזאַמען מיט איהר חתן א כשר'ן טאַנץ, א טאַנץ לשם מצוה.

זי האָט אריינגעוואָרפען אין דער פאַטשיילע נאָך אַמאָל חי און זיך איינגעפלאַכטען אין רקוד'ל...

# שמחת תורה.

שמיני עצרת בייטאג, ווען דער עלטערער עולם, וואס איז נאך ניט געווען אויסגערוהט פון דער הושענה רבה נאכט, האט זיך אויף א ווײלע צוגעלעגט, כדי ניט צו זיין שלעפעריג ביי די הקפות, האט זיך אין די גאסען פון שטעדטעל געהערט א לעבעדינער אינגעלשער געזאנג, וואס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון הונדערטער דינע גרילצענדע שטימען.

דער געזאנג איז געווען א צושפיעל צו א מין סאלא, וואס זלמן דער מלמד האט מיט זיין הייזעריגען פערשטיקטען קול געזונגען.

זלמן איז געווען א דרדקי־מלמד אין דער תלמוד תורה. אזוי ווי אין תלמוד תורה איז קיינמאל קיין געלד ניט געווען, פלעגט זלמן קיין שכר לימוד ניט קריגען און איהם פלעגט אויסקומען צו הונגערן מעהר ווי איין מאל א טאג.

— ווער וויים, וואס פון מיר וואלט געווארען — פלעגט זלמן אליין מודה זיין — ווען מיין טאטע, זכרונו לברכה, וואלט מיר ניט געלאזען די הויז. מיט'ן עסען קען מען ווי עס איז נאך דורכקומען. איז ניטא קיין ווארעמעס פעררויכערט מען די ליולקע. די ליולקע איז פונקט אזוי ווי עסען. זי פערשלאגט דעם הונגער. אבער צו וואלגערען זיך בשכנות, זאל גאט אויסהיטען. געלויבט און געדאנקט דער השם יתברך דערפאר— פלעגט זלמן ענדיגען זיין שמועס, אויפהויבענדיג זיינע הענד צום הימעל.

„די הויז", וואס זלמן דער מלמד האט געקראגען בירושה, איז געשטאנען פאזע טייך. ערב פסח, „ווען די קריעם פלעגען געהן" איז זיין „הויז" געווען די ערשטע כפרה פערפלייצט צו ווערען. דאס מאטעריאל,

פון וועלכען זי איז געווען אויפגעבויט, איז אויך ניט געווען אזוי פוי־געלדיג. זי איז געווען אויפגעבויט פון ברעטלעך און פערפוילטע באל־קענס, אויף וועלכע דער שימעל האט זיך גאנץ הרחבה'דיג איינגעוואר־צעלט. צווישען די פענסטער און די ווענד זיינען געווען לעבער, וועלכע זיינען ווינטער־צייט געווען פערשטאפט מיט לופטעס.

דער ווינד פלעגט זיך אין „הויז" גאנץ ברייטליך ארומשפאצירען און דורכנעהמען די ביינער פון זלמ'ען אליין און פון זיין ווייב.

— ווען גאט וועט אונז העלפען — האט תמיד געהאפט זלמן'ס ווייב, די מלמד'יכע — וועלען מיר קודם צורעכט מאכען אונזער הויז, דער ווינד זאל דארטען ניט אזוי שטארק בלאזען...

קיין פלאץ האט די „הויז" ארום זיך ניט געהאט און עס איז ניט גע־ווען וואו אויפצושטעלען א סוכה, פלעגט זלמן געהן עסען אין זיין שכן'ס סוכה.

אין די זיבען טעג פון סוכות פלעגט זיך זלמן פשוט מחיה זיין. דער ווינד האט אין שכן'ס סוכה ניט אזוי שטארק געבלאזען, ווי ביי זיך אין דער היים.

שמיני עצרת נאכ'ן דאווענען, ביים אבזאגען דעם לעצטען „יהי רצון" אין סוכה, ווען ער האט בעדארפט געהן אין זיין אייגען „הויז", פלעגט ער נעהמען אן איבעריגען לחיים און אנפאנגען צו זינגען מיט גרויס התלהבות:

קד־ש־נו במצ־ו־תי־ך
ותן חל־ק־נו בתו־ר־תי־ך...

די חדר־אינגלעך האבען שוין געוואוסט זלמן'ס מנהג, האבען זיי איהם אבגעווארט ביים סוכה און זיינען דערנאך צוזאמען מיט איהם געגאנגען אין אלע גאסען און געזונגען מיט איהם:

קדשנו במצותיך
ותן חלקנו בתורתיך...
אי,אי, אי.

אין דער צייט, ווען זלמן מיט די קינדער האבען נאך געהאלטען אין מיטען זינגען, האט מען זיך שוין אנגעפאנגען צו קלייבען ביי רבי שמחה

מאיר'ס, דעם גבאי ראשון פון חברה קדישא.

צוערשט זיינען געקומען די גבאים, די „זקנים" און אלע אנדערע בעלי התמנות'ן. שפעטער האבען אנגעפאנגען צו קומען אלע חברה לייט, וועלכע האבען זיך געזעצט ארום די גרויסע, ווייס געגרייטע טישען, אויף וועלכע עס זיינען געשטאנען פלעשלעך מיט משקה און גרויסע בעקענס מיט אבגעקאכטע באב.

אזוי ווי רייז־קאשע האט ניט געטארט פעהלען אויף א סיום, אזוי האט אבגעקאכטע באב געמוזט זיין אויף יעדער שמחה פון חברה קדישא.

די סארווערס פון דער שמחה זיינען געווען די קברות־לייט און די שמשים. זיי האבען יעדען חברה־מאן דערלאנגט די פלעשלעך, אנגעגאסען די גלעזלעך, געטיילט די לעקעך און פאנאנדערגעשטעלט די טאשען אבגעקאכטע באב.

צווישען די שמשים האט מעהר ווי אלע געארבייט זושע קאפיטאן.

זושע קאפיטאן האבען די רעקרוטען־כאפער אבגעריסען פון זיין מאמע'ן די אלמנה, ווען ער איז נאך ניט אלט געווען זעקס יאהר. די אלטע לייט, וואס האבען געדענקט די גאנצע געשיכטע, האבען נאך עד היום ניט געקענט פערגעסען די בלוטיגע רציחה פון די „כאפערס", וועלכע האבען ניט געהערט חיה די אלמנה'ס געוויינען און יללה'ס, ווען מען האט פון איהרע הענד צוגענומען איהר קינד.

— אזא רציחה — האבען זיי דערצעהלט — איז גאר ניט געהערט געווארען.

די אונגליקליכע חיה האט זיך אנגעטשעפעט אן די רעדער פון וואגען, וואו איהר קינד איז געווען געזעסען שוין אבצושיקען אין אויעזד. אבער דער רעקרוטען כאפער האט איהר דערלאנגט א שמיץ מיט'ן בייטש. זי איז געבליבען אין חלשות און איהר קינד איז אבגעפיהרט געווארען..

נאך פינף און צוואנציג יאהר איז זושע געקומען אן אויסגעדיענטער מיט מעדאלען זוכען זיין אלטע מוטער. זי איז שוין אבער צו זיין גרויסען וועהטאג לאנג געלעגען אויפ'ן בית־עולם.

זושע האט אנגעפאנגען אפט צו געהן אויפ'ן קבר פון זיין מאמען.

דער בית־עולם איז געווארען זיין ליעבלינגס־ארט, וואו ער האט פער־בראכט דעם גרעסטען טייל פון טאג.

ווען אין שטערטעל האט מען זיך דערוואוסט, אז זושע חיח'ס איז צוריקגעקומען א איד, ניט קוקענדיג אויף די געברענטע צרות, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן פאר זיין אידישקייט, האט מען איהם אנגע־פאנגען שטארק מקרב צו זיין. מען האט גענומען א מלמד, איהם אויסגע־לערענט דאוונען און צו מאכען די ברכה, ווען ער וועט עולה לתורה זיין און מען האט אנגעפאנגען זוכען פאר איהם א פרנסה.

פון אלע פרנסות האט זיך זושע אליין אויסגעקליבען צו זיין א שמש אין חברה קדישא.

— איך וועל קענען געהן אפט אויפ'ן בית עולם... זיין אויפ'ן קבר פון מיין מאמען — האט זושע ערקלערט, פאר וואס איהם געפעלט דוקא די שמשות פון דער חברה קדישא.

פאר זיינע מעדאלען און אויך דערפאר, וואס אלע האבען גע־וואוסט, אז ער וואלט געקענט ווערען א פאלקאווניק, ווען ער וואלט זיך גע'שמד'ט, האט די שטערטעל זושע'ן א נאמען געגעבען: „זושע קא־פיטאן".

אויף יעדער שמחה פון חברה קדישא פלעגט זיך זושע משמח זיין מעהר ווי אלע. ער האט געמאכט לחיים'ס איינס נאך די אנדערע. א לחיים לכבוד דעם גבאי ראשון, א לחיים לכבוד דעם גבאי שני, א לחיים פאר די זקנים און לחיים'ס פאר אלע חברה־לייט.

זושע האט געטרונקען, ווייל ער האט געוואוסט, אז עס איז א מצוה צו טרינקען אויף א שמחה.

זושע האט געקענט יעדען חברה־מאן בעזונדער און האט געוואוסט יעדענס פלאץ, ווי נאהענט ער דארף זיצען נעבען גבאי ראשון.

— בארעך אבע (ברוך הבא) ר' יצחק! — פלעגט דער ערשטער אויסשרייען מיט א שטארקען באסאווען קול, ווען איצעל דער דיין האט זיך בעוויזען אין טהיר.

— בארעך־אבע, בארעך־אבע! (ברוך הבא, ברוך הבא) כאפט אונ־טער דער עולם. א גערודער, אלע פאנגען זיך אן צו רוקען מיט די שטוהלען,

אבער עס דויערט ניט לאנג און זושע קאפּיטאן מאכט א סדר און טיילט ווידער פאנאנדער די אבגעקאכטע באב.

דער עולם האט געטרונקען, געגעסען אבגעקאכטע באב און געזונגען די תפילה פון נעילה:

יתבאנו בצל ידו...

א גרויסע לעבעדיגקייט פלעגט אריינברענגען רבי נחמיה, דער פאר־א־יאהריגער גבאי ראשון*).

רבי נחמיה איז געווען א גרויסער הוליאק און פלעגט שוין קומען אנגעסנאשקעטערהייד צו דעם יורש פון זיין גבאי ראשון שטוהל. רבי נחמיה האט בטבע געהאט א גוט הארץ און פלעגט קיין מאל ניט שרייען אויף די שמשים. זושע קאפּיטאן איז ביי איהם געווען א גאנצער בן־בית. ער פלעגט דארט עסען און טרינקען, העלפען איהם דעקען די סוכה און איהם אויסטראגען שלות־מנות. רבי נחמיה האט זושען שטארק מתקרב געווען.

גלייך נור ווי רבי נחמיה האט זיך בעוויזען, האבען שוין אלע געוואוסט, אז דא וועט ווערען לעבעדיג.

— ג־ו־ט י־ו־ם ט־ו־ב! — שרייט רבי נחמיה אויס מיט א הויכען לאנגען קול.

— גוט יום טוב, גוט יאהר! —ענטפערען אלע אידען מיט דעם זעלבען ניגון, ווי רבי נחמיה.

און איידער רבי נחמיה איז צו צו מזרח־וואנד, וואו דער גבאי ראשון איז געזעסען, האט זושע קאפּיטאן איהם אונטערגערוקט א כוס.

רבי נתמיה טהוט אויס זיין צילינדער־הוט — דעם זעלבען, וועלכען ער האט געטראגען אונטער דער חופה מיט א יאהר פופציג צוריק, נעהמט ארונטער דעם מאנטעל פון די פלייצעס, בלייבט אין יארמולקע און אין די אטלעסענע קאפּאטע, נעהמט דעם כוס פון זושען און שרייט אויס פרעהליך:

---

*) נאך די תקנות, וואס עס זיינען פערשריבען אין פנקס פון דער חברה קדישא, טאר דער גבאי ראשון ניט זיין מעהר ווי איין יאהר.

— לחיים, רבותי, לחיים גבאי ראשון!

— לחיים, לחיים רבי נחמיה — ענטפערט דער גבאי מיט א האר־צינען שמייכעל.

— לחיים לכל המסובין בכאן — שרייט רבי נחמיה נאך העכער אויס און די חברה־לייט ענטפערען:

— לחיים טובים ולשלום.

— השם יתברך זאל געבען, מיר זאלען זיין איבער א יאהר אין ירושלים! — ווינשעוועט רבי נחמיה.

— און דארטען וועלען מיר טרינקען כפל כפליים — ענטפערט איי־נער א יונגער חברה־מאן, מיט גרויס התפעלות.

— כיציאת מצרים — הערען זיך קולות.

— ונאמר לחיים — פערענדיגט רבי נחמיה מיט'ן נגון פון חתן תורה, אויפהויבענדיג דעם כוס צום עולם.

און דער עולם ענטפערט ווייטער:

— לחיים טובים ולשלום!!!

רבי נחמיה פאנגט אן אויסצושפרייטען די הענד צום הימעל און זינגט:

וואס מיר זיינען, זיינען מיר\
אבי אידען זיינען מיר,\
און וואס מיר טהוען, טהוען מיר\
דער גאנצער עולם כאפט אונטער:\
אבי אתרוג בענשען מיר.

רבי נחמיה:

וואס מיר זיינען, זיינען מיר\
אבי אידען זיינען מיר,\
און וואס מיר טהוען, טהוען מיר\
דער גאנצער עולם:\
אבי ברכות זאגען מיר.\
ביים דריטען פערז ענטפערען אלע:\
אבי גומל בענשען מיר.

און אזוי גּעהט מען דורך דעם גאַנצען אַליף בית.

איידער רבי נחמיה האָט געענדיגט דעם גאַנצען זמר איז געוואָרען אין שטוב א גרויסער טומעל. אלע חברה־לייט האָבען זיך אויפגעהויבען לכבוד דעם רב, וואָס איז געקומען אָבגעבען כבוד דעם גבאי ראשון און איבערהויפּט די גאַנצע חברה קדישא.

ווען דער רב איז אריין מיט דעם פרעהליכען גוט־יום־טוב ! האָבען איהם רבי נחמיה, דער גבאי און זושע קאַפּיטאַן און די אנדערע הוליאַקעס בעגעגענט טאַנצענדיג.

דערווייל האָט שוין זלמן דער מלמד און זיין גאַנצער אינגעלשער כאָהר, וואָס איז אַנגעוואַקסען ביז א פּאָר הונדערט קיין עין הרע, שוין בעוויזען דורכצוגעהן אלע גאַסען און איז געקומען צום גבאי.

אלע האָבען מיט פרעהליכע פּנים'ער בעגעגענט זלמן'ען מיט די קליינע חברה־לייט און דער רב אליין, א לוסטיגער מענש, האָט אין דער הויף אויסגעשריען

צאַן קדשים !

און ר' זלמן מיט די קינדער האָבען געענטפערט :

מע—ע—ע !

מעהר פון אלעמען איז אריין אין התלהבות זושע קאַפּיטאַן. קיין בעל אידיש איז ער ניט געווען און די ליעדער מיט ווערטער האָט ער ניט גע־קענט מיטזינגען. דערפאַר אָבער האָט ער געשריען און געברומט העכער ווי אלע דעם

מע ! מע ! מע !

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס איז געקומען די צייט פון מעריב זיינען שוין אלע טישטיכער געווען ארונטערגעשלעפּט פון די גרויסע טישען, די טאַשען באָב איבערגעקעהרט פון רבי נחמיה'ס האָפּקעס, און דער עולם האָט זיך אָנגעפאַנגען מכין צו זיין צו פיהרען דעם גבאי און דעם רב און די אלע נכבדי העיר אין שוהל אריין.

געפיהרט האָט מען דעם גבאי דורכ'ן מאַרק־פּלאַץ, אונטער חופה־שטענגלאך. די חופה־שטענגלאך האָבען געטראָגען די שמשים. דער גאַנ־

צער עולם איז געגאנגען טאנצענדיג. מען האט געטאנצט און געזונגען.

דער פיהרער פון דעם גאנצען פאראד איז געווען זושע קאפיטאן.

נאך זושען זיינען געגאנגען רבי נחמיה און רבי ישראל צעסנעס און האבען געזונגען דעם פרעהליכען נגון פון רבי עלינקע לידא'ר. דער גאנ־צער עולם האט געפליעסקעט מיט די הענד און אונטערגעבאמקעט. צווי־שען איין נגון און צווייטען נגון פלעגט זושע קאפיטאן שרייען מיט זיין טיעפען באסאווען לייבען־קול, וואס האט זיך געהערט כמעט איבער דער גאנצער שטעדטעל:

— פוי, פוי, פוי!

דער פוי איז געווען די איינציגע גייסטיגע ירושה, וואס ער האט מיטגעבראכט פון דער צייט, ווען ער איז געווען א סאלדאט. ער האט פעראידישט דעם קול פון אן אראמאטען־שאס און איהם אויסגענוצט אום שמחת־תורה.

פון צייט צו צייט האט דער רב איבערגעריסען דעם געזאנג מיט זיין

צאן קדשים!

און דער גאנצער עולם האט ווידער אבגעענטפערט:

מע—מ—ע!

אין שוהל איז דער גאנצער פרעהליכער עולם אריין טאנצענדיג און זינגענדיג. א גרויסע רוישענדיגע מענשען־כוואליע האט פערפלייצט אין איין הרף־עין דעם בית־המדרש. מען האט זיך געהויבען און געבאמקעט אלע צוזאמען און יעדער פאר זיך, ביז וואנען דער חזן האט מיט זיינע משוררים און מיט דער גאנצער עדה אנגעפאנגען צו זינגען דעם שמחת־תורה'דיגען ברכו...

# הערבסט.

הערבסט.

דער הימעל ווייגט. די ערד איז קויטיג און נאס. ווינטען און רע־נענס האלטען צווישען זיך מלחמה איבער דער ממשלה פון שטעדטעל. אדער עס פליוכעט דער רעגען, אדער עס פייפט דער ווינט. ווערט מען פטור פון איין אנשיקעניש, קומט די צווייטע. איבער דער שטעדטעל איז אויסגעגאסען א מין טרויער. זי איז אינגאנצען איינגעהילט אין שווארצען. די הייזער זעהען אויס ווי פערלאזענע ניט־בעוואוינטע חורבות, וואו ניט־גוטע האבען געבויט זייערע נעסטען. פערזונקען אין בלאטע, פערשווארצט און פער׳חשכ׳ט פון פייכטקייט, קוקען די הייזער אויף די אויסערליכע וועט מיט א מאדנער קראנקהאפטער גלייכגילטיגקייט. ניטא קיין ברעקעל שיין אין די מוטנע, פערטרערטע פענסטער. אלץ איז פערכמורעט און פעריאמערט.

די מענשען אין שטעדטעל בעוועגען זיך ווי שאטענס. דורכגעווייקט פון נעץ און דורכגענומען פון קעלט געהען זיי ארום איינגעהויקערט, איינגעקארטשעט, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען זיך בעהאלטען אין זייערע מלבושים פון דער בייזער, צארנדיגער נאטור, וואס גיסט אויס כלי חמתה אויפ׳ן מענשען. אין די הייזער איז גרוי, טונקעל. די ווענט נאס. אויף דער פאדלאגע שטעהען שיסלען, וועלכע נעהמען אריין די טראַ־פענס, וואס טריפען פון דער סטעליע אזוי רעגעלמעסיג ווי דער טיק־טאק פון וואנט־זייגער. א ריח פון פערפוילטקייט און שימעל דערפיהלט מען,

ווען מען קומט אריין פון דרויסען אין שטוב. דער אָטהעם ווערט פער־כאפּט און מען פאנגט אָן צו הוסטען.

די הייזעריגע, פערשטיקטע הוסטען־שטים איז א בלאסער ווידער־קול, וואָס רייסט זיך ארויס פון דעם אידענ׳ס ברוסט, אויף דער טויט־שטי־מונג, וואָס הערשט איבעראל. דער הייזעריגער הוסט איז דער לייט־מאָטיוו פון דעם אידישען לעבען אין די זאמוטע און ליטווישע שטעדט־לעך הערבסט־צייט. אומעטום הערט זיך דער מאָנאָטאָנער, לאנגווייליגער הוסט. דרויסען, אין די קראָמען, אין די הייזער, אין די בתי מדרשים און שוהלען — אומעטום פערפאָלגט אייך דער הוסט. אפילו שלאָפען ביי־נאכט לאָזט ער אויך ניט. דער הוסט איז דער אויסדרוק פון דער קאלע־מוטנעקייט, וואָס דריקט אויפ׳ן הארצען.

דער אידישער דלות, וואָס איז א גאנץ יאָהר ווי עס איז בעהאל־טען, קריכט אין הערבסט ארויס פון די פערשטעקטע ווינקעלעך. מיט אָן אויפגעהויבענעם קאָפּ שפּאצירט ער פראנק און פריי אין דער אידי־שער שטעדטעל.

די נאסע, קאלטע פּאָגאָדעס קומען פריהער איידער עס איז פאראן די מעגליכקייט זיך צו נייהען ווינטערדיגע בגדים. אין שטוב איז פונקט אזוי קאלט ווי דרויסען. נאָר איינציגע נגידים קענען בעוויזען צו בריינ־גען א קלאפּטער האָלץ און א וואָגען טאָרף. אנדערע געוועהנליכע אידען מוזען האָבען געדולד און ווארטען ביז די וועג ווערט זיך שטעלען און די פויערים ווילען ניט זיין אזעלכע טייערע יעקעלעך. ווען די וועג איז שלעכט זיינען זיי נאנצע יחסנים און ווילען א רענדעל א לייט.

די שלעכטע וועגען! זיי קוילען איינגאנצען אוועק. א גאנצען זומער איז דער פּויער פערנומען אויפ׳ן פעלד און קומט ניט אין שטאָדט. די פּדיונות זיינען זעהר מאָגערע. עס קריכט די אויגען פון קאָפּ ארויס איי־ער מען זעהט אָן א צורת מטבע. אלץ ווערט אָבגעלעגט אויף הערבסט.

הערבסט האָט דער פּויער זיינע תבואות אונטער׳ן דאך, איז פריי־ער אין א קאָפּיקע און די שטעדטעל וואָלט אריינקריגען מעהר לייזונג, איז אָבער די צרה מיט די „וועגען״. די ערלים ווילען זיך ניט מוסר נפש זיין צו קומען אין שטאָדט אין אזעלכע וועטערען. א צער בעלי חיים

אויף די פערד... דער פדיון איז שוואך און אז דער פדיון איז שוואך קען מען אפילו קיין גמילות חסד ניט קריגען און אהן א גמילות חסד... זאל גאט שומר ומציל זיין...

איז נאך ווייניג די אייגענע צרות, טא קומען נאך צו זייטיגע צרות, צרות הכלל. אט ליעגט א שכנ'טע מיט פערטריקענטע ליפען אויפ'ן טוי־טען־בעט און עס איז ניטא קיין אייגענער, וועלכער זאל איהר דערלאנ־גען כאטש א לעפעל היהנערשע זופ. אט געהען כיענע דעם שוחט'ס קינדערלעך ארום קרועה בלואה און האבען קיין שיכעלעך ניט אנצוטהאן צו געהן אין חדר. אט האט יאשקע דער שמייסער אבגעלאזען דעם שדוך מיט יאכע דער בלינדער'ס פערזעסענער מויד, וואס קהל האט קוים מיט צרות צונויפגעפיהרט, ווייל פסח־נאטע דער מלוה פוילט זיך אבצושטע־קען די ק"ן רובל נדן, וואס ער האט גענומען ביי יאכען אויף א שטר עסקא. איז דאס נאך ווייניג, איז געקומען הירשע דער חוכר און האט דערצעהלט דעם רב, אז איינער, וואס וועט געווים קיין ליגען ניט זאגען, האט אליין מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהן, ווי מאטע דעם קצב'ס בענאק האט זיך געשושקעט מיט לאה'קע די גרעטוואשערקע'ס חצופישע טעכטערל און ביידע זיינען שפעטער אוועק אין דער רויטע קרעטשמע.. ער קען שווערען, ער קען געבען זיין האנט — עס איז דאך נאריש, ער וועט דאך א תקיעת כף ניט געבען—אז דאס איז אמת... וואס איז דער חידוש, אז עס איז אזא קינדער איבערגאנג און וואס אזויפיעל יונגע קינפעטא־רינס געהן פאר דער צייט אוועק פון דער וועלט!

און דא קומט נאך אן דער פריזיוו. דער פריזיוו פלעגט דעם טונ־קעלען גרויען הימעל נאך טונקעלער מאכען. די אומעטיגע טעג נאך שווע־רער מאכען. די געוויינען, די ילְלות פון די מוטערס, וועמעס קינדער עס דארפען פאהרען „זיך שטעלען", האבען דורכגעלעכערט דאס הארץ. דער שרעק פאר'ן פריסטאוו'ס איבערפאלען און פאר בערקע איצעלע'ס צונג... האט אזוי צוטרייסעלט די נערוועז, אז מען האט פשוט ניט געוואוסט אויף וואסער וועלט מען איז. דער ארון קודש איז תמיד געווען בעלא־גערט פון די אומגליקליכע מאמעס, וועלכע זיינען געקומען בעטען רחמים

ביי דעם, וואס די הענט ניט געוואשען, ער זאל דורך א נס מציל זיין זייערע קינדער פון גוי'אישע הענט.

די מאמעס האבען געבראכען די הענט, געשריען מיט אלע זייערע כחות און איבער די כחות און דער גאנצער עולם האט זיי מיטגעפיהלט. די אייגענע דאגות חיונה זיינען פערשטעלט געווארען מיט דעם וויינען, צארטען רחמנות געפיהל, וואס האט אזוי געצויגען און גענאגט פאר'ן הארצען. דער רחמנות געפיהל האט ארויסגעפיהרט דעם אידען פון זיין אייגענער צרה'דיגער וועלטעל אין א העכרע און שעהנערע וועלט, וואו דער מענשליכער „איך" איז ברייטער, גרעסער און דערהויבענער, ווי דער „איך" פון דעם טאג־טעגליכען לעבען.

דער איד האט זיך אין הערבסט דערהויבען צו א גרויסען אידעא־ליסט מיט א ווארעם הארץ און א ברייטער נשמה. ער האט זיך אנגעפאנ־גען מעהר פעראינטערעסירען מיט זיינע מיטמענשען, ווי מיט זיך אליין. אלע חברות, ווי די חברה מתיר אסורים, לחם עניים, סומך נופלים און בקור חולים פלעגען בענייט ווערען אין די לאנגע פינסטערע הערבסט אווענדען, וועלכע זיינען תמיד געווען פערנומען מיט אסיפות.

די אסיפות פלעגען פארקומען אדער ביים רב, אדער אין די זייטענ־שטיבלעך פון בית המדרש. אין בית המדרש האט דעם אידען הערבסט־צייט שטארק געצויגען. דא האט ער פערגעסען אן זיין שווערען לעבען, אן זיינע צאהלונגען און וועקסלען, אן זיין קאלטע, נאסע דירה, און האט געקליבען נחת פון דעם לעבעדיגען, קלינגענדיגען „תנו רבנן", וואס האט פערהילכט די גאנצע לופט.

דער גמרא נגון פלעגט דערווארעמען דעם אידענ'ס נשמה, איהם מאכען פיהלען לייכט און גוטמוטליך. וואס שווערער עס האט דעם אי־דען געפרעסט דער יאך פון חיונה, אלץ פרייער האט ער זיך געפיהלט ביי דער גמרא: וואס ענגער עס איז איהם געווארען אין קראם, אלץ פריי־ער האט ער זיך געפיהלט צווישען אביי'ען און רבא'ן, צווישען רבי ישמעאל'ן און רבי עקיבא'ן, וועלכע האבען איהם רייך געמאכט מיט א ים פון געדאנקען.

ווי שטערן אין א פינסטערע נאכט האָבען די שולען און די בתי־מדרשים בעלויכטען דעם אידישען פערכמורעטען הערבסט. ווי די שטראהלען פון דער זון האָבען זיי נעוואַרעמט דאָס צואווּעהטאָגט אידיש הארץ. אין די היילינע ערטער האָט דער איד ארונטערגעוואָרפען פון זיך די וואָכעדיגע, קליינליכע דאגות חיונה. ער איז געוואָרען אַן „אויבערמענש“, א מענש מיט א גרויסע און ברייטע געדאנקען־וועלט.

דרך ארץ פאר די האלב איינגעפאלענע ניט ליכטיגע אידישע שולען! אכטונג פאר די אלטע גמרא׳ס! דאָס איז געווען דער נר תמיד פון אידישען פער׳הושכ׳טען לעבען אין ליטא.

# חנוכה.

דער כמורנער, רעגענדיגער און ווינדיגער הערבסט האָט זיך געענ־דיגט. דרויסען איז קאַלט, אבער טרוקען. דער געפרוירענער שנעע כרוס־קעט אונטער די פיס. דער מארק־פּלאַץ איז אָנגעשטעלט מיט שליטענס, וועלכע בעוועגען זיך אזוי גלאַט, אזוי שטיל און בנעימות'דיג און קראכען ניט און קרעכצען ניט ווי די רעדער ארום די אקסען פון א וואָגען. די פּדיונות זיינען ניט צו פערזינדיגען. די גוטע שליטוועג ברייננגט א סך פּויערים פון די ארומיגע דערפער. מען לייזט, מען ווערט פּטור פון די אל־טע צאָהלונגען און מען מאכט נייע. עס רודעלט זיך אויפ'ן מארק, אין קראָם. מען איז ניט אזוי זשעדנע אויף א רובעל.

קלינגט עס אין טאָמבאנק איז לייכטער אויפ'ן הארצען. די הערבסטי־גע פערוואלקענדיגע פּנים'ער ווערען ליכטיגער. מען הערט אויף צו פּיהלען קאַלאמוטנע. די צוקהאָבענע, צודרומסקעטע מענשען ווערען אויסגעגלייכט. פאר דער צייט האָט מען זיך שוין אָנגעגרייט מיט ווינטערדיגע קליידער, מיט וואָליקעס און די קעלטען נעהמען ניט אזוי דורך אלע אברים. פּער־קעהרט, מען שלינגט מיט אן אַפּעטעם מויל די מחיה'דיגע טרוקענע פּראָס־טיגע לופט. אין שטוב זיינען שוין ארייגעשטעלט די טאָפּעלטע פּענס־טער, די לעבער אין די לובעס זיינען פערקאלכט און די טיר איז ארומגע־זעהן מיט שטיקער אלטע פּעלץ, וועלכע לאָזען קיין ווינד ניט דורך. דער אויוועז האָט זיך שוין צוגעוואהנט צו דעם טאָרף און האָט אויפגעהערט צו טשאדען. אגב איז דער מקח פון א וואָגען האָלץ געווארען קלענער און עס איז קיין אונגליק ניט אין גאנצען ניט צו הייצען מיט טאָרף.

די בראַזעווע האַלץ גיבען צו אַזאַ געשמאַקע געזונדע וואַרעמקייט, אַז אַלע גליעדער ווערען אויסגעצויגען און אָבגעפרישט, ווען מען קומט אַריין פון׳ם קאַלטען דרויסען אין דער וואַרימער שטוב. איבערהויפּט איז אַ מחיה צו זיצען אין דער היים, ווען דער לאַמפּ רויכערט ניט און גיט אַ העלען פלאַם.

די צאַהלונגען זיינען ברוך השם אָבגע׳פּטר׳ט. אין שטוב איז וואַרעם און ליכטיג. וואָס וויל דען אַ איד מעהר? געלויבט דער די הענד ניט געוואַשען דערפאַר...

מען זיצט ביי אַן אָפּענער גמרא, ביי אַן אויסגעשפּרייטען „הצפירה“ אָדער אַזוי ביי אַ ספר מיט דעם לאַנגען צוביק אין מויל און מען דערצעהלט מעשות וועגען אנטיוכס הרשע, וואָס האָט אַזוי געפּייניגט אונזערע עלטערען און געוואָלט זיי פערטיליגען, ביז וואַנען עס זיינען אויפגעשטאַנען די חשמונאים, וועלכע האָבען מיט אַ הויפען גבורים אַרונטערגעוואָרפען דעם יאָך פון די יונים. מען רעדט וועגען דעם ווייטען עבר און אויף די געדאַנקען קומט אַרויף דער היינט...

— פאַר וואָס בעווייזט זיך איצט ניט אַ יהודה המכבי — טראַכט זיך יעדער — וועלכער זאָל מיט אַזאַ גבורה און מסירת נפש אונז בעפרייען פון די יונים, פון די צוררי ישראל?

די טאַטעס און די רבי׳ס פלעגען חנוכה צייט זיין אַזוי אויפגעלעגט, אַז זיי האָבען זיך ניט געמאַכט קוקענדיג אויף די מעשים, וואָס מיר פלעגען אָבטהאָן אויפ׳ן גליטש.

דער טייך איז געווען פערפרוירען און מיר פלעגען אויפ׳ן גלאַזיגען אייז איבערקעהרען וועלטען. אַלערליי קונצען האָבען מיר דאָרטען דורכגעמאַכט. מיר פלעגען זיך גליטשען אויף די זיילען און אויף די שפּיצען פון די קנאַפּעל, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט פּאָדקאָוועס. אַ חוץ דעם זיינען מיר געווען גרויסע מאַדים׳ס אויף אַ ויאמר דוד גליטש, אויף אַ קרושה גליטש און אויף אַן עושה שלום גליטש, וואו מען פלעגט זיך אַזוי גיך איבערקוליען און שעהמען אויסצוזאָגען, אַז מען האָט געקראַגען אַ זעץ, אַז פונקען זיינען געפלויגען פון די אויגען.

אין געוועהנליכע צייטען פלעגען מיר פאר אזעלכע „מעשים תעתועים“ קריגען אנגעבראכען דיביינער פון רבי'ן. חנוכה־צייט האט ער זיך ניט געמאכט ווייסענדיג און האט געקוקט אויף אלע אונזערע שטיפע־רייען דורך די פינגער.

— עך, זאלען זיי אויך וויסען, וואס חנוכה בעדייט, זאלען זיי אויך וויסען, אז עס איז אמאל געווען א יהודה, א מתתיהו בן יוחנן כהן גדול!

— פלעגט דער רבי אזוי גוטמוטהיג ענטפערען, ווען מען פלעגט איהם קו־מען דערצעהלען, אז מיר קעהרען איבער דעם טייך און אז א פולק שקצים לויערט אויף אונז אנצופאלען.

דער רבי האט געוואוסט, אז ס'איז קיין סכנה ניט, אז חנוכה צייט זיינען מיר פול מיט גבורה, פארט אייניקלאך פון די חשמונאים, אין אונ־זערע אדערען פליסט דאך די בלוט פון יהודה המכבי. מיר וועלען שוין די שקצים ווי עס איז בייקומען. ער פלעגט אונז דעריבער ניט דערעסען מיט די געוועהנליכע שאלות ו ו א ו, וואו מיר זיינען געווען, ו ו א ס מיר האבען געטהאן און אז. וו.

אגב אורחא האט דער רבי זיך סתם מיט אונז ניט געוואלט איינריי־סען, ווייל ער האט געוואוסט, אז מיר דארפען איהם ברייגגען חנוכה־געלד. ער האט אונז ניט געטשעפעט אפילו ווען ער האט בעמערקט, אז מיר פיהרען גרויסע מסחרים מיט די גארן. גאנץ אפט פלעגט דער רבי גופא נעהמען אויספרובירען אויפ'ן טיש דעם גאר, ווי ער געהט און אויב די אותיות „נ. ג. ה. ש.“ (נס גדול היה שם) זיינען קלאהר.

חנוכה האט יעדען איד אנגעפיהלט מיט שטאלץ, מיט מוטה, מיט קאמף־לוסט און מיט גבורה. די אלטע חשמונאים, די גרויסע גבורים האבען איינגעפלאנצט א שטארקע האפנונג אויף א גוטער צוקונפט. אויב אנטיוכס הרשע האט ניט געקענט אבמעקען דעם אידישען נאמען פון דער ערד, וועט קיין אנדער צורר דאס געוויס ניט קענען טהאן. עס שלומערן כחות אין אידישען פאלק, וועלכע ערוואכען אין צייט פון א גרויס גע־פאהר. די אידישע ליכט, די אמת'ע, ריינע, הייליגע ליכט קען קיינמאל ניט אויסגעלאשען ווערען פון די רשעים. איין קריגעל אויל איז תמיד בעהאלטען אין די חדרי חדרים פון דעם אידישען פאלק, אין די טיעפסטע

טיעפענישען פון דער אידישער נשמה. און אויב אלע אנדערע אוילען זייי־נען טמא, פעראומרייניגט, וועט דורך א נס דאָס קליין קריגעל אויל ברע־נען און לייכטען דעם פינסטערען וועג אין גלות...

דאָס פאָלק פון מכבים דארף זיך ניט מייאש זיין — האָט יעדער איינציגער בעוואוסטזיניג אָדער אונבעוואוסטזיניג בעשלאָסען אין די חנוכה־טעג.

אנגע'יחסן'ט מיט דעם אלטען עבר און בעפליגעלט מיט האָפנונגען אויף דער צוקונפט, האָט דער איד שטאָלץ געטראָגען די חנוכה ליכטלעך, וועלכע דערצעהלען אזעלכע שעהנע, הייליגע מעשות פון אידישע העלדען...

די ערנסטע אָנגעשטרענגטקייט פון דעם אידישען לעבען איז חנוכה ניט געווען צו בעמערקען. אלע האָבען זיך געפיהלט ווי נאָך א זיעג איבער'ן שונא. פריי, אונאבהענגיג און הרחבה'דיג האָט זיך יעדערער געפיהלט. די אידישע נשמה יתירה איז געווען קענטיג אפילו אין מיטען וואָך.

דער האנדעל און די געוועהנליכע טעגליכע עסקים האָבען ניט אויפ־געהערט, אבער עס איז געווען צו בעמערקען, אז א חוץ דעם האנדעל איז פאראן נאָך עפּעס אין דער אידישער וועלטעל. אלע זיינען געווען גוטמו־טהיג און האָבען גענומען דאָס לעבען לייכט אָהן די געוועהנליכע דאגות און עגמת־נפש.

אין די וואָך פון חנוכה איז מען געגאנגען בעסער אָנגעטהאָן. די שעה־נע יונגעלייט האָבען געטראָגען זייערע שאטען־פּעלצען. די קראָמען פלע־גען פערמאכט ווערען פריהער, און ווען די אשת חיל פון געשעפט איז געווען די מאמע, פלעגט מען די קראָם פערמאכען פאר מעריב. די מאמע האָט געמוזט הערען ווי דער טאטע בענשט חנוכה־ליכט און איז שוין גע־בליבען אין הויז דעם גאנצען אבענד, ווען קרובים, שכנים און סתם גוטע פריינד פלעגען קומען צוגעהן שמועסען אביסעל.

דער טאטע איז געווען פערטיעפט אין א שאך. דער יונגער דור האָט געמאכט אן „אָקע“ און די קליינוואַרג האָט געשפּיעלט אין דריידיל.

אזייגער אכט־ניין האָבען זיך אלע געזעצט ארום טיש צום בולוועס־קוגעל, וואָס האָט געמוזט זיין געראָטען לכבוד חנוכה.

נוטמוטהיג איז מען נעזעסען ארום טיש און נעשמועסט... דער איד האט ליעב צו שמועסען, סתם אזוי זיך, וועגען אלץ און וועגען קיין זאך ניט. א גאנץ יאהר איז ניטא ווען צו שמועסען. חנוכה איז דא נענוג צייט דערויף. אפילו אברהם הירש דער שמש, וואס פלעגט פורים ניט וועלען פערבלייבען אן איבעריגע רגע אין שטוב נאכדעם. ווי ער האט נעקראגען זיין פורים־נעלד, פלעגט חנוכה ארונטערבויגען דעם הויכען פעלצענעם קראגען, אויסלעשען זיין גרויסע לאמטערן, זיך זעצען ביים טיש, נעהמען א לחיים, פערדרעהען א באנקרוטקע, און שמועסען.

— חנוכה איז גרוים נענוג... און איך'ל בעווייזען — פלעגט אברהם הירש ענטפערען, ווען מען האט איהם געפרעגט, אפשר האט ער קיין צייט ניט.

הלכה האט מען חנוכה וועניג וואס געלערענט. אפילו די ישיבה־בחורים, וואס האבען נעקראגען „טעג" פאר'ן לערנען, פלעגען אויך חנוכה בטלן די צייט אין שטיפערייען און אין לצנות.

פון אבענד פלעגען די ישיבה בחורים ארויפקלעטערען אויף די ווייבערשע שוהל און מאכען א קערטעל.

די נבאים, דער ראש ישיבה און אפילו דער רב האבען דערפון גע־וואוסט און האבען זיך ניט נעמאכט וויסענדיג. און ווען זעליג יעקעס, א בייזער איד, פלעגט זיך צושרייען, אז די אפיקורסים, ימח שמם, עפענען ניט א ספר און שפיעלען גאנצע נעכט אין קארטען, אז מען דארף די „קארטיאזשניקעס", די טריף־פסול'ניקעס, נעבען רוק און לענד און ארויסטרייבען פאדסטראי פון שטאדט, האבען די גוטע יונגע לייט, די מוסמכים, איהם בערוהיגט:

— נישקשה, נישקשה, היינט איז חנוכה און א ישיבה בחור מעג אויך הנאה האבען פון חנוכה — האט מען איינגעשטילט דעם כעסן זעליג יעקעס.

דער גרעסטער טאג פון חנוכה איז געווען די פינפטע ליכטעל.

די פינפטע ליכטעל האט מען אלעמען נעמוזט אויסצאהלען חנוכה־געלד. דאס איז געווען דער לעצטער טערמין און עס האט ניט געטארט אבגעלייגט ווערען.

גלייך נאָכ'ן דאַווענען פלעגען מיר, קליינע מזיקים, זיך אָנטהאָן אין אונזערע וואַרעמע בגדים. אַרום קאָפּ פלעגט די דיענסט־מיידעל אונז אַרומבינדען דעם „באַשליק“, אויף די הענטלעך פלעגט זי אונז אָנטהאָן די וואַרעמע וואָלענע פויסטענע הענטשקעס, וואָס זיינען געווען אָנגע־קניפּט אָן א שנור צוטראָגען אַרום האַלז, כדי זיי ניט צו פערלירען, און נאָכדעם ווי מען האָט אונז אָנגעזאָגט, מיר זאָלען ניט פערקריכען אויפ'ן טייך און ניט מאַכען קיין עושה שלום גליטש, וואו מען קען זיך חלילה צושלאָגען די קעפּעל, האָבען מיר זיך אַוועקגעלאָזען צו די קרובים נאָך חנוכה געלד.

קודם כל זיינען מיר געגאַנגען צום זיידען, נאָכדעם צום פעטער יאַנקעל־יאָשע, שפּעטער צו דער מוהמע בריינע, און אַזוי פלעגען מיר קיינעם פון די קרובים ניט אויסלאָזען.

פון דער מוהמע בריינע האָבען מיר געהאַט וויייניג נחת.

איידער זי פלעגט אונז געבען די בערלינקע חנוכה־געלט, פלעגט זי אונז אַרויסציהען די עצמות מיט איהרע שאלות: וואָס די מאַמע מאַכט, וואָס דער טאַטע טהוט, ווער עס איז נעכטען אָווענד ביי אונז געווען, מיט וואָס די מאַמע האָט מכבד געווען נעכטען די געסט, צי יענטע די פליקערקע האָט שוין צוגעשיקט די גאַנז פאַר גריבענעס אויף פריטאַג, צו די מאַמע האָט אויף היינט געהייסען פעררוקען אין אייווען א בולוועס קוגעל, צי אברהם־הירש דער שמש האָט שוין איינגעמאָנט זיינע חנוכה־געלד און אַז וו. איז דאָס נאָך געווען ווייניג, פלעגט זי אַראָבנעהמען די באַשליקען און אונז מכבד זיין מיט איהרע געראָטענע לאַטקעס, וועלכע „צוגעהן אין מויל“.

די מוהמע האָט אויך געוואָלט אונז אליין אויסטהאָן די פּעלצלעך, אָבער דאָס האָבען מיר איהר ניט געלאָזען. מיר האָבען זיך מקדים גע־ווען און עס אליין געטהאָן. מיר האָבען דאָס געטהאָן ניט דערפאַר, ווייל מיר האָבען ניט געוואָלט מטריח זיין אַן עלטערען מענשען, נאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ווען די מוהמע וואָלט אונז אויסגעטהאָן די פּעלצלעך, וואָלט זי זיי אַזוי געראָטען אַוועקגעלעגט אויפ'ן זאַפּע, אַז אונזער חנוכה־געלט,

וואס מיר האבען געקראגען פון פעטער יאנקעל־יאשע און פון זיידען וואלט זיך ארויסגעקייקעלט פון די קעשענעס.

ווען מיר זיינען שוין, ברוך השם, געזעסען ארום טיש און געוואלט נעהמען די לאטקעס, האט די מוהמע ברייגע אונז אזש אין פנים אריין אריינגערוקט איהר פארטוך, פון וועלכען עס האבען זיך געהערט אלערליי ריחות און האט אונז ארומגעווישט די נעזלעך (עס רעדט זיך אזוי „גע־ווישט". אין אמת'ן האט זי, די מוהמע, מיט איהר פארטוך אונז אויס־געדרעהט די נעזלעך. אויב דער נעזעל איז ניט געווען אזוי טרוקען, האט זי איהם נאך מעהר פערשמירט). אזא טבע האט זי שוין געהאט די מוהמע ברייגע: זי האט געמוזט ארומווישען מיט'ן פארטוך, וואס האט איהר געדיענט אויף פאר א האנטוך און פאר א נאז־טיכעל, איהר אייגען נאז און די נעזלעך פון די קינדער פאר'ן עסען, צי מען האט געדארפט צי ניט.

מיר פלעגען זיצען אויף שפילקעס און האבען זיך ניט געקענט דער־ווארטען די רגע, ביז וואנעט זי האט אריינגעשטעקט די האנט אין פאר־טוך־קעשענע און אונז אויסגעטיילט די חנוכה געלט.

גלייך נאר ווי מיר האבען געקראגען די חנוכה־געלט, האבען מיר ווי א פייל פון בויגען פערלאזען די מוהמע'ס שטוב, כדי זי זאל ניט פער־וואלפען מיט ווייטערדיגע שאלות און טענות.

צוריקלויפענדיג פון דער מוהמען האבען מיר די הענטלעך ניט גע־האלטען אין די הענדטשקעס, נאר אין די קעשענס פון אונזערע פעלצלעך. וואו די חנוכה־געלט איז געלעגען. מיר זיינען ניט געגאנגען, נאר געשפרונ־גען און מיר האבען געהאט אן אמת'ע הנאה פון דעם קלונג, וואס די חנוכה געלט האט ארויסגעגעבען ביי יעדען שפרונג, ווען די מטבעות האבען זיך אבגעשלאגען צווישען זיך אין קעשענע, וואס איז געווען פער־מאכט מיט די הענטלעך.

אויך פאר דעם עלטערען דור איז די פינפטע ליכטעל געווען א גרוי־סער טאג. די פינפטע ליכטעל איז געווען דער קאנצערט־אווענד פון יאהר. דעם אווענד פלעגט דער חזן מיט די משוררים בענשען חנוכה ליכט אין בית המדרש. און ניט נאר דער חזן, אויך די שטאדטישע קאפעליע

פלעגט שפּיעלען אַלערליי פרעהליכע נגונים אין בית המדרש נאָך „הנרות הללו“.

דער בית המדרש פלעגט זיין געפּאַקט ביז הינטער די טירען. דער עולם איז געווען יום־טוב׳דיג אויפגעלייגט. מען האָט זיך געוויצעלט צו־ליעב אנטיוכוס׳עס מפּלה און גערעדט וועגען די איצטיגע רדיפות, און געוואונשען, אַז די איצטיגע אנטיוכוסעס זאָלען האָבען דיזעלביגע מפּלה, ווי יענער אנטיוכס. דער חזן האָט מיט דער בעגלייטונג פון די משוררים ניט נאָר געדאַווענט מעריב, נאָר האָט אויסגעזונגען דעם גאַנצען אידי־שען רעפּערטואַר.

דעם חזנ׳ס חנוכה ליכט בענשען איז געווען איינגעפּלאָכטען אין אַ מערקווירדיג שעהנעם זמר, וואָס האָט געהאַט אַ מאָדנע מתיקות. היינט דאָס געזאַנג פון „הנרות הללו“! דאָס איז געווען אַ שטימונגספולער שטאָלצער און לעבעדיגער נגון, אַ זיעג מאַרש, וואָס פלעגט שפּעטער ווערען איבערגעזונגען אויף חתונות און אַלע אנדערע שמחות.

אין דער צייט, ווען דער חזן האָט גערוהט האָט געשפּיעלט די קאַ־פּעליע מאָטיוועז פון טריאומף, פון נצחון. די קאַפּעליע האָט אויך מכבד געווען מיט די בעסטע נגונים, וואָס זי האָט פערמאָגט.

דער פאָלקס־קאָנצערט, אָדער ווי מען האָט דאָס גערופען „דעם חזנ׳ס חנוכה ליכט בענשען“ האָט געדויערט ביז האַלבע נאַכט, און דער עולם, זיין אויפגעלייגטער, שטאָלצער, זיעגרייכער, איז זיך צוגאַנגען מיט גרויס הרחבה אהיים, אַנגעזעטיגט מיט נחת.

די לעצטע דריי טעג, ווען דער טאַטע האָט געבענשט חנוכה־ליכט, האָבען די קינדער איבערגעזונגען דעם „הנרות הללו“, ווי דער חזן האָט געזונגען צו די פינפטע ליכטעל אין בית המדרש.

דער טאַטע מיט די קינדער האָבען געזונגען „הנרות הללו“. די מאַמע האָט געגרייט דעם טיש פאַר דער אייגענער פאַמיליע און פאַר די געסט, וואָס האָבען בעראַרפט קומען און די חנוכה ליכטלעך האָבען געברענט און אַבגעשיינט אויפ׳ן פענסטער.

קליין זיינען געווען די חנוכה ליכטלעך, אבער א גרויסען מהלך פון אונזער געשיכטע האבען זיי בעלויכטען. זיי האבען אונז געפיהרט צוריק צו דער צייט, פון וועלכער מיר זיינען שוין אבגעגאנגען איבער צוויי טויזענד יאהר. און ווי זונען שטראהלען אויף פערטריקענטע גראזען האבען די ערינערונגען פון יענער צייט אבגעפרישט און אבגעלעבט דאס אומעטיג פער'חושך'ט לעבען אין דעם לאנגען אידישען גלות.

# חמשה עשר בשבט.

קליין איז געווען די ממשות'דיגע וועלטל, וואו אונזערע טאטעס האבען טאג איין, טאג אויס געשלעפט דעם שווערען יאך פון פרנסה, אבער גרויס און ברייט איז געווען די גייסטיגע וועלט, וואו זיי האבען אין דער ווירקליכקייט געלעבט. די וועלט, וואו זיי האבען געשעפט פערגעניגען און געגאסען פון לעבען מיט'ן פולען האנד, איז געווען פאנטאסטיש און האט נור עקזיסטירט אין דער פארשטעלונג, אין דער איינבילדונגס־קראפט, אבער דאס האט ניט געשטערט דעם גענוס און דעם תענוג. די מאטעריעלע, די גשמיות'דיגע וועלט פערשאפט איבערהויפט ווייניג פערגעניגען פון דעם העכערן זארט. ווייל מען באמת גניסען פון לע־בען, טא מוז מען זיך אברייסען פון דער ערד, פון דער שווארצער, וואַ־כערינגער ערד און פליהען מיט די פליגלען פון דער פאנטאזיע הויך, הויך צו דעם בלויען הימעל און צו דער העלער זונן...

די פאנטאסטישע וועלט האט ניט קיין גרענעצען, זי האט ניט קיין פערבאטענע ווינקעלעך. דארטען זענען ניט פאראן קיין תקנות, קיין גע־זעצען און קיין פארשריפטען, וואוהין צו געהן און וואו דער איינגאנג איז פערבאטען. מען קען דארטען בויען די טייערסטע פאלאצען, מען קען דארטען שפאצירען אין די בלומענרייכסטע גערטנער און קיינער שטערט אייך ניט צו פלאנצען די שעהנסטע אלעיען.

ניט אלע זענען, געוועהנליך, ביכולת זיך אבצורייסען פון דער ממשות'דיגער, מגושם'דיגער וועלט, ניט אלע זענען אינשטאנד צו פלי־העז. על פי רוב ווערען די מענשען געבוירען אהן פליגלען און זענען גע־צוואונגען דאס גאנצע לעבען צו ק ר י כ ע ן אויף דער ערד. קריכע־דיגע בעשעפעניסען קענען ניט פליהען און די מעהרסטע מענשען געהערן צו דעם מין, „קריכעדיגע“...

אונזערע גוטע און פרומע טאַטעס זענען יאָ געווען בעפליגעלט מיט דער פאַנטאַזיע, זיי האָבען געקענט ביי זיך אויסאַרבייטען אַ בטול היש. אין די איצטיגע וועלט זיי ניט געפעלן געווען, האָבען זיי זיך געשאַפען אַ צווייטע וועלט, אַ וועלט וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט'ן גשמיות'דיגען לע־בען, אַ וועלט פון הוילע גוטס, אַ וועלט וואו מען קען שטענדיג הנאה האָ־בען פון דער זיוו השכינה.

איז די געגענוואַרט שוואַרץ, גרוי, וואָכעדיג, אָהן ליניען, אָהן פאַר־בען און אָהן קאָלירען האָבען זיי ביי זיך געפועלט אין גאַנצען ניט האָ־בען צו טהאָן מיט איהר און האָבען געבויט וועלטען מיט דעם מאַטעריאַל פון דער אַלטער פערגאַנגענהייט און פון דער ווייטער צוקונפט. און אַט די וועלטען זענען געווען גרויס, שעהן, פּאַעטיש שעהן און האָבען פער־שאַפט פיעל מעהר תענוג, ווי די אַרומיגע וועלט, וואָס מיר קענען משיג זיין מיט אונזערע חושים.

האָט דער גלות בערויבט פון אידען זיינע פעלדער און וועלדער, זיינע תבואות און פּירות — האָט ער אַנגעפאַנגען זיך בולט'ר פאַרשטעלען אין זיין פאַנטאַזיע דאָס לאַנד, וואָס רינט מילך און האָניג און האָט אָנגע־פאַנגען איבערצולעבען די שעהנקייטען פון דער נאַטור, אַזוי ווי זי וואָלט איהם אַט דאָ אַרומגערינגעלט.

האָט דער איד ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו ליבען די נאַטור לייידענשאַפטליך, מיט פלייש און בלוט, ווי דאָס נאָרמאַלע נאַטור־קינד, האָט ער איהר אָנגעפאַנגען צו ליבען פּלאַטאָניש, האָט ער איהר אָנגע־פאַנגען צו פערגעטערן... און ביי יעדער עראינערונג אָן דער געטין־נאַ־טור איז דער איד געוואָרען יום טוב'דיג געשטימט.

חמשה עשר בשבט איז געווען איינער פון די טעג, ווען עס האָט זיך געפיהלט אין שטעדטל די שטימונג פון אַ נאַטור־פּאַלק, ווען אונזערע אידען האָבען אין זייער פאַנטאַזיע זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זענען אַרומגענומען מיט אַלערליי בוימער: מיט הויכע צעדערן און מיט די טייערסטע אווילבערטען און אַז זיי זעהן ווי אַט די אַלע טייערע ליבע בוימער ערוואַכען פון דעם ווינטער־שלאָף און פאַנגען פון דער ניי אָן צו שפּראָצען.

חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאלנות.

די נאַטור ערוואַכט צו אַ נייעם לעבען... דער פריהלינג קומט!

אויפ'ן גאַס איז, אמת, נאָך שרעקליך קאַלט. די גאַנצע שטעדטל איז פערשנייט און איינגעפרוירען. די פרעסט זענען מאוּיים'דיג אָבער אין דער אידישער נשמה ווערט וואַרעם און ליכטיג פון דעם ערשטען שטראַהל, וואָס די פריהלינגס־זונן שיקט אויף דער קאַלטער, אייזיגער ערד.

דער איד זעהט, ווי אין ז י י ן וועלט, אין זיין פאַנטאַסטישע וועלט, פאַנגען די פעלדער אָן צו גרינען, די בוימער לאָזען אַרויס קנאָס־פען, ער שפירט דעם ריח ניחוח פון די וויינגערטנער און פון די אתרוגים־פלאַנצונגען און איהם ווערט ליכטיגער, פרישער אויפ'ן געמיטה.

חמשה עשר בשבט איז דער ערשטער אָנזאָגער פון פריהלינג און אַ מין פּאָעטישע, אונבעוואוסטע בענקעניש פאַנגט אָן אַזוי אַנגענעהם צו ציהען פאַר'ן האַרצען און צו וועקען דעם געפיהל, אַז מען פערגעסט אָן דעם קאַלטען ווינטער און מען ווערט אַריבערגעטראָגען אין יענע אייביג זוניגע לענדער... דאָרטען...

וואו די ציטראָנען בליהען...

בעזונדערס גוט אויפגעלייגט איז מען חמשה עשר בשבט געווען אין חדר און אין דער ישיבה.

אין חדר האָט יעטווידער אינגעל געבראַכט באָקסער, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען און אַנדערע פירות, און דער רבי האָט זיי אַלע צונויף געמישט אין איין קופּה און שפּעטער איינגעטיילט די קינדער, וועלכע זענען גע־זעסען אַרום די גרויסע טישען מיט דרך ארץ און געוואַרט... אַ גלייכע מאָס פון יעדען מין. אָרעם און רייך — אַלע האָבען נעקראָגען אַ גלייכען חלק.

דער רבי האָט צוגעשפּילעט די דיקע וועסט, זיין קאַלע מאָגערע ברוסט זאָל זיך ניט אַרויסזעהן, האָט אַרויפגעהויבען די יאַרמולקע העכער אויפ'ן קאָפּ, האָט אָנגעטהאָן די היטעל, וואָס האָט פערדעקט די גאַנצע קאָפּ און אַ האַלבע יאַרמולקע, און נאָכדעם ווי ער האָט געוואַשען די הענד און איינגעדעקט מיט זיין מאַנטעל זיינע פּלייצעס, האָט ער זיך געזעצט

אויף זיין געוועהנליכען אַרט און האָט מיט גרויס כונה געמאכט די ברכה אויף יעדען מין בעזונדער.

נאָך'ן רבין האָט יעטווידער אינגעל איבערגע'חזר'ט מיט א הויכען קלינגענדיגען קול'כעל די זעלביגע ברכות און האָט טועם טעם געוועזן פון די פירות.

א גרויסער יריד איז געוואָרען אין חדר, ווען פראדע די באָב אידע־נע פלעגט זיך בעווייזען אין טיהר מיט איהרע צוויי גרויסע קערב. אין די געוועהנליכע טעג פלעגט פראדע פערקויפען אָבגעקאָכטע באָב, אָבגע־קאָכטע ארבעס, איינגבערלעך, אווענדלעך און פערשידענערליי איינגע־מאכצען. חמשה עשר בשבט איז איהר הויפּט סחורה געוועזן באָקסער.

— אמת'ע, ארץ־ישראל'דיגע, זאָל דער אויבערשטער מיר אַזוי העלפען, ווי זיי זענען כשרה, ארץ־ישראל'דיגע באָקסער, הלואי זאָל איך נאָך אויפגעריכט ווערען און זוכה זיין צו קומען דאָרטען, וואו די באָקסער האָט געוואַקסען — פלעגט פראדע יעדען חמשה עשר בשבט איבער־חזר'ן דעם זעלביגען פּזמון.

און מיר זענען בעפאַלען פראדעס קערב ווי ביהנען ארום האָניג און מיר האָבען געקויפט באָקסער פאַר גראָשענס, פאַר פיים'ס און פאַר קאָ־פּיקעס.

מיר האָבען געקויפט און געגעסען מיט גרויס כונה די באָקסער, וואָס וואַקסט אין ארץ ישראל אַזוי פיעל, אז ציגען גריזשען זיי פראנק און פריי.

אָה, ווי מיר האָבען דעמאָלט מקנא געוועזן די ארץ ישראל'דיגע צי־גען !...

חמשה עשר בשבט איז געווען דער טאָג, ווען מען פלעגט געוועהנליך מאכען די התחלות און די סיום'ס.

האָט א כתה בעדאַרפט אָנפאַנגען לערנען חומש, אָדער גמרא, אין מיטען ווינטער, פלעגט די התחלה אָבגעלייגט ווערען אויף חמשה עשר־בשבט. דאָסגלייכען פלעגט מען אבלייגען א סיום אויפ'ן פּרק ביז דעם טאָג. ביי אזא פאסירונג פלעגען קומען אין חדר די תלמידים'ס על־טערן. די טאַטעס האָבען געקליבען נחת פון די „אויסריידען", און די

מאמעס האבען געווײנט פאר שמחה, דאס זײ האבען זוכה געווען מגדל צו זײן זײערע קינדער לתורה.

א חוץ באקסער און אנדערע ארץ ישראל'דיגע פרות, פלעגען די עלטערן דעמאלט אויסטײלען פאר'ן גאנצען חדר לעקעך און בראנפען.

אין ישיבה האט מען חמשה עשר בשבט דערשפירט, אז עס קומט דער סוף זמן און אז דער קומענדער זמן וועט זײן זומער און ניט װינ־טער.

אזוי ווי חמשה עשר באב פלעגט מען אנפאנגען צו לערנען ביסלעכ־ווייז גמרא בײנאכט, אזוי פלעגט מען אום חמשה עשר בשבט אנפאנגען צו בטלן די צײט בײ נאכט מיט פערשידענע ענינים, אבי ניט צו לערנען.

עס האט זיך שוין ניט אײנגעזעסען בײ דער גמרא און דאס הארץ האט זיך געריסען ערגעץ אנדערשוואו. די נשמה האט געלעכצט נאך אן ענדערונג, נאך א שטיקעל שמחה'לע, נאך א האפקע, וואו דער גאנצער גוף זאל זיך עפעס א שטארקען טרײסעל געבען.

די לבנה, די קאלטע שטאלצע לבנה פלעגט אין די טעג אנפאנגען ארײנצוקריכען ארום צעהן, עלף בײ נאכט אין דער ישיבה און האט עפעס גערופען און געשלעפט מיט א געהײמניספולער קראפט פון דעם ענגען בית המדרש.

חמשה עשר בשבט פון אווענד האבען די ישיבה בחורים אוועקגע־לײגט זײערע גמרות און האבען אנגעפאנגען זיך מסדר צו זײן צום פורים שפיל.

# פורים.

פון אלע אידישע ימים טובים איז פורים געהנטער צום היינטיגען אידען.

פורים איז איבערהויפט ניט קיין יום טוב, נור א שמחה.

א יום טוב איז א פייערליכע עראינערונג פון אמאליגע צייטען, אן אבקלאנג פון א וויכטיגער גרויסער פאסירונג, וואס איז פארגעקומען אין לעבען פון דער נאציאן.

די היסטארישע פאסירונג, צוליב וועלכער אידען מאכען אלע יאהר פורים, איז ניט אזוי אונגעהייער וויכטיג. אונזער גאנצער יחוס פון יענער צייט איז, וואס אחשורוש איז געווען א מלך טפש, א מענש אהן א כאראקטער און דערצו א גרויסער בעל תאוה. צווישען די אידישע קינדער האט זיך איינגעפונען א שעהן מיידל, וואס האט געקראגען חן אין די אויגען פון דעם נארישען קעניג, און האט איהם אזוי אונטערגעטעניגט אונטער איהר ווילען, אז ער האט שפעטער געטהאן אלעס, וואס זי האט פון איהם פערלאנגט.

די גאנצע מגלת אסתר איז געבויט אויף א צופעליגען עפיזאד, וואס איז ניט פערבונדען מיט דער אידישער נשמה. מיר זעהען דא ניט גרויסע אידישע גבורות. אפילו דאס, וואס מרדכי איז עולה לגדולה געווען און איז געווארען א שני למלך און פלעגט געהן אין קעניגליכע קליידער, איז אויך ניט אזוי וויכטיג, דאס אידען זאלן יעדען יאהר מאכען א יום טוב צוליב דעם. די גאנצע פורים געשיכטע איז צונויפגעפלאכטען פון גליקליכע צופאלען, וואס האבען געקענט יא זיין און ניט זיין. עס ליגען ניט אין דער געשיכטע גרויסע חכמות, מיט וועלכע טויזענדע און טויזענדע דורות זאלען קענען אזוי שטארק שטאלצירען. דער ספור המעשה גופא האט ניט אין זיך די עלעמענטען, דורך וועלכע זי זאל קענען ווערען פער־

הייליגט. ניטאַ דאָ די גרויסקייט פון דעם אידישען נביא און מיר זעהען דאָ ניט די מסירת נפש פונ׳ם אידישען גבור.

און דאָך איז פורים ליעב יעדען אידען.

פורים איז ניט א הייליגע צייט נור א פרעהליכע צייט. פורים איז זיך דער איד משמח, ניט ווייל עס איז א מצוה זיך משמח צו זיין, נור ווייל עס איז א תעניג, א פערגעניגען זיך משמח צו זיין און זיך אָנטרינקען עד דלא ידעי בין ארור המן לברוך מרדכי.

המן און מרדכי זענען ניט צוויי היסטאָרישע טיפען, נור טיפען פון דער געגענוואַרט.

המן׳ען בעגעגענען מיר היינט, פונקט ווי מיר האָבען איהם בעגעגענט מיט טויזענד יאָהר און מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, און מיר בעגעגענען איהם אין אלע לענדער, וואו עס איז פאַראַן א מרדכי היהודי, א איד וואָס האָט זיין אייגענעם גאָט, זיינע אייגענע מנהגים און לעבט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער.

המן׳ס מסירה, אז עס איז פאַראַן איין פאָלק, וואָס איז צוזעעט און צושפרייט צווישען די פעלקער אין אלע מדינות, א פאָלק וואָס האָט זיך זיינע אייגענע געזעצען — אַנדערע געזעצען ווי ביי אלע פעלקער*) און מען דאַרף עס ניט דולדען, — אָט די גרויסע מסירה הערען מיר טאָג טעגליך אויך אין היינטיגע צייטען.

דער איד פאַלט אָבער ניט אַרונטער ביי זיך, ער איז זיכער, אז סוף כל סוף מוז דער אייגנע׳עקשנ׳טער מרדכי בייקומען די המן׳ס, וועלכע וועלען קריגען זייער מפלה און עס וועט ווייטער זיין ליהודים... און ער איז זיך דעריבער משמח מיט זיין גאַנצען האַרצען.

דער איד לאַכט, ער מאַכט חוזק פון די המן׳ס, וועלכע ווילען אָב־מעקען דאָס פאָלק ישראל און פערגעסט ניט דערביי אָן זיינע אָרעמע, עלענדע קרובים, וועלכע נויטיגען זיך אין זיין הילף.

---

*) ישנו עם אחד מפזר ומפרד בין העמים בכל מדינות מלכותך ודתיהם שנות מכל עם... ולמלך אין שוה להניחם.

פורים ווייזט דער איד ארויס ניט נור זיין גרויסע נשמה, נור אויך זיין ברייט הארץ. א קמצן, א קארגער, א קליינליכער מענש קען פון פורים קיין הנאה ניט האבען.

אויף המן'ס מפלה קען זיך נור יענער פרעהען, וועלכער איז אויך מקיים דעם מנהג פון שלוח מנות און מתנות לאביונים.

און דער איד אין דער ליטווישער שטעדטל האט מקיים געווען דעם מנהג פון מתנות לאביונים ניט געצוואונגענערהייט, ניט אלס נדבן, אלס וואהלטעטער, נור אלס אן אמת'ר געפיהלפולער מענש מיט א ווארעם הארץ, וואס איז פול מיט ליעבע, אמת'ע, ווארעמע ליעבע צו די יעניגע, וועמען דאס לעבען האט ניט אזוי נעצערטעלט.

ביי אונזער זיידען אין שטוב איז פורים אין דער פריה געווען א גאנ־צער יריד. די ארטיקלען, וואס זענען געווען בעשטימט פאר שלוח מנות, זענען געלעגען אויף אלע טישען. די ארטיקלען זענען געווען פערשידענע פון אלערליי מינים און זענען געווען צוגעפאסט צו די בעדערפנישען פון די קרובים, פאר וועמען זיי זענען געווען בעשטימט. דער זיידע און די באבע האבען געוואוסט, ווי עס לעבען די ארעמע קרובים און גוטע פריינד און האבען געקויפט פאר זיי דאס, וואס זיי דארפען.

פאר דער עלטער מוהמען איז געלעגען א הארבאנד, פאר דער מוה־מען — א שייטעל, פאר דבורה די אלמנה — „צייג“ צו נייהען איהרע קינ־דערלעך קליידער, פאר איין קרובה'ס קינדער — שיכעלאך, פאר א צווייטע קרובה'ס קינדער — זעקעלעך, פאר'ן רב א פלאש וויין, פאר'ן דיין א פלאש בראנפען, פאר'ן מלמד — טיי און צוקער, און פאר דער ארעמער שכנ'טע — א חודש דירה געלד.

א חוץ די ארטיקלען האט דער זיידע אין טעלער, וואו עס איז גע־לעגען דער שלוח מנות פאר יעדען קרוב אדער קרובה, געמוזט צולייגען אן אפעלסין, א ציטראן און אבגעקאכטע באב און די באבע האט פון איהר זייט אריינגעלעגט אין יעדען טעלער א המן־טאש און פורים־צאצ־קעס פאר די קליינע קינדער, וואס איז בעשטאנען פון קראכמאלדיגע מענשעלעך, גמרא'לעך, מגילה'לעך און פידעלעך.

איינפּאַקען די שלוח מנות פלעגט דער פעטער בערע, וועלכער איז געווען אַ מאָדים גוט אַרומצובינדען דעם טעלער מיט דער גרויסער פאַ־טשיילע אַזוי, אַז כאַצע דער אונטערשמש'ל, וואָס איז ניט געווען בעוואוסט פאַר אַ נעראַטענער יונגער מאַן, זאָל ברייינגען דעם פעקעל מתנות און עס זאָל ניט פעהלען אַ האָר דאַרטען.

די אייניקלעך צווישען זיך פלעגען אויך שיקען איינע די אַנדערע שלוח מנות אין בלינדע טאַשען, פערמאַכט מיט טיכלעך, אָבער די טיכ־לעך זיינען נור געווען פאַר לייטען. ביי זיך גופא האָבען מיר געוואוסט פון אַ פריהער, וואָס פאַר אַ שלוח מנות עס ליגט אונטער'ן טיכעל. מיר פלעגען שוין ערב פורים צווישען זיך אָבמאַכען, וואָס פאַר אַ שלוח מנות מיר וועלען זיך איינע די אַנדערע שיקען.

ניט אַזוי לייכט פלעגען מיר צווישען זיך משוה ווערען וועגען דעם שלוח מנות. האָט איינער פון אונזער כתה אסתר־תענית מודיע געווען, אַז ער וויל קריגען דוד המלך'ס פידעלע, וואָס מענדע דער מאַרק איד בעט אַ פיים אַ שטיק, האָבען אַלע געוועלט דוקא אָט אַזאַ פידעלע און מען האָט געמוזט וואַרפען צווישען זיך גורל, וועמען אָט אַזאַ שלוח מנות זאָל אָנקומען. און פורים גופא איז אויך ניט אַזוי אַריבער גלאַט ביי אונז. אַנדערע פלעגען אָבנאַרען און אָנשטאָט אַ פידעלע פלעגט מען אין טאַש געפינען אַ האַלבען המן ־ טאַש מיט באָב... דאָס פלעגט פיהרען צו נעווייגען און צו ברוגז'ן, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען ביז שושן־פורים, ווען מען איז צוריק געוואָרען חבר.

אין שטוב אויפ'ן טיש איז אַ גאַנצען טאָג געשטאַנען דער הייסער סאַמאַוואַר מיט אַ גרויסע שיסעל אָבגעקאָכטע באָב, אַ פלעשעלע משקה און איינגענע נעבאַקטע המן טאַשען צו פערבייסען.

דאָס איז ניט געווען אָנגעגרייט פאַר דער פאַמיליע, נור פאַר אַלע גוטע פריינד און סתם בעקאַנטע, וועלכע פלעגען אַריינקומען פון נאָס אַביסעל פערברייינגען.

די געסט האָבען ניט געוואַרט מען זאָל זיי מכבד זיין. פורים — האָ־בען זיי געוואוסט — דאַרף מען ניט וואַרטען אויף כבוד, מען מוז אַליין נעהמען און הנאה האָבען פון המן'ס מפּלה.

אַרום מנחה־צייט האָט זיך שוין איבער׳ן שטעדטל געהערט דער גע־זאַנג פון די פּורים־שפּילער, וועלכע זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז און געשפּילט און געזונגען.

ושתי׳ן האָבען מיר, פערשטעהט זיך, ניט אזוי שטאַרק ליעב גע־האַט, און ווען חייקע די גרעטוואַשערקע, וואָס האָט אויסגעזעהן פּונקט אזוי ווי ושתי מיט א רויטען געזונדען פּנים, האָט אָנגעפאַנגען צו זינ־גען: „איך ושתי המלכה, די ווייב פון אחשורוש“... האָט זי ביי אונז גאַנץ וויניג אויסגענומען, דערפאַר האָט געפונען לייטזעליגקייט אין אונזערע אויגען יאַנקעל דעם פוהרמאַנ׳ס יונגע ווייבעל, וואָס האָט אויס־געזעהן מיט איהר גרינגעם פּנים אַט אזוי ווי אסתר המלכה.

אויסגעריסענע יאָהרען האָט פון אונז געהאַט שיקע דעם קצב׳ס, ער האָט אָנגעטהון א פּאָר אַלטע סאַלדאַטסקע שטיוועל מיט קלינגענ־דיגע שפּאָרענס, א פּאָר גרויסע פערדרעהטע וואָנצעס און א דרייעקיגע הוט — דאָס איז געווען המן הרשע. ער, שיקע, האָט נעבעך געהאַט ניט וויניג אויסצושטעהן פאַר זיינע פאַר גראַשען. יעטווידער, וואָס האָט נור געהאַט גאָט אין הארצען, האָט זיך גוקם געווען אָן המן׳ן. ווער א שטורכע, ווער א בוכצע, ווער א קניפּ, ווער א שפּיי, — אַלע האָבען גע־האַלטען פאַר א גרויסע מצוה אָנצוטהון המנ׳ן אַלערליי נגיפות. דער גליקליכסטער פון די פּורים שפּילער איז געווען ברוך׳קע, יענטע די טור־קערקעס זוהן. ער האָט געטראָגען א לאַנגען ווייסען פלאַקסענעם באָרד, א יאַרמולקע אונטער׳ן היטעל און א הייקער — דער אמת׳ר מרדכי. אזוי ווי אסתר האָט געמוזט זיין א גרינגע, אזוי האָט מרדכי געמוזט האָבען א הייקער.

מרדכי האָט מיט זיין געזאַנג שטאַרק אויסגענומען און איהם פלעגט מען טאַקי אויך אריינרוקען אין האַנד די מטבע פּורים געלד...

די אמת׳ע שמחה האָט זיך אָנגעפאַנגען פון אָוונער ביי דער סעודה, צו וועלכער עס זענען געקומען אַלע קרובים, די רייכע ווי די אָרעמע, אפילו די גאַנץ ווייטע אָרעמע קרובים.

אויפ'ן טיש זענען געשטאַנען די זילבערנע און גאָלדערנע כלים, די לאָמפּען האָבען העל געלויכטען, פון טייגעכץ האָט געשלאָגען א פּארע און די איינענע און די געסט האָבען פערצעהלט חכמות און געלאַכט, גע־לאַכט גוטמוטהיג, אויפ'ן קול, מיט'ן גאַנצען הארצען. עס איז געווען פרעהליך אין הויז, ווארעם אין דער נשמה און לייכט אויפ'ן געמיטה.

מעהר ווי המן אליין האָבען פאר דעם ציעלבערעט פון די וויצען גע־דיענט די עשרת בני המן פון אמאָל און היינט.

יעדען צורר פון דער איצטיגער צייט האָט מען צוגערעכענט צו המן'ס משפּחה.

האָט זיך אָבגעדוכט, אז דער צורר איז א גרויסער, א דיקער, א גראָ־בער האָט מען איהם א נאָמען געגעבען פּרשנדתא. איז ער געווען א קליי־נער, א מאָגערער, א נידעריגער האָט מען איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען ויזתא. פאר יעדען צורר האָט מען געפונען דעם פּאַסענדען נאָמען. אפילו דלפון און אשפתא האָבען געהאט נאָכפאָלגער. האָט מען געוואוסט, אז א געוויסע פריצ'טע איז א מרשעת — האָט מען איהר בעטיטעלט מיט'ן נאָמען זרת, און מען האָט איהר — אין די גערדאנקען פערשטעהט זיך — מכבד געווען מיט דער זעלבינער פאמוניצע...

פּורים אבענד אין א אידישער הויז איז ניט געווען קיין גרויסער תעניג צו זיין א צורר ישראל. מען האָט איהם אריינגעזאָגט אויף אן עבט אידישען שטייגער.

נאָך דער סעודה איז מען אוועק צום ראש ישיבה, וואו די ישיבה בחורים האָבען אויפגעפיהרט דעם „שפּיעל".

פּורים זענען די ישיבה לייט געווען די העלדען פון טאָג. דער סוף פון זמן האָט זיך שוין אָנגעהויבען. דער ראש ישיבה האָט אויפגעהערט צו זאָגען אלע טאָג דעם שעור און דער משגיח האָט שוין ניט געהאַט אזא שליטא אויף די אָרעמע בחורים, וועלכע האָבען זיך געקליבען מיט זייער אָנגעזאמעלטער תורה און מאָגען קראנקהייטען פון די „טעג" צוריק אהיים.

די ישיבה בחורים איז געווען גוט אויפ'ן הארצען און ווען זיי איז געווען גוט האָבען זיי געזונגען און געזאָגט גלייכווערטלעך אין גראָ־

מען. און זינגען און זאָגען האָבען די פעהיגע אידישע בחורים געקענט. זיי זענען געווען פעהיג צו אלץ. מאנכע זענען געווען בעשאָנקען פון דער נאַטור מיט אמת'ע טאַלאנטען. א גאַנץ יאָהר האָבען זיי עס ניט געקענט ארויסווייזען. פורים איז געווען זייער צייט. דעמאָלט האָבען זיי ארויס־געזאָגט און ארויסגעזונגען אלץ, וואָס זיי דריקט אויפ'ן הארצען. זיי האָ־בען ניט געשאָנעוועט די באַלעבאָסטעס, וואו זיי האָבען געגעסען „טעג", דעם ראש ישיבה פאַר זיינע גרויסע פלפולים, דעם משגיח פאַר זיינע מסירות, די ראש ישיבה'טע פאַר איהר „באָק" און אזוי אלעמען. דעם ראש ישיבה'ס מיידלעך האָבען, פערקעהרט, געהאַט א גוטע מערכה. מיט זיי האָבען די ישיבה לייט געלעבט גוט, בייזע צינגער פלעגען זאָגען „צו גוט" און ווען מען האָט בעדאַרפט אין „שפּיל" האָבען אַן אשה, פלע־גען די ישיבה לייט קריגען קליידלעך ביים רבין'ס טעכטער.

אין די גרויסע ישיבות ווי אין וואלאָזין און טעלז פלעגען די ישיבה־לייט אויסקלייבען פון זיך א פורים רב. דער פורים רב האָט פורים גע־קעניגט אין דער ישיבה. ער פלעגט זיך אָנטהון אין א לאַנגע זיידענע קאַ־פאָטע, זיך ארומבינדען מיט א גארטעל, אויפ'ן קאָפּ א שטריימעל, מיט א באָרד און פאות — פונקט אזוי ווי דער אמת'ער רב אָדער ראש ישיבה פון א גאַנץ יאָהר.

פורים צו דער סעודה פלעגט דער פורים רב זאָגען דעם שעור און דער אמת'ר ראש ישיבה פלעגט זיצען ארום טיש ווי א געוועהנליכער ישיבה בחור און הערען דעם פלפול פון זיין תלמיד, וואָס טראָגט היינט זיינע קליידער...

דער נוסח און דער נגון פון דעם פורים'דיגען פלפול איז געווען ווי א גאַנץ יאָהר, אבער דער תוך, דער אינהאלט איז געווען א לצנות'דיגער און איז געווען צוגעפּאַסט צו די פּאַראַנדקעס פון דער ישיבה.

אלע שוואכקייטען פון ראש ישיבה און די משגיחים זענען געוואָרען אין דעם פלפול אבגעלאכט און דער ראש ישיבה האָט קלאָר געקענט זעהן פון פלפול, ווי די ישיבה לייט האַלטען פון זיינע לומדות און וואָס זיי דענקען פון זיין פיהרונג.

אנדערע מאָל פלעגט דער ראש ישיבה דאַרפען אויסהערן א שאַרפע שניידענדע קריטיק איבער זיך, אבער ער האָט געמוזט גוטמוטהיג שוויי־גען און לאַכען.

— וואָס דענקט איהר, רבי, פון דעם „בלאַט גמרא“. וואָס די שקצים האָבען דאַ היינט געלערנט? — האָט א פרעג געטהון יאשעל רבי זיסעלס, א יונגער מאַן אויף קעסט, וואָס האָט זיך נעשניטען צו זיין א משנית אין דער ישיבה.

און דער ראש ישיבה האָט מיט זיין ברייטען גוטהאַרציגען זיסען שמייכעל געענטפערט:

— נצחוני, בני, נצחוני...*)

אין דעם „שפּיעל“ פון די ישיבה בחורים האָט תמיד געמוזט זיין א קראַנקער אויפ'ן בעט, א חולה מסוכן, פערשטעהט זיך, א מלאך המות און א מלאך הדומה. דער מלאך המות און מלאך הדומה האָבען ביידע געטראָ־גען לאַנגע פלאַקסענע בערד, און האָבען געהאַט א פּנים פון וואַלד גזלנים. אויב אין די הויכע טאַקטורענע היטלען וואָלט די ליכט, וואָס דאַרטען איז געשטאַנען ווי אין א לאַמטערן, ניט בעלויכטען די אויסגעשניטענע אותיות: אויף איין היטעל „מ ל א ך ה מ ו ת“ און אויף דעם צוויי־טען „מ ל ך ה ד ו מ ה“ — וואָלט געווען זעהר שווער צו דערקענען אַט די „מלאכים“.

לעבען „מלאך המות“ איז געלעגען א הילצערנער שווערד, וואָס ער האָט אויסגענוצט צו „יציאת נשמה“ פון דעם זינדיגען מענש.

ווען די שפּילער האָבען זיך בעדאַרפט פערשטעלען אין זייערע קליי־דער, האָט מען אַרונטערגעדרעהט דעם לאָמפּ. דער פינסטערער צימער האָט געדינט פאַר דאָס היינטיגע „הינטערקוליסען“. ווען דער חולה איז שוין געלעגען אויף דעם רביצינ'ס שלאַפבאַנק, איינגעדעקט מיט דעם ראש ישיבה'ס שלאָף־ראָק, און האָט געקרעכצעט און דער מלאך המות מיט'ן מלאך הדומה זענען שוין געווען אַנגעגרייט, האָט מען דעם לאָמפּ אַבי־

*) איך דיינק, אז די מסכתא פורים און אלע אַנדערע עהנליכע מסכתא'ס, פול מיט לצנות, זענען געווען די פלפולים פון דעם פורים רב.

סעל ארויפגעדרעהט און אין דעם האלב פינסטערן צימער, וואו עס זע־נען געשטאנען די ישיבה לייט און די געסט, האט דער מלאך המות אנגעפאנגען צו זינגען מיט א בייזען קול:

דו רשע, דו טמא, דו חוטא, דו אפיקורס!
וואס איז געווען אום פסח דיינע עבירות?

און דער קראנקער, נעבעך, ליגט אויף זיין טויטען בעט און ענט־פערט מיט א וויינענדיגער שטים, פול מיט חרטה און ודוי.

אום פסח, אום פסח, אום פסח
האב איך אנגעמאכט א גאנצען חושך.

דער מלאך המות פרעגט ווייטער:

דו רשע, דו טמא, דו חוטא, דו אפיקורס,
וואס איז געווען אום שבועות דיינע עבירות?

און דער קראנקער מוז אזוי אבגעבען א דין וחשבון פון אלע עבירות, וואס ער האט אבגעטהאן אין די ימים טובים.

דער מלאך המות האט סוף כל סוף מיט זיין שווערד געמאכט אן ענד פון דעם זינדיגען מענשען און איז נעלם געווארען, דורכשטויסענ־דיג זיך דורכ׳ן גאנצען עולם, און דער מלאך הדומה האט אנגעקלאפט אויפ׳ן קבר (דעם קבר האט מען ניט געזעהן, נור מען איז זיך משער געווען, אז דער טויטער ליגט שוין אין קבר) און געפרעגט:

— רשע, ווי הייסטו!?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

ווען דער שפיל איז שוין געווען צו ענד, און דער זינדיגער מענש

האט בעדארפט אריין אין גהינום, האט מען ארויפגעדרעהט דעם לאמפ און דאס האט געהייסען, אז דער פארהאנג לאזט זיך ארונטער...

נאכ'ן שפיעל האבען די ישיבה לייט געזונגען, געזאגט גראמען, גע־טאנצט מיט'ן ראש ישיבה, מיט דעם ראש ישיבה'ס אידענע, מיט דעם ראש ישיבה'ס טעכטער, און האבען זיך משמח געווען ביז טאג.